STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06028

GESHIKHTE FUN DER EVOLUTSYE FUN RELIGYEZN GEDANK

Salomo Bogin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלמה באָגין

געשיכטע
פון דער עוואלוציע
פון רעליגיעזן געדאַנק.

מיט א פאָרוואָרט פון א. אלמי

פארלאג „שטימע" ניו-יאָרק-גלובאָק
1937

Szloma Bogin. Geszichte fun der ewolucie fun religiezn gedank. Printed in Poland.

Złożono i odbito
w drukarni M. Kacowicza
m. Głębokie, pl. 3-go Maja 8.

Nakładem wydawnictwa S[illegible]

פארווארט.

ה׳ שלמה באגין, דער מחבר פון פֿאַרליגנדיקן בוך, האט מיט א צייט צוריק מיר צוגעשיקט די קאָרעקטור-בויגנס פון זיין סעריע ארטיקלען וועגן דער אנטוויקלונג פונ׳ם רעליגיעזן געדאנק און מיך געבעטן צו באקענען זיך מיט זיין ארבעט.

די ארטיקלען, געשריבן אין א לייכט-פליסיקן סטיל, האבן מיך פאראינטערעסירט באלד ווי כ׳האב זיי אנגעהויבן צו לייענען. פאר מיר האט זיך אנטפלעקט א פאפולער-וויסנשאפטלעכער שריפטשטעלער פון דער ריינסטער פראבע, און איך האב ה׳ באגינען געראטן ארויסגעבן זיין ארבעט אין בוכפאָרם.

דער ענין — די געשיכטע פון דער עוואליוציע און רעוואליוציע פון רעליגיעזן געדאנק — איז אזא, וואס פאדערט סיי גרויסע באהאוונטקייט אין די מיטאלאגיעס פון די פארשיידענע פעלקער, אין אלערליי פילאסאפיעס און סיסטעמען; סיי אנ׳אביעקטיוו-וויסנשאפטלעכע אויפפאסונג פון אָט-דעם איידעלן געביט, און דערצו א קלאָר-דערציילעריש לשון, כדי איבערצוגעבן דעם לייענער, איבערהויפט יענעם לייענער, וואס איז ווייניק, אדער גארנישט, געניט אין אזעלכע ענינים, אויף א פארשטענדלעכן אופן דאס, וואס דער מחבר ווייס. די אלע מעלות באזיצט שלמה באגין אין א געהעריקער מאס.

אז אזא ווערק איז פון דער גרעסטער וויכטיקייט אין דער יידישער ליטעראטור, איז גאר איבעריק צו זאגן. ס׳איז וויכטיק פאר דעם ארטאדאקסישן ייד, וועלכער לעבט אין א גייסטיקער געטאָ פון דער רעליגיעזער טראדיציע און ווייס לחלוטין גארנישט פון אנדערע אמונות און אפילו נישט מכח דער עוואליוציע פון זיין אייגענער אמונה; און ס׳איז אפשר נאך וויכטיקער פאר דעם מאדערנעם ראדיקאלן יידישן לייענער, וואס איז ביי זיך זיכער, אז ער ווייס שוין אלץ, וואס ס׳איז שייך רעליגיע, נאכדעם ווי ער האט איבערגעלייענט עטלעכע פלאכע, קואזי-וויסנשאפטלעכע ביכלעך, וואו עס ווערט „באוויזן״, אז רעליגיע איז פינצטערניש, אדער גאר א שווינדל, גאט איז א אויסטראכטעניש און אלץ קומט פון דער נאטור, גלייך דער מהות און עצם פון דער נאטור גופא וואלט שוין פאר אונז געווען איינמאל - פאר - אלעמאל קלאר, ממש ווי צוויי מאל צוויי איז פיר.

אָט-דער אלץ-ווייסנדיקער „אפיקורס״, וואס שפייזט זיך נאך אויף דער תורה פון בנימין פייגענבוים, ד. מ. הערמאלין און פיליפ קראנץ, אדער פון העברעאישן גרשון ראזענצווייג, צו אפילו אויף די עכט-וויסנשאפטלעכע מאטעריאליסטישע סאציאל-עקאנאמישע טעאריעס, וואס זיינען פארגליווערט גע-

ווארן אין דאגמאטיזם ניט ווייניקער ווי די רעליגיע. — אָט דער אלץ-וויסנ-דיקער שטעלט מיט זיך פאָר דעם גרויסן רוב לייענער פון דער מאדערנער יידישער ליטעראטור. ס'איז ניט זיין שולד, נאר די שולד פון דער ליטערא-טור אונזערער, וואס האט זיך באגרענעצט אויף בעלעטריסטיק און א ביסל יודאיקע און אידישיסטיק, אבער פארנאכלעסיקט אויף א פארברעכערישן אופן די אלגעמיינע וויסנשאפטן. דער מאדערנער יידישער לייענער, וואס האט ניט קיין צוטריט צו אנדערע ליטעראטורן, איז אנגעוויזן אויף פאפולאריזאטארן, וואס האבן אים דערלאנגט אויבנאויפיקע, אָפט פאלשע, פארשטאנענע ידיעות פון די נאטור-וויסנשאפטן, ווי זיי האבן געהאלטן אין 19-טן יארהונדערט, ווען פארשכורט פון די ערשטע דערפאלגן, איז דער וויסנשאפטסמאן איינגע-גלויבט געווען אין זיך, אז באלד וועט ער אויף א דיין-לאבאראטארישן שטייגער לעזן אלע וועלט-רעטענישן.

אונזערע היימיש-געבאקענע „וויסנשאפטסלייט" פון פייגענבוימס חדר, ס'רוב געוועזענע קלויזניקעס, וועלכע האבן זיך אליין קוים אריענטירט אין דעם אלף-בית פון די פיזיקאלישע וויסנשאפטן, האבן זייער גאנץ ביסל וויסנ-שאפטלעכע ערעמקייט פארשווענדעט אויף אטעאיזם, אויף „באווייזן", אז ס'איז נישטא קיין גאט — און זיי זיינען אין זייער אטעאיזם געווען אזוי פאנאטיש-פרום ווי פריער אין זייערע רעליגיעזע גלויבנס, בעת זיי זיינען נאך געזעסן אין דער ישיבה. דערביי איז עס ביי אונז געבליבן. דער לייענער פון דער העברעאישער ליטעראטור איז נישט ווייט אוועק פון מיכל וועבערס נאטור-וויסנשאפטלעכע פאפולאריזאציעס, צו גאר פון גרשון ראזענצווייגס תורה; און לייענער פון דער יידישער ליטעראטור שטעקן נאך אין די „אויפקלערענישן" פון די דערמאנטע מחברים.

וואס ווייס דער גרויסער יידישער לייען-עולם מכח דער רעוואליוציע, וואס איז די לעצטע פינף און צוואנציק יאר, און דערהויפט אין לעצטן צענדליק יאר, פארגעקומען אין דער נאטור-וויסנשאפט, אין די פיזיקאלישע טעאריעס א רעוואליוציע, וואס האט צושמעטערט די מאטעריאליסטישע שיטה; א רעוואליוציע אין אונזערע באגריפן פון גאט, מענטש און וועלט? ביי אונז ווייס מען נאך נישט, אז מ'מעג שוין גלויבן אין גאט און דאך זיין אן אויפ-געקלערטער מענטש. ביי אונזער „אויפגעקלערטן" לייענער הערשט נאך די דעה, אז דאס רעליגיעזע געפיל איז אסור על-פי דער וויסנשאפט, בעת די גרעסטע וויסנשאפטלעכע גאונים פון דער היינטיקער צייט האבן ניט נאר מתיר געווען דאס רעליגיעזע אין אונז, נאר בארעכטיקן אפילו א סינטעז פון וויסנשאפט און רעליגיע; שוין נישט צו ריידן דערפון, וואס אייניקע פון די

גרעסטע אסטראָ-פיזיקער, ווי, צוםביישפּיל פּראָפ. עדינגטאָן און לאַדזש זיינען רעליגיעז-פרום און איינער פון די סאַמע גרעסטע, דער אסטראָנאָם און מאַטעמאַטיקער לע-מעיטר, איז אַ קאַטוילישער פּריסטער, אין דער צייט, וואָס פּראָפ. מיליקאַן, דער וויכטיקסטער אויספאָרשער פון די „קאָסמישע שטראַלן", דערקלערט, אַז אַלע נאַטור-וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען פירן אונז צו דער איבערצייגונג, אַז דער אוניווערס ווערט באַהערשט פון געטלעכן פאַרשטאַנד; אין דער צייט, וואָס פּראָפ. איינשטיין אַליין זאָגט אַרויס, אויפן יסוד פון זיינע אייגענע פאָרשונגען, עכט-רעליגיעזע געדאַנקען (אין זיין פּרעכטיקער עסיי: „אין וואָס איך גלויב") און אַזעלכע וויסנשאַפטלעכע ריזן ווי קאַמפּטאָן, דזשיימס דזשענס און עדווין ב. פראָסט בויגן זייערע קעפּ מיטן גרעסטן יראת הכבוד פאַר דער געטלעכער קראַפט, וואָס דאָמינירט דעם אוניווערס — אין אָט דער צייט הערט מען נאָך ביי אונז, אַפילו גאָר לעצטנס, ווי פּסעוודאָ-וויסנשאַפטלעכע שרייבער פון מאַטעריאַליסטישן חדר פאַרלייקענען, אין נאָמען פון דער נאַטור-וויסנשאַפט, דאָס רעליגיעזע געפיל.

אַזוי איז מיר אויסגעקומען צו לייענען אַן אַרטיקל פון ד"ר מ. אוריאַל, וועלכער פּרעגט אָפּ אַ באַהויפּטונג פון ד״ר זילבערפאַרב, אַז וויסנשאַפט קאָן ניט געבן קיין ענטפער אויף די עיקרדיקע וועלט-פּראָבלעמען. ד"ר אוריאַל איז האַפערדיק-זיכער, אַז די וויסנשאַפט קאָן עס יאָ, בעת די הויפּט-ציילן פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט זיינען דווקא איבערצייגט, אַז די וויסנשאַפט וועט קיינמאָל נישט געפינען קיין ענטפער אויף די עיקרדיקע וועלט-רעטענישן און אַז מיר וועלן אַפילו קיינמאָל נישט וויסן, וואָס „ווירקלעכקייט" איז אַזוינס. דער זעלביקער ד"ר אוריאַל ווייס אויך צו דערציילן — און אַלץ מיט פולער זיכערקייט — אַז רעליגיעזע געפילן און רעליגיעזער גלויבן זיינען אַ רעפלעקס פון דער מענטשלעכער שוואַכקייט און מענטשליכער קנעכטשאַפט און פאַרשקלאַפונג — און אַלץ אין נאָמען פון דער וויסנשאַפט. פרעגט זיך: פון וועלכער וויסנשאַפט? די מאָדערנע נאַטור-וויסנשאַפט דערציילט דאָך אַן אַנדער מעשה!

דער וויסנשאַפטלעכער שריפטשטעלער, ד״ר ק. ל. דראַברידזש, האָט אין 1932 אַרויסגעגעבן אַ בוך „דהי רעלידזשאַן אָיו סייענטיסטיש" (די רעליגיע פון וויסנשאַפטסלייט), וווּ ער ברענגט זעקס פראַגן, וואָס ער האָט געשטעלט די מיטגלידער פון דער „ראָיאַל סאָסייעטי" אין ענגלאַנד אַ געזעלשאַפט וואָס אין איר ווערן אַריינגענומען בלויז די סאַמע גרעסטע. די יחידי-סגולה, פון דער וויסנשאַפט. די זעקס פראַגן — און די ענטפערס אויף זיי — זיינען:

1 גלויבט איר אין דער עקזיסטענץ פון אַ גייסטיקער קראַפט, וואָס הערשט

אין אוניווערס? 127 מיטגלידער פון דער וויסנשאפטלעכער געזעלשאפט האבן געענטפערט, אז זיי גלויבן אין אזא גייסטיקער קראפט. בלויז 13 האבן אויסגעדריקט זייער אומגלויבן.

II האלט איר, אז דער מענטש טראגט ביז א געוויסן גראד די אחריות פאר זיינע האנדלונגען? 173 האבן געענטפערט יאָ און בלויז 7 — ניין.

III דענקט איר, אז דער גלויבן אין עוואליוציע איז אין סתירה צו דעם גלויבן אין א באשעפער? 143 האבן ניט געזען אזא סתירה. בלויז 6 האבן דאס יא געזען.

IV האלט איר, אז די וויסנשאפט פארניינט די אידייע פון א פערזענלעכן גאט, ווי דאס ווערט אויסגעדריקט אין דער ביבל? 103 האבן געענטפערט, אז די וויסנשאפט פארניינט ניט די דאזיקע אידעע, 26 האבן געענטפערט, אז זי פארניינט יא.

V גלויבט איר, אז די פערזענלעכקייט פון דעם מענטש עקסיסטירט נאכן טויט פון זיין גוף? די גרויסע מאיאריטעט האט אויסגעדריקט גלויבן אין השארת הנפש.

VI דענקט איר, אז די לעצטע אומגעהייערע אנטוויקלונג פון דעם וויסנשאפטלעכן געדאנק איז גינציק פאר דעם רעליגיעזן גלויבן? 74 האבן געענטפערט, אז יא; און 27, אז נישט.

ווי ס'איז צו זען, זיינען די גרעסטע וויסנשאפטלעכע פארשער פון אונזער צייט, טאקע די, וואס פארנעמען זיך כסדר מיט די סודות פון דער וועלט-אסטראנאמען, מאטעמאטיקער, ביאָלאגן און כעמיקער—צוריקגעקומען צום רעליגיעזן וועלט-באנעם. וואס די נאטור-וויסנשאפט פון 19-טן יארהונדערט האט געהאט פארווארפן; וואס טיפער די וויסנשאפט דרינגט אריין אין די סודות פונם באשאף, אין די רעטענישן פון דער וועלט, אלץ נעענטער קומט זי צו צום געטלעכן מקור און אלץ מער זעט זי איין די באשרענטקייט פונם מענטשלעכן שכל לגבי דער אומענדלעכקייט פון דער יצירה. דאָ פארווירקלעכט זיך פולשטענדיק דאס ווארט פון דעם ענגליש פילאזאף פראנציס בייקאן, אז „אויבערפלאכלעך דענקען פירט צו אטעאיזם, אבער א טיפער דענקען פירט צו רעליגיע". אדרבא, רעדט מיט א יונגענמאן, אדער מיידל, וואס האט א באש-געטאן א ביסל וויסנשאפטלעכע ידיעות, און זיי וועלן אייך אקוראט זאגן ווי אזוי אלץ איז געווארן. טאמער וועט איר זיי אנרופן א גרויסן וויסנשאפטסמאן, וועלכער דארף גיכער וויסן „ווי אזוי אלץ איז געווארן" און דאך שעמט ער זיך נישט מודה צו זיין, אז מיר קענען ניט דערגיין די געטלעכע דרכים—וועלן די דאזיקע „אויפגעקלערטע" יונגעלייט און מיידלעך אויף אייך

קוקן יוי אויף א ליגנער און פארפיו׳ער.

דא איז יישע ווירטיק. וואס אזוינס דער, אדער יענער וויסנשאפטסמאן פארשטייט אונטערן ווארט „גאט״. דאס איז שוין גיכער א פראגע פון פאנטא־זיע, ווי פון וויסנשאפט. דער עיקר איז, אז די מיינסטע נאטור־פארשער פון אונזער צייט זיינען, טאקע א דאנק זייערע אומדערמידלעכע עקספערימענטן, געקומען צום אויספיר, אז אין דעם אוניווערס איז שולט א גרויסער פאר־שטאנד, א געטלעכער געדאנק, א באוווסטזיניק־שעפערישע קראפט. דידרא איז גערעכט געווען: „אנשטאט צו זאגן, אז גאט איז נישט אזוי, ווי מיר שטעלן זיך אים פאר, זאגן טייל, אז גאט איז כלל נישטא״. ביי אונז — און גיט נאר ביי אונז — פארמישט מען נאך די דאגמאטישע, פארמאליסטישע רעליגיע מיטן רעליגיעזן געפיל, וואס איז פונדאמענטאל אין אונז און אין קאמף קעגן דעם איינפלוס פון קירך, שול, מעטשעט, וואס זיינען געווארן זיילן פון אומרעכט, אין דינסט פון אן אונטערדריקערישן קלאס, שיסט מען פולווער אויף דאס רעליגיעזע בכלל, אויף דעם רעליגיעזן אינסטינקט און מענטש, וואס איז אזוי נאטירלעך און אייביק, ווי די אינסטינקטן פון ליבע, געשלעכט, טרויער און בענקשאפט.

דעריבער איז געקומען צו א לאגע, אז בעת אלע אנדערע וויסנשאפטן האבן אין די לעצטע יארן רעווידירט זייערע גרונט־פרינציפן און נישט קיין מורא געהאט צו דערקלערן באנקראט דעם מאטעיאליסטישן יסוד, וואס אויף אים זיינען זיי פריער געשטאנען, איז בלויז דער מארקסיזם געבליבן שטיין אויפן מאטעריאליסטישן שטאנדפונקט, און ס׳איז באמת טראגי־קאמיש: די וויסנשאפטן, וואס פארנעמען זיך מיט דער מאטעריע פון דער וועלט, דער־ווייטערן זיך פון מאטעריאליסטישן גלויבן אבער ווען אן אנהענגער פון מארקס און לענין זאל מאכן דעם מינדסטן אפנייג פון דעם מאטעריאליסטישן פרינציפ, וואלט ער געהאט אזא סוף ווי אן אפיקורס גמור, אדער א משומד צווישן פרומע יידן. ניט אומזיסט ווייזן אן קריטיקער, אז דער מארקסיזם וואס האט אויף זיין פאן אויפגעשריבן: „רעליגיע איז אפיום פארן פאלק״, האט זיך אליין פארוואנדלט אין א דאגמאטישער רעליגיע.

איך בין אפשר אוועקאן א זייט, מחמת די אויפגאבע פון שלמה באגינס ווערק איז נישט קיין פראפאגאנדיסטישע פאר אדער קעגן רעליגיע. עס איז, ווי געזאגט און ווי דער נאמען פון דער ארבעט ווייזט, אן אביעקטיווע אפ־האנדלונגען וועגן דער אנטוויקלונג פון דעם רעליגיעזן געדאנק אין פארלויף פון דער מענטשלעכער געשיכטע. אבער איך גלויב, אז נאכדעם ווי דער לייענער באקענט זיך מיט אזא אפהאנדלונג, מוז זיין בליק אויף רעליגיע בכלל

ווערן אן אנדערער, א ברייטערער און פרייערער, דאס ווידער מוז שוין ממילא פירן צו אבעסערער פארשטענדניש פון דעם רעליגיעזן מהות, וואס לעבט אין אונז, ווי אויף דעם גאנצן באשאף.

דערפאר טוט מיר דנאה, וואס שלמה באגין האט אנגענומען מיין עצה ארויסצוגעבן זיין אפהאנדלונג אין בוכפארם — די יידישע ליטעראטור געווינט דערמיט א וויכטיק בוך, א נייטיק בוך. הלואי זאלן זיך אזוינע ביכער מערן ביי אונז און ס'וועט ליכטיקער ווערן אויף דער יידישער גאס.

ניו-יארק — א. אלמי

אריינפיר

ניט די געשיכטע פון רעליגיע, נאר די געשיכטע פון רעליגיעזן געדאנק איז די אויפגאבע פון דער דערלאנגטער ארבעט. בעסער געזאגט, א סאציאלאגישער פסיכאאנאליז איבער דער געשיכטע פון דער עוואָליוציע פון רעליגיעס, פון זייערע נידעריקסטע קולטור-מדרגות אָן ביזן הַיינטיקן טאג. כדי פעסטצושטעלן די גרענעצן פון זייער אנטוויקלונג און די היסטארישע ווירדע פון דער רעליגיעזער פראָבלעם, איז דער צוועק פון דער פארשונג.

דער היסטארישער מאטעריאל פאר דער ארבעט באשטייט פון פארשיידענע היסטארישע דאקומענטן, וועלכע ס׳זיינען פארהאנען פאר היינט, וויבאלד די רעליגיעזע אנטוויקלונג בא דער אדער יענער רעליגיע, ווי די תורה, תלמוד, אגדה, מדרש, פוסקים, ליטעראטור און מיטאלאגיעס, דער נייער טעסטאמענט און קאטעכיזם פון דער קריסטלעכער רעליגיע, דער קאראן פון דער מחמדאנישער רעליגיע און אזוי ווייטער.

אין דעם פאל פארנעמט זיך ניט דער מחבר מיט דער ביבל קריטיק אדער אנדערע קריטיק פון די היסטארישע אמתדיקייטן פון דער אדער יענער רעליגיע, ווייל פאר דעם מחבר איז מאסגעבנד דער געשריבענער דאקומענט, וועלכער איז פאקטיש אנגענומען דורך די אדער יענע מאמינים און וועלכער ס׳האט פאקטיש באהערשט די מחות פון מענטשן צו גלויבן און לעבן לויט די געדאנקען.

מיט אזא פראגע צי די תורה האט געשריבן משה צי עזרה, אדער צי יעזוס איז געווען, צי ער איז גאר ניט געווען און ענלעכע היסטארישע ספקות, זאלן זיך פארנעמען די פארשער פון די פארשיידענע אורקונדן אויסגעקריצט אויף שטיינער, געשריבן אויף פאפירוס וכדומה. זייער ארבעט קען אונז דינען אלס פונדאמענט פאר אונזער ארבעט און מיר מוזן גלויבן זייערע דערגאנגענע אמתן אויף די אורלאַטע דאקומענטן.

אין אונזער פאל קען די תורה אונז דינען אלס דאקומענט אומאפהענגיק ווער איר אמתער מחבר איז געווען און אין וועלכן יארהונדערט ער האט געשריבן. די ווערק וואס רופט זיך תורה ליגט פאר אונז אלס אומספקדיקער דאקומענט. מיר לייענען אלע ארויסגעזאגטע געדאנקען און מיר ווייסן וואס פאר א ווירקונג די אלע געדאנקען האבן געהאט אויף די גלויבער אין משך פון דער וועלט געשיכטלעכער אנטוויקלונג. דאס זעלבע איז מיטן נייען טעסטאמענט, קאָראן, היילקע בודיסטישע שריפטן וכדומה. יעדער רעליגיע האט דאך געגעבן אירע מאַמינים א פראגראם אין לעבן — א פארענטפערונג וועגן

דער באַציאונג פון מענטש צו גאָט און פון מענטש צו מענטש. יעדער רעלי-גיע איז פאַר לעבעדיקע מענטשן און זי קוועלט פון לעבן. יעדער רעליגיע-זע וועלטאַנשויאונג איז פאַקטיש א לעבנס וועלטאַנשויאונג. די געשיכטע פון רעליגיעזן געדאַנק איז פאַקטיש פאַרבונדן מיט דער געשיכטע פון אַלט לעבן פון יעדער עפּאָכע—פון די גייסטיקע יוערטן פון דורות. די געשיכטע פון רעליגיעזן געדאַנס איז אויך געבונדן מיט אמונה. דאָרט וואו ס׳איז פאַראַן אמונה קומט אָפּט א רעאַקציע פון דעם גלויבנדן צו דעם היסטאָריקער, וועל-כער שאַצט ניט אָפּ די זאַך לויט זיין שטאַנדפּונקט. די אויפגאַבע פון מחבר איז אָבער ניט קריטיקירן, אויך ניט פאַרטיידיקן די אָדער יענע רעליגיע. נאָר אַנאַליזירן, פאַרשטיין, דערפינדן אויפן אָביעקטיוון אופן די אַנטוויקלונג פון רעליגיעס, אויסגעפינען דעם זין און לאָגיק פון דער היסטאָרישער ווירק-לעכקייט. אויב דאָס לעבן איז דיאַלעקטיש—דינאַמיש שטעקט אָבער אין דער דיאַלעקטיק א געוויסע סטאַטישקייט פון די אייביקע נאַטור געזעצן. דורך א סאָציאָלאָגישן פּסיכאָאַנאַליז זוכט דער היסטאָריקער די סטאַטישקייט אין דער דינאַמיק פון דער געשיכטע, די מעטאַפיזיק אין דער דיאַלעקטיק.

דער מחבר גיט זיך אָפּ א רעכנונג מיט דער שוועריקייט פון זיין אויפגאַבע צו שרייבן א געשיכטע פון מענטשלעכן געדאַנק, וועלכער ס׳איז רעלאַטיוו און ווערט פאַרשיידן קאָמענטירט דורך פאַרשיידענע מענטשן לויט זייער אַרט גלויבן און דענקען. וואָס פאַר איינעם איז הייליק, איז פאַרן צווייטן טומאה, וואָס פאַר איינעם איז עס געזעצלעכע אַנטפּלעקונג—פאַרן צווייטן בלויז שקר. יעדער אמונה האָט שטענדיק געהאַט אירע אַנהענגער און קעגנער, און דעריבער מוזן צוגיין צו דעם ענין אָביעקטיוו, דעליקאַט מיט די בעסטע כוונות צו פאַרשטיין דעם אמת.

אויב רעליגיעס שיידן זיך אונטער איינע פון דער צווייטער מיט זייער דאָגמאַטיק — מיט דער לעבנס פּראָגראַם פון איר ערשטן אַנטפּלעקער, פון גאָטס וואָרט, איז אָבער פאַראַן אַזוינס, וואָס יעדער רעליגיע ענטהאַלט אין זיך. ניטאָ קיין איין רעליגיע, וואָס זאָל ניט פּריידיקן קיין מענטשן לי-בע, ניטאָ קיין איין רעליגיע, וואָס אין איר פּראָגראַם זאָל זיך ניט געפינען דער געבאָט פון העכסטער מאָראַל. דאָס לעבן, די פּאָליטיק, די מלחמות האָבן שפּעטער פאַרגוואַלדיקט די מאָראַל לערעס און יעדער הערשער האָט זיך גע-שאַפן זיין מאָראַל. רעכט און גערעכטיקייט זיינען רעלאַטיוו. יעדער מאַכט שאַפט אירע רעכט לויט איר מאָראַל און איבערצייגונג.

ביזן XIX יר״ה איז שטענדיק געווען געבונדן רעליגיע סיי מיטן לעבן פון אינדיווידיאום, סיי מיטן לעבן פון דער געזעלשאַפט. א פיינער לעבן —

א פיינע רעליגיע. א שלעכטער אַרט לעבן — א שלעכטע רעליגיע, די וועלט-אַנשויאונגען פון לעבן און פון רעליגיע זיינען געפלאכטן געווען אין איין בונד.

רעליגיע און גאט זוכעניש ליגט אין דער נאטור פון מענטש. פון פרי-מיטיוון ווילדן פעריאד ביז דער מאדערנער קולטור האט זיך דער מענטש ניט באפרייט פון דאס וואס רעליגיע אנטהאלט אין זיך.

רעליגיע ענדערט אפט איר פארם, איר וועלט אַנשויאונג, פונקט ווי דאס לעבן, מאכט דורך עוואליוציעס מיט רעוואליוציעס. פונקט ווי א בוים באנייט זיך אלע יאר מיט פרישע בלעטער, אזוי באפרישט זיך רעליגיע כסדר און מאכט דורך פארשיידענע פעריאדן. רעליגיע מאכט דורך פארשיידענע בין השמשות, צייטווייליקע אויסלעשונג-נאכט און א נייער מארגנשטערן ברענגט א נייע זונען אויפגאנג מיט א נייער רעליגיעזער וועלטאַנשויאונג. צווישן איין רעליגיעזער וועלט אנשויאונג און דער צווייטער מוז קומען אן אנטיטעזע פון כפירה, וועלכע ס'ברענט אונטער די אלטע וועלטאנשויאונג. שפעטער קומט דער סינטעז מיט דער באנייאונג. אין אנטיטעזע פעריאד דוכט זיך אויס, אז מענטשן פארווארפן איינגאנצן רעליגיע. נאר אזוי קען זאגן דער וואס גייט צו צו דער זאך אין קוק פון דער פסיכאלאגיע און אידעאלא-גיע פון זיין צייט. דרינגט מען אריין אין דער זאך היסטאריש זעט מען דעם קערנדל פון סינטעז און דער אנטיטעזע. מיר לעבן איצט אין פעריאד פון רע-ליגיעזער בין השמשות. מיר שטעקן אין דער עפאכע פון דער רעליגיעזער אנטיטעזע און כפירה.

דער מארקסיזם איז א גרויסע באוועגונג מיט א נייער וועלטאנשויאונג. די אלטע רעליגיעזע וועלטאנשויאונג פאַרט זיך ניט מיטן מארקסיזם און קיין נייע רעליגיעזע וועלטאנשויאונג האט נאך דער מארקסיזם צו זיך ניט צוגע-פאסט. שטעקט די וועלט אין כפירה און רעליגיעזער אנטיטעזע.

אזא פעריאד פון כפירה איז געווען בעת דער קריסטנטום איז אנגעקו-מען מיט זיין נייער לעבנס פראגראם און האט צושמעטערט די פיל געטער אין רוים צוזאמען מיטן אַרט לעבן פון די געצנדינער.

דער פעאדאליזם אין זיין אַנקומען האט געבראכט מיט זיך רעליגיעזע רעפארמאציעס און שפעטער, בעתן געבורט פון קאפיטאליזם, איז ווידער גע-קומען א רעליגיעזער בין השמשות און א כפירה פעריאד, ביז דאס נייע אַרט לעבן האט איינגעשלונגען דאס אלטע. מיר וועלן דא ניט בארירן די פראגע פון די טרייב קרעפטן, צו זיי זיינען געווען אידעאליסטישע, צו מאטעריאליס-טישע, אדער אפשר איינצייטיק ביידע צוזאמען, נאר א פאקט איז, אז אזעל-

כע עוואָליוציעס און רעוואָליוציעס האָט רעליגיע דורכגעמאַכט צוזאַמען מיטן לעבן.

געשיכטע איז די שפּיגל פון לעבן. לערנענדיק גוט געשיכטע מאַכן מיר דורך א טויזנטיאָריקע לעבנס-פּראַקטיק און דערפאַרונג. שטייענדיק אין דער אַנטיטעזע אויפן שוועל פון סינטעז, איז זייער נייטיק א פּסיכאָאַנאַליז מיט סאָציאָלאָגישע אויספירן, וואָס דאָס קען זיין א באַלייכטער פון ווייטערדיקן לעבן.

די געשיכטע דאַרף ניט זיין געשריבן ניט אין ווייסע און ניט אין רויטע ברילן, נאָר אין דער נאַטירלעכער ליכט פון דער ריינער וויסנשאַפט.

לוידער איז גאַנץ אָפט די געשיכטע-שרייבונג פאַרגוואַלדיקט דורך דעם אָדער יענעם קלאַס. גאַנץ אָפט ווערט געשריבן געשיכטע לויט א באַשטעלונג מיט פּניות און כוונות און דורכדעם פאַרלירט די געשיכטע איר אמתן ווערט.

א גרויסן טעות מאַכט דער מאַרקסיזם מיט זיין איגנאָראַציע צוגאַנג צו דער רעליגיעזער פּראָבלעם, פּונקט ווי דאָס וואָלט גאָר קיין פּראָבלעם געווען. עס איז אפילו אמת, אז קיין שפּאָגל נייע רעליגיעס שאַפן זיך ניט. יעדער רעליגיע באַנייט בלויז אירע בלעטער לויטן נייען קלימאַט, אָבער דער שורש מוז זיין דער זעלבער. באַ איצטיקער צייט וועט די וועלט ניט אָננעמען קיין נייע נביאים און אַנטפּלעקער פון נייעם געטלעכן האָרט. ווי אַמאָל פלעגט עס געשען. די רעליגיעזע וועלטאַנשויאונג, וועלכע ס'שטעקט נאָך אין דער אַנטיטעזע אין פאַרגלייך צום לעבנס וועלטאַנשויאונג מוז זיך אויפהויבן צום לעבן און איבערן לעבן. דאָס מוז קומען ניט דורך מיסטעריעס און לעגענדעס, נאָר דורך א העכערן באַוווסטזיין. די נייע נבואה מוז זיין ניט א נבואה פון „נאַראָנים“, נאָר א נבואה פון „חכמים“, וואָס האָבן דערגרייכט נבואה פון נאַטור דערקענטניש. דאָס עטישע, דאָס רעליגיעזע וואָס שטעקט אין לעבן גופא דאַרף פאַרשטאַנען ווערן.

יעדער שרייבער איז דאָך ניט מער ווי א לעבעדיקער מענטש מיט געדאַנקען און איבערצייגונגען פון וועלכע ער איז אפשר ניט בכח צו אַנטלויפן. די כוונה פון מחבר איז אָבער א ריינע. ער וויל צוגיין צו דער פּראָבלעם אָביעקטיוו, אומאָפּהענגיק, ריין וויסנשאַפטלעך.

* * *

אין די ערשטע קאַפּיטלען וועט זיך דער לעזער באַקאַנען מיט די וויסנשאַפטלעכע באַגריפן און טערמינען פון רעליגיע.

רעליגיע און גאט.

דאס ווארט „רעליגיע", איז שוין באנוצט געווארן נאך אין די אלטע צייטן דורך ציצעראן. דער שורש פון ווארט קומט פון אויסדריק Relegere צונויפקלייבן אלע יושרדיקע געפילן פון מענטש צו גאט, אדער Religare פאריייניקונג מיט גאט. איןביידע פאלן ווערט געמיינט רעליגיע אלס מיטל צו דערקענען גאט און אכטן אים. יעדער רעליגיע רעדט וועגן די פליכטן פון מענטשן פאר גאט און וועגן גלויבן אין א מאראלישער וועלט-ארדנונג. דער אינהאלט פון יעדער רעליגיע איז די אפהענגיקייט פון עטישן וועלט-כח-פון גאט. די רעליגיע, זאגט פראפעסאר מילער, ליגט אין דער לופט און יע-דער אָטעמט אריין אין זיך וויפיל זיין „איך" נייטיקט זיך אין דעם. דער נאמען גאט איז אנאויסווייניגסטער אויסדרוק פון דעם אינעווייניקסטן רעלי-גיעזן געפיל. דורך דאס ענדלעכע, וואס דער מענטש באגרייפט מיט זיינע חושים פילט ער שטענדיק דאס אומענדלעכע. ניט וויכטיק איז דער נאמען, ווי מענטשן האבן אנגערופן גאט, נאר די אינערלעכע געפילן און דראנג פון מענטשן צו באגרייפן דאס אומענדלעכע, דאס העכסטע איבער אלץ און אלעמען.

יעדער מענטש באגרייפט גאט לויט זיין וועלטאנשויאונג ד. ה. לויט זיין באנעמען די וועלט און פארשטיין זאכן. דער מענטש פון אור-אלטע צייטן האט אין זיין הארצן געטראגן דעם געפיל פון רעליגיע פונקט, ווי דער היינ-טיקער מענטש; זיין באגריף וועגן גאט איז אבער געווען א רעזולטאט פון זיין באגריף וועגן דער גאנצער נאטור און לעבן ארום אים. ער האט פאר זיך געזען ניט איין גאט, נאר פיל געטער: די זון א גאט, די לבנה א גאט, דער שטורם א גאט און נאך זאכן, וועלכע זיינען געווען אומפארשטענדלעך פאר אים זיינען פאר אים געטער געווען.

די ערשטע שטופע פון רעליגיע—אנימיזם ד. ה. דער מיינען פון מענטשן, אז ער איז ארומגערינגלט מיט גייסטער, דערנאך דער פעטישיזם, ד. ה. דער פארגעטערן פון זאכן: שטיינער, ביימער און אנדערע געגנשטאנדן, מיינענדיק, אז אין זיי ליגט פארבארגן א באהאלטענער כח. שפעטער דער פאליטעאיזם ד. ה. פילגעטעריי, ווען דער מענטש האט געמיינט, אז אלע צווייגן פון לעבן ווערן באווירקט יעדערער דורך א באזונדערן גאט. גאט פון שלום, גאט פון מלחמה, גאט פון פרייד און גאט פון טרויער, גאט פון ערד און גאט פון ים. נאך שפעטער דער מאנאטאאיזם ד. ה. דער גלויבן אין איין נאציאנאלן גאט איבער אלע געטער און נאך שפעטער דער העכערער מאנאטאאיזם — דער

גלויבן אין איין אוניווערסאלן אלמעכטשלעכן גאט. און דער פילאזאפישער פארשטיין גאט פון פאנטעאיסטישן שטאנדפונקט ד. ה. אז גאט איז די וועלט און די וועלט איז גאט.

דער פאנטעאיזם איז באנוצט געווארן צווייזייטיק. די אטעאיסטן ד. ה. די וועלכע ס'האבן ניט געגלויבט בכלל איז גאט האבן פון פשט. אז גאט דאס אין נאטור, ארויסגעדרונגען. אז עס איז פאראן בלויז נאטור און קיין גאט איז ניטא און דער פילאזאפישער מאנאטעאיזם, זאגט, גאט איז די נאטור און די נאטור איז גאט ד. ה. אז גאט באהערשט די גאנצע נאטור אומעטום איז ער פאראן דאס איז די פילאזאפיע פון בע"שט. דער בע"שט האט געזאגט, אז גאט עקזיסטירט איבעראל. עס איז ניטא קיין ארט, וואו דארט זאל ניט זיין די גאטהייט. אין גאנצער בריאה אין יעדער צווייגעלע אין יידער גרעזעלע איז קענטיק די גאטהייט.

אין די אלטע צייטן האבן מענטשן גערעדט, יועגן גאט ווי וועגן מענטשן ווי וועגן העלדן, שטארקערע מעכטיקערע באקעמפער, דער מאנאטאאיזם האט שוין באטראכט גאט, ווי איין וועלט-גייסט—א אידעאלער רוחנותדיקער כח איבער דער מאטעריעלער וועלט. דער העכערער מאנאטאאיזם, האט באטראכט גאט פאר דעם העכסטן גייסטיקן עטישן הויך, מאראלישן און העכסט יושרדיקן וועלט-כח. דער רמ"בם מיט זיין ראציאנאליזם שכלדיקן פארשטיין גאט, האט שוין באהויפטעט, אז אומעטום ווו עס ווערט דערציילט: „גאט האט גערעדט", „גאט האט געזען", „גאט האט געהערט", אז עס איז בלויז אלגאריע ד. ה משל. דער רמ"בם האט געזאגט, אז מען קען ניט פרעגן: „א וועלכער גאט איז", נאר מען קען זאגן א וועלכער גאט איז ניט, גאט איז ניט קיין גוף און קיין ענלעכעס צו וועלכע עס איז מאטעריעלע סובסטאנץ. און אויב מען קען ניט ריידן א וועלכער גאט איז קענען אבער יא ריידן וואס גאט איז: גאט איז דער גרעסטער וועלט שכל אין יעדלס כח, גאט איז איבער אלץ אין אלעמען גאט איז דער ערשטער שכלדיקער אנפאנג (בא דעם רמ"בם שטייט שכל איבער אלץ) א טיפער געדאנק ליגט אין דעם ספור התורה, בעת גאט באווייזט זיך צו משה'ן דורכן ברענענדן דארן און משה האט געפרעגט בא גאט זיין נאמען, כדי ער זאל קענען איבערגעבן די יידן דעם נאמען פון דעם, וואס האט אים געשיקט, האט אים גאט געענטפערט: „אהיה אשר אהיה"—איך וועל זיין וואס איך וועל זיין" „אזוי זאלסטו זאגן די יידן „אהיה" האט מיר געשיקט צו אייך" אין דעם ווארט ליגט איינגעוויקלט די אייביקע עוואליוציע וועגן באגריף וועגן גאט אנהייבנדיק פון אנימיזם, פאליטעאיזם און ענדיקנדיק מיטן מאנאטאאיזם און פאנטעאיזם. יעדער עפאכע האט געהאט א באגריף

יועגן גאט לויט זיין ארט וויסן, לויט זיין יועלטאנשויאונג און לויט זיין פארשטיין,

אנגערופן האט יעדערער גאט לויט זיין באגריף וועגן גאט. דער באגריף וועגן „יהוה" גופא האט זיך געביטן פריער האבן יידן באטראכט „יהוה" פאר דעם נאציאנאלן בלויז יידישן גאט. שפעטער הושע עמוס האבן שוין באטראכט גאט יהוה פאר דעם אוניווערסאלן אלמענטשלעכן יושרדיקן גאט.

אין ביבל ווערט גאט אנגערופן: „יהוה", „אב". „רחום". „קדוש" ד. ה. גאט, האר, אלמעכטיקער, באשעפער, פאטער, דערבארימדיקער, הייליקער.

אין תלמוד ווערט גאט באצייכנט מיט די נעמען „חנון", „רחום", „מי שאמר והיה העולם" — דער יואס האט געזאגט און די וועלט איז געווארן; „עתיקו של עולם", „מנהיגו של עולם", רבונו של עולם"—פירער, סוד און שעפער פון דער יועלט. „הכל בידי שמים",—אלץ פון דעם הימלדיקן; „ברוך המקום", „שכינה", „הקדוש ברוך הוא".

אין קבלה ווערט גאט אנגערופן: „אין סוף"—דער אומענדלעכער „חסד", „גבורה" „שם של י"ב אותיות"—דער נאמען פון די צוועלף אויתיות (מיסטיש) „רחמנא". אין דער פילאזאפיע ווערט גאט אנגערופן: „וועלט סובסטאנץ" (שפינאזא) „העכסטער וועזן"—(ראביעספער). אין דער גריכישער פילאזאפיע ווערט דורך אריסטאטעליסן גאט באצייכנט אלס „וועלט-שכל"; בא פלאטאנען אלס—„וועלט-אידעע"; בא די דייטשע פילאזאפן: פאר פיכטן איז גאט— „דער מאראלישער וועלט ארדנונג", פאר שעלינגן איז גאט „א לעבעדיקע צוזאמענהאנג פון די קרעפטן", פאר העגעלן איז גאט „דער אבסאליוט וועלט פראצעס, וועלכער אנטוויקלט זיך דיאלעקטיש".

יעדערער האט אנגערופן גאט לויט זיין באגריף און פארשטיין, לויט זיין וועלט אנשויאונג. עס איז אבער ניט וויכטיק דער נאמען, ניט וויכטיק די שפראך, וויכטיק איז דער געדאנק און שטרעמונג צו דאס העכסטע אויביקע און אומענדלעכע.

טעזע, אנטיטעזע און סינטעז פון רעליגיע.

אום כדי אויפצוקלערן דעם לעזער דאס באדייטונג פון זעזע, אנטיטעזע און סינטעז, וועלן מיר ברענגען פריער א פארגלייכונג פון וואס דער לעזער וועט קימען צו די טערמינען. אלץ אין דער נאטור ענטוויקלט זיך און מאכט דורך אן עוואליוציע און ענדערונגען. קיין זאך שטייט ניט אויף איין ארט אלץ אין דער נאטור איז אונטערגעווארפן ענדערונגען אונטער פארשיידענע ווירקונגען פון ארומיקן לעבן. זאלן מיר נעמען א ווייץ, קודם-כל האט זי איר

אייגנארטיקייט און נאטירלעכן אויסזען אלס ווייץ, די ווייץ ענדערט זיך בעת זי ליגט פארוייס אין דער ערד, דאן קומט זי אין א בארירונג מיט דער פייכטקייט פון דער ערד און זי פארלירט נויטווענדיק איר נאטירלעכן צו-שטאנד און עס דוכט זיך, אז זי איז צעפוילט, דערנאך גיט זי ארויס נייע שפראצונגען מיט נייע זאנגען פון וועלכע עס ווערן געבוירן נייע פרישע ווייצן, און זיינען איינצייטיק באגייסט, באפרישט מיט א נייען לעבן.

דער ערשטער צושטאנד פון דער ווייץ רופט זיך „טעזע“. בעת די ווייץ צעפוילט און פארשיידענע קרעפטן ווירקן אויף איר אז זי זאל פארלירן איר מראה, דאן רופט זיך איר צושטאנד—אנטיטעזע דאס איז א צושטאנד, ווען דאס פרימיטיווע נאטירלעכע ווערט פארניכטעט דורך דאס נייע און איינציי-טיק פאנגט זיך א פראצעס פון א רעגונג צו א נייען לעבן.

דער צושטאנד פון די ווייץ בעת זי וואקסט אויס און באקומט צוריק איר נאטירלעכן אויסזען, נאר זי ווערט באנייט רופט זיך עס דאן — סינטעז. דער סינטעז ענטהאלט אין זיך א טייל פון דער טעזע, ווייל ער איז ענדלעך צו דעם צושטאנד פון פרימיטיווקייט און נאטירלעכקייט, איינצייטיק איז סינטעז א צושטאנד פון באנייאונג נאך דער פארניכטענדער אנטיטעזע.

דער דייטשעסער פילאזאף העגעל האט אנטוויקלט די לערע פון טעזע, אנטיטעזע און סינטעז און האט דערוויזן, אז איבעראל איז דאס גאנצע עוואָ-ליוציע אין אלע געביטן פון לעבן אונטערגעווארפן אזעלכע געזעצן, ווי פון פרימיטיוו-נאטירלעכן צושטאנד. א צושטאנד, ווען דאס פרימיטיווע ווערט פארניכטעט און א צושטאנד ווען די אנטיטעזע באזייטיקט די חסרונות פון דער טעזע ברענגענדיק אבער איינצייטיק צוריק צום לעבן דאס נאטירלעכע מיט א באנייאונג. העגעל אלס אידעאליסט האט אנטוויקלט זיין לערע אין שייכות צו דער וועלט-אידעע. די וועלט אידעע מאכט דורך די עוואָליוציע און קומט פון דער טעזע צום סינטעז.

קארל מארקס, דער היסטארישער מאטעריאליסט, האט אויך אנטוויקלט די זעלבע לערע פון טעזע, אנטיטעזע און סינטעז. אבער בנוגע דער פראָ-דוקציע און מאטעריעלן זיין פון דער געזעלשאפט, א געוויסע געזעלשאפטלי-כע ארדנונג קומט אין לעבן נאטירלעך דערנאך ווערט זי צושטערט א דאנק די ארומיקע נייע פראדוקטיווע, עקאנאמישע סיבות. דאן קומט די אנטיטעזע, ווען די פארמען פון געזעלשאפטלעכן לעבן ווערן געענדערט. די אלע נייע פראדוקטיוו עקאנאמישע אומשטענדן ברענגען מיט זיך דעם סינטעז וועלכער ענטהאלט אין זיך דער טעזע, וועלכע איז ריין פון די צופוילונג א דאנק דורך אנטיטעזע און א נייע לעבן קומט פון סינטעז.

און אָט אזא צושטאנד ווערט כסדר דורכגעמאכט דורך דער שטענדיקער עוואָליוציע. ווען דער סינטעז ווערט צייטיק קומט ווידער א נייע אנטיטעזע. וועלכע ס׳ווערט געבוירן דורך די נייע לעבנס באדינגונגען און נאך איבערפוילונג קומט ווידער א נייער סינטעז. אום כדי צו פארשטיין דאס לעבן גרינדלעך מוז מען דערלערנען די עוואָליוציע און דיאלעקטיק פון דער טעזע, אנטיטעזע און סינטעז.

אזוי ארום זעען מיר, אז יעדער טעזע איז מעטאפיזיש — אייביק מיט דעם, וואס נאך אלע ענדערונגען מוז דער סינטעז ד. ה. דער נייסטער אויסדרוק ענטהאלטן אין זיך דאס ווידערגעבורט פון דער טעזע. די פארניכטונג פון דער טעזע דורך דער. אנטיטעזע איז ניט קיין אמתע פארניכטונג, נאר א ענדערונג און א צוגרייטונג צו א נייער ווידערגעבורט. ווען מען קוקט אויבנאויף דוכט זיך, אז קיין זאך איז ניט מעטאפיזיש סטאטיש, נאר דיאלעקטיש דינאמיש, נאר דורך דער גאנצער דיאלעקטיק ציט זיך, ווי א שניר די סטאטישקייט און מעטאפיזישע טעזע.

דאס זעלבע איז אויך מיט רעליגיע. רעליגיע מאכט דורך אן עוואָליוציע פון דער טעזע, אנטיטעזע און סינטעז. די טעזע פון רעליגיע איז א פרימיטיוו-נאטירליכע געוויקס פון לעבן פון מענטשן. ווו נאר מענטשן זיינען געווען איז שטענדיק אויך רעליגיע געווען. די ערשטע מענטשלעכע קולטור, אנפאנגענדיק פון ווילדן וואלד מענטש, וועלכער ס׳איז געווען האלב חיה, האלב מענטש, באשטייט פון א וועלכן עס איז רעליגיעזן באוווסטזיין. די געשיכטע פון רעליגיע איז אזוי אלט, ווי די געשיכטע פון מענטש. ווו עס איז געווען מענטש איז אויך רעליגיע געווען. שטענדיק פלעגט אבער דער העכערער וויסנשאפטלעכער באוווסטזיין ברענגען מיט זיך אנטיטעזע דורך וועלכער דאס פריערדיקער רעליגיעזע באוווסטזיין פלעגט אנפאנגען פוילן און צופאלן, אבער פונקט, ווי די בוים בייט אירע בלעטער, פלעגט שטענדיק די אנטיטעזע ברענגען א נייען סינטעז — א נייען רעליגיעזן באוווסטזיין. פריער איז אנימיזם געווען די טעזע פון רעליגיעזן באוווסטזיין איז געקומען די אנטיטעזע און האט פארניכטעט דעם אנימיזם און געבראכט מיט זיך דעם פאָליטעאיזם אלס העכערן סינטעז פון יענער צייט, שפעטער איז דער מאָנאָטעאָאיזם געווען דער סינטעז, נאך שפעטער דער פאנטעאיזם. מיט איין ווארט אויך רעליגיע מאכט דורך איר שטענדיקע עוואָליוציע, אבער בלויז אין אירע פארמען אבער ניט איר אינהאלט.

רעליגיע און געטלעכע אנטפלעקונג

וואס איז אזוינס אנטפלעקונג? דאס אנטדעקן און אנטפלעקן זיך פון העכסטן וועזן-גאט—דורך נביאים אדער אנדערע מענטשן, כדי צו געבן צו וויסן מענטשן זיין ווילן. וואס פארלאנגט גאט פון מענטשן? אט דאס איז די הויפטפראגן אויף וואס יעדער רעליגיע גיט אן ענטפער לויט איר לערע וועגן געטלעכע התגלות, יעדער רעליגיע זאגט, אז בלויז זי פארמאגט דאס אמתע אנטפלעקונג — דאס אמתע גאטס ווארט וואס פארלאנגט גאט פון מענטשן? אויף דעם גיט יעדער רעליגיע אן ענטפער לויט איר וועלטאנשויאונג און באגריף וועגן אנטפלעקונג פון גאט צו מענטשן. די געצנדינער, וועלכע ס'האבן זיך פארגעשטעלט גאט מגושמדיק, ווי א שטארקן קאפריזנעם העלד אדער קעניג, האבן געפרווט פארשטיין גאטס ווילן לויט זייערע ווילדע פאנטאזיעס. אין פעריאד פון פאליטעאיזם—געצנדינעריי, האבן די כהנים-פריסטער געלערנט, אז גאט פארלאנגט מענטשלעכע קרבנות. דאס פאלק פלעגט גלויבן, אז נאטס צארן קענען שטילן, נאר דורך מענטשלעכע קרבנות און אזעלכע קרבנות זיינען געבראכט געווארן.

די אנטפלעקונג לויט פיל מיטאלאגישע רעליגיעזע וועלטאנשויאונגען, דאס איז א סטודיע פון דער ווילדער מענטשלעכער פאנטאזיע.

דער מאנאטעאיזם—דער גלויבן אין איין גאט — אין איין רוחניותדיקן גייסט האט שוין געהאט א העכערן באגריף וועגן געטלעכע אנטפלעקונג.

דער יודאאיזם שטעלט זיך פאר די געטלעכע אנטפלעקונג צו משהן, ווי די אנטפלעקונג פון העכסטן וועלט-גייסט צו משהן, געבנדיק אים די תורה פארן יידישן פאלק.

דער נאציאנאלער מאנאטעאיזם, זעט אין דעם אנטפלעקונג פון יידישן גאט, די אוניווערסאלע נבואה זעט פאר זיך די אנטפלעקונג פון העכערן מאנאטעאיזם, וועלכער ס'איז אוניווערסאל-אלמענטשלעך.

וואס פארלאנגט גאט פון מענטשן?

לויטן נאציאנאלן יודאאיזם, פארלאנגט גאט דאס, וואס עס איז געשריבן אין דער תורה און תלמוד. לויטן אוניווערסאלן יודאאיזם, פארלאנגט גאט דאס וואס די לעצטע נביאים הושע עמוס האבן געלערנט.

די קריסטלעכע באגריפן וועגן אנטפלעקונג שטיצן זיך אויפן עוואנגעליום, אויף די אפאסטאל געשיכטעס און שפעטער אויף די פארשיידענע מיסטישע לערעס פון פארשיידענע מיסטיקער און סעקטאנטן.

דער מחמדניזם באהויפטעט, אז גאט האט אנטפלעקט צו מענטשן זיין

ווילן דורך דעם נביא מחמד. מיט איין ווארט יעדער רעליגיע גלויבט, אז נאר זי פארמעגט די אמתע אנטפלעקונג—דאס אמתע ווארט פון גאט.

ווי אזוי אנטפלעקט זיך גאט? אמאל האט מען געמיינט, אז גאט אנטפלעקט זיך צו זיינע אויסגעווײלטע פנים אל פנים. שפעטער האט מען זיך פארגעשטעלט נבואה אנטפלעקונג דורך כח הדמיון, דורך עקסטאז, דורך חלום און ענלעכעס. דער רמב״ם, האט זיך פארגעשטעלט, געטלעכע אנטפלעקונג דורך דעם שכל, פונקט ווי אן עלעקטרישע סטאנציע דערלאנגט ליכט אין אלע הייזער פון א־ר עניערגיע-קוואל. אזוי אנטפלעקט זיך גאט צום מענטשן באלויכטענדיק דעם מענטשלעכן מח, זיין מקור השכל, דער שכל פון מענטשן איז א טראפן פון דעם שכל וואס פליסט פון געטלעכן קוואל.

כל זמן איבער רעליגיע האט געהערשט די סכאלאסטיק האט די פילאזאפיע ניט געהאט צו טאן מיט אנטפלעקונג, ווייל יעדער מין אנטפלעקונג איז איבערגעגעבן געווארן במסורה און איינגעפעסטיקט מיט טראדיציע און אויטאריטעט. די פילאזאפיע איז געטיילט אויף צוויי באגריפן וועגן אנטפלעקונג: אידעאליסטישער-דואליסטישער באגריף און דער מאטעריאליסטישער-מאניסטישער באגריף. דער אידעאליזם איז אינדעטערמיניסטיש ד. ה. ער אנערקענט, אז די ערשטע סיבה פון וועלט און זיין איז א גייסטיק-וועלט אידעע און דער מאטעריאליזם איז דעטערמיניסטיש ד. ה. אז יעדער סיבה קומט דורך א רעאלע נויטווענדיקייט. דער דייטשעסער פילאזאף (דילעקטישער אידעאליסט) העגעל זאגט אין זיין: „פילאזאפיע פון דער געשיכטע“, „דער פארשטאנד אין זיין קאנקרעטע פארשטעלונג איז „גאט“. גאט רעגירט מיט דער וועלט: דער אינהאלט פון זיין רעגירונג, די אויספירונג פון זיין פלאן איז די וועלט-געשיכטע“. דער פראנצויזישער דענקער באסועט אין זיין בוך: „באטראכטונגען וועגן דער אלגעמיינער געשיכטע“ זאגט, „דורך דער געשיכטע אנטפלעקט זיך א געטלעכע השגחה איבער דעם מענטשלעכן מין.

שעלינג האט באהויפטעט, „די געשיכטע — דאס איז א שטענדיקע בהדרגה זיך אויפפעפענדיקע אנטפלעקונג פון אבסאליוטן ד. ה. גאט“.

פרידריך מילער זאגט: „באזונדערע געשעענישן אין דער וועלט-געשיכטע מיט פעלקער, באשטעטיקן אונז די געטלעכע אנפירונג, יעדער געשעעניש אין דער וועלט-געשיכטע באשטעטיקט מיט וואס פאר א לאגישער נויטווענדיקייט סיקומען פאר די וויכטיקע געשעענישן.

גאר אנאנדער באציאונג צו אנטפלעקונג טראגט מיט זיך דער פאנטעאיזם. דער פאנטעאיזם איז קודם כל מאניסטיש. ד. ה. ער אנערקענט, אז מאטעריע און גייסט זיינען איינס אין קעגנזאץ צום דואליזם ד. ה. צו דער

לעיע פון צווייאיקייט—מאטעריע און גייסט. דער פאנטעאיזם ווייס ניט פון קיינע טעאלאגיש — מעטאפיזישע גייסטער אויסערן וועלט-סובסטאנץ. שפינאזא דער באגרינדער פון פאנטעאיזם זוכט גאט אין דער וועלט, אבער ניט אויסער דער וועלט שפינאזא אנערקענט ניט קיינע גייסטער אויסער דער באטור.

שפינאזע אנערקענט ניט קיין נבואה, וועלכע עס ציט איר אנטפלעקונג פון א גייסט אויסער אונזער וועלט, נאר ער אנערקענט די אנטפלעקונג פון דער נאטירליכער דערקענטניש, „גאט איז די וועלט און די וועלט איז גאט" גאט דערקענען יוי אויך זיין ווילן קען זיך אנטפלעקן בלויז דורך דער באשאפענער וועלט, וועלכע איז אפן פאר אונז. אין זיין טעאלאגיש פאליטישן טראקטאט זאגט שפינאזא: „די מאכט פון דער נאטור, איז ניט קיין אנדער זאך, ווי די מאכט פון גאט אליין, בכן איז זיכער, אז מיר זיינען ניט משיג גאטס מאכט אויף אזוי ווייט, אויף ווי ווייט מיר ווייסן ניט די נאטירלעכע סיבות פון זאכן".

אויב לויט אלע מיטאלאגיעס פון פארשיידענע רעליגיעס איז געטלעכע אנטפלעקונג געקומען בלויז צו יחידי-סגולה, פארשירט שפינאזע אנטפלעקונג און נבואה ביז א נאטירלעכן וויסן צו וואס יעדער בשר ודם קען דערגרייכן, יעדער רעליגיע באהויפטעט, אז נאר זי פארמעגט דאס אמתע געטלעכע אנט-פלעקונג און דאס אמתן ווילן פון גאט.

דער באגריף וועגן אנטפלעקונג האט דורכגעמאכט אן עוואליוציע צו-פאסנדיק זיך צו יעדער רעליגיעזער וועלט-אנשויאונג, וואס העכער די רעלי-גיע שטייט, אלץ שענער און העכער איז איר באגריף וועגן אנטפלעקונג.

רעליגיע און יום-הדין

יעדער רעליגיע דערציילט אירע מאמינים, אז אויף יעדער טאט זייער איז פאראן א רעכענונג. דער בוך איז אפן דער קרעמער בארגט. נאר פריער צו שפעטער קומט א חשבון. עס עקזיסטירן וואכעדיקע טעג, ווען דער מענטש איז פארטראגן אין ארבעט און וואכעדיקע פארנעמונגען. עס עקזיסטירן אבער אויך שבת אדער יום-טוב, וועלכע עס זיינען אפגעשיידט פון וואך. דער שבת און יום-טוב זיינען הייליק. זיין הייליק, הייסט זיין אפגעטיילט, אפגעשיידט פון די ארומיקע וואכעדיקע. אין די טעג פון ארבעט איז דער מענטש חומרדיק, מגושמדיק, בעת דער מענטש איז פארטראגן אין זיין קאמף פארן טעגלעכן עקזיסטענץ איז ער נישט בכח צו פארטראכטן זיך וועגן גאט, וועגן וועלט און מענטש. בעת אבער עס קומט דער שבת און יום-טוב ווערט דער מענטש בא-גאבט מיט א נשמה יתורה, די רויק הייליקע שטימונג גיט דעם מענטש

מעגלעכקייט צו פארטראכטן זיך.

יעדער יום-טוב האט זיין סימבאל. פסח איז דער סימבאל פון פרייהייט, פון א נייעם ליכטיקן זונעס אויפגאנג. שבועות איז דער יום-טוב בא יידן דער טאג פון מתן תורה און ראש-השנה, יום כפור זיינען די ימים-טובים פון יום-הדין—פון חשבון הנפש. דאס לעבן גייט זיך מיט זיין גאנג. מענטשן ווערן צוגעוויינט צום סדר פון לעבן. אלץ ווערט וואכעדיק, אויך די מאראל פליכטן ווערן וואכעדיק. לויט דער רעליגיע, איז מאראל ניט קיין צופעליקער ענין, נאר מאראל איז אפהענגיק פון דעם וועלט-משגיח — פון גאט. א גאנצן יאר פאלט דער מענטש אונטער אונטערן דרוק פון דער רעליגיעזער מאראל, דאך ווערט ער צוגעוויינט צו די רעליגיאנס פארבאטן און הערט אויף צו אפגעבן זיך א חשבון הנפש. אויף דעם קומט דער יום-טוב ראש השנה—דאס איז דער יום טוב, ווען דער מענטש באטראכט זיך טיפער וועגן וועלט און לעבן.

יעדער רעליגיע האט א רע אויסערגעוויינלעכע טעג, ווען דער מענטש, דארף זיך באטראכטן און אפגעבן זיך א חשבון הנפש. די קריסטלעכע רעלי-גיע הייסט אירע גלויביקע מתודה זיין זיך פארן גייסטלעכן און דער גייסט-לעכער גיט א תשובה. אפשמאל איז דער גייסטלעכער מוחל די זינד און דער זינדיקער בלייבט ריין פון זינד. לויטן יודאאיזם קען א רב ניט מוחל זיין קיין זינד. זינד מוחל זיין קען נאר גאט. און דאס קען קומען ניט פאר געלט אויסקויף, נאר דורך חרטה און דורך אן אמתן באשלוס מער ניט צו זינדיקן דאס איז די אידעאלאגיע פון נביאישן יודאאיזם, וועלכער באהויפטעט, אז פאר גוטע מעשים ווערט באצאלט מיט גוטס, פאר שלעכטע מעשים — מיט שלעכטס. אבער אויך ווען א מענטש טוט וואס שלעכטס קען א תיקון באקומען דורך תשובה און חרטה. גאר אמאל האט מען געמיינט, אז מען דארף איבער-בעטן גאט מיט קרבנות, ווען מען ברענגט אויפן מזבח אן אקס אדער א שעפס. שפעטער האבן די נביאים אויפגעקלערט, אז גאט נייטיקט זיך ניט מיט אין קרבנות. די נביאים האבן אויפגעקלערט, אז גאט פארלאנגט ניט קיין באציאונגען צווישן גאט און מענטש נאר צווישן מענטש און מענטש. גאט פארלאנגט ניט קיין מתנות פאר זיך... נאר גאט פארלאנגט ערנטלעכקייט, גוטסקייט און ליבע פון מענטש צו מענטש.

לויט דעם יודאאיזם ווערט ראש-השנה און יום-כפור פארגעבן דעם מענטשן אלע זיינע זינד, חוץ די זינד פון געלט עולה קעגן א צווייטן מענטשן אזא זינד ווערט פארגעבן נאר דאן, ווען מען צאלט איין די געלט.

ווען דער דייטשעסער לוטער האט באקעמפט דעם קאטאליציזם און געבראכט מיט זיך דעם פראטעסטאנטיזם איז איינע פון זיינע הויפט טענות

געווען קענט דעם פויפסט, וואס ער ערלויבט זיך זיין אליין א מוחל עוונות די זאך איז דערגאנגען אזוי ווייט, אז דער פויפסט פלעגט ארויסשיקן אגענטן מיט א פרייז-צעטל פאר וועלכע געלט דער פויפסט איז מוחל די זינד. אייבער א טעטצעל פלעגט שרייען צום המון: „ווי נאר די געלט אין טאץ קלינגט, ווערט נמחל די זינד"... פאר יעדער עבירה איז געווען א פרייז פאר וועלכע מען האט מוחל געווען. אזוי ארום האט א רייכער מענטש געקענט פטור ווערן פון זיינע זינד כאטש ער האט אפגעטאן פארשיידענע עולות.

יעדער רעליגיע רעדט וועגן די באציאונגען פון מענטש צו גאט און פון מענטש צו מענטש. בעת דער רעליגיעזער באוווסטזיין איז געשטאנען נידעריק האבן מענטשן געלייגט דערהויפט אכט אויף די באציאונגען פון מענטש צו גאט, דער מענטש האט געפילט, אז עס איז פאראן א העכערער וועלט קראפט און ער האט געזוכט וועגן צו באפרידיקן גאט. וועגן גאט האט דער מענטש געהאט א מגושמדיקן באגריף און האט זיך פארגעשטעלט גאט אלס דעם שטארקסטן מין קעניג. אלס א מענטשן גייסט מיט קאפריזן, מיט גאוה און תאוה, מיט קנאה און שנאה. דער מענטש אין זיין ווילדן צושטאנד האט געמיינט, אז גאט פארלאנגט בלוט... ער איז געווען קאנסעקווענט און דאס בעסטע איז ער גרייט געווען אפצוגעבן פאר גאט — זיין איינציק קינד האט ער פאר א קרבן געבראכט. שפעטער, ווען זיין באוווסטזיין איז העכער געווארן האט ער פארביטן מענטשלעכע קרבנות מיט בהמות און עופות און שפעטער איז דער קרבן פארביטן געווארן מיט תפילה.

תפילה איז א וויכטיקער ענין, דאס איז א נשמה אויסדרוק — א השתפכות הנפש פאר דעם וועלט שעפער. א טעות האבן אבער די, וועלכע עס מיינען אז צווישן מענטש און מענטש קענען זיי בלייבן שלעכט פארדארבן און דער־פאר וועלן זיי טאן גאט א טובה און זיי וועלן לאנג דאווענען. דאס לעצטע ווארט פון דעם רעליגיעזן באוווסטזיין זאגט, אז קיין פערזענלעכע אינטערעסן צווישן מענטש און גאט קענען ניט זיין, ווייל גאט איז ניט קיין פערזאן, וואס נייטיגט זיך אין באפרידיקונג. אלץ, אלע רעליגיעזע געבאטן און פארבאטן זיינען שייך צום לעבן פון מענטש. אויב גאט וויל פון מענטשן וואס, איז ניט, אז דער מענטש זאל טאן וואס פאר אים, נאר אז דער מענטש זאל טאן גוטס צום צווייטן מענטשן. דעם געדאנק האבן שוין אנטוויקלט די נביאים ישעיהו, ירמיהו, הושע עמוס און אנדערע נביאים. יעדער אמת בלייבט אייביק. אמתן ענדערן זיך ניט און ווערן ניט אלט.

רעליגיע און מיסטיציזם

וואס איז דאס אזוינס מיסטיציזם?

דאס איז א רעליגיעזע סודותפולע לערע, וועלכע האלט, אז מען קען דערגיין דעם סוד-הבריאה און די אמתע עקזיסטענץ פון דער געטלעכקייט, דורך פארטיפונג אין זיך אליין. נאך די אלטע רעליגיעס האבן שוין געהאט זייערע מיסטעריען מיט די געהיימע רעליגיעזע לערעס, וואס מען פלעגט אנטדעקן נאר פאר אנגעטרויטע יחידי-סגולה, וועלכע האבן געגעבן א נדר צו האלטן עס בסוד.

דער מענטש מיט זיין גאנצער וויסנשאפט איז ניט בכח צו פארענטפערן זייער פיל פראגן פון לעבן און טויט. פון וואנען שטאמט דער בראשית און אורשפרונג פון אלץ וואס לעבט? וואס איז דאס לעבן פון אן איינפאך בלימל? צו קענען צונויפשטעלן פון שטאפן א לעבעדיק ווען אדער א בלימל אפילו? כעמישע און פיזישע געזעצן דערקלערן ניט דעם בראשית פון לעבן. נאך מער סודותפול איז דער טויט, דער ניט זיין—דער פארשווינדן אין תהום פון אייביקייט דאס אלץ בלייבט געהיים דעם מאטעריאליסט, וועלכער איז פארטראגן מיטן טאג-טעגלעכן קאמף פארן קיום, ווייל ניט באמערקן דעם פאקט, וואס דאס גאנצע לעבן ארום און ארום בלייבט א גרויס וואונדער, דער אבער וואס דרינגט אריין טיפער אין די רעטענישן פון לעבן און טויט, וואס מער ער פארטיפט זיך אין די סודות פון דער שעפונג, אלץ וואונדערבארער און אומפארשטענדלעכער דערשיינט פאראים די וועלט.

דער מאטעריאליסט איז ניט מיסטיש, ווייל ער קוקט ניט צו ווייט, ער באנוגנט זיך מיט זיין באגרייפן דעם יש וואס געבן אים. דער וואס זוכט און פארטיפט זיך בלייבט שטענדיק פאר פארבארגענע סודות און אט די זוכעניש הייסט מיסטיציזם. דער מיסטיקער שטרעבט צו משיג זיין דער איבערנאטירליכער וועלט דורך מיטלען, וועלכע טיילן זיך אפ פון פראקטישע לאגישע געדאנקען. דער מיסטיקער וויל דערגיין די סודות פון דער וועלט דורך אינטואיציע, דורך א מין געהיימניספולן פארגעפיל מחוץ די מענטשלעכע חושים.

דער קריסטנטום מיט אלע זיינע סעקטן ביז דעם מאסאניזם איז איבערפול מיט מיסטיק. די יעוואנגעליע מיט איר לערע וועגן מלכות השמים, וועגן סודות פולער ווידערגעבורט, וועגן סודות סימבאלן, די גאנצע קירך איז איינגעוויקלט אין סודות.

אין יודאאיזם באקומט די מיסטיק איר אויסדרוק דורך דער קבלה. די קבלה פארנעמט זיך מיט חכמת הסוד. דער אר״י האט געשאפן דעם מוסרדיקן אומעדיקן מיסטיציזם, און דער חסידיזם האט געשאפן דעם ראמאנטישן מיסטיציזם.

דער אר״י הקדוש-ר יצחק לוריא און זיין תלמיד ר׳ חיים וויטאל האבן געשאפן

די פּראַקטישע קבלה, וואָס האָט באַדאַרפט האָבן אַ פּראַקטישע ווירקונג אויפן מענטשנס לעבן. די וועלט איז אַן עמק הבכה, אַ טאָל פון הייסע ליידן, וווּ עס ווימלען אַרום דעם מענטשן אויף יעדן טראַט מלאכי חבלה, קליפּות און ווילן אים אַריינכאַפּן אין זייער נעץ און צו ברענגען אים אין גיהנים. די לערע זיינע וועגן משיחן האָט צוגעגרייט אַ באָדן פאַר דעם משיחיזם פון שבתי-צבי און יעקב פראַנק.

זיין קאַבאַליסטישע לערע איז געווען געגרינדעט אויף די פּרינציפּן פון „אין סוף“ און „ספירות“. לויט דער אר״י איז שבת די בעסטע צייט ווען אַ מענטש קען מאַכן פאַרבינדונגען מיט דער גייסטער וועלט, ווייל שבת עפענען זיך די הימלישע וועגן (צנורות-קאַנאַלן), דורך וועלכע עס גיסט זיך אויף דער וועלט אַ שפע פון ברכה. ביים טיש, ווו מען עסט די סעודה פון שבת, זיצט אויך דער „עתיק-יומין“—גאָט מיט זיינע הייליקע מלאכים. דורך מצוות און מעשים טובים דערנעענטערט זיך די ביאת המשיח.

דער זוהר מיט זיינע אַפּטיילונגען: „רעיה מהימנא“ (דער טרייער פּאַסטוך) „מדרש הנעלם“—(דער געהיימער מדרש), „אדרא רבא“ (דאָס בוך פון דער גרויסער פאַרזאַמלונג) און „ספרא דצניעותה“ (דאָס פאַרבאָרגענע בוך) איז פול מיט סודות־פולע מיסטישע דערציילונגען און דערשיינונגען, וואָס ר׳ שמעון בן יוחאי האָט געזען.

אין מיטלאַלטער האָבן יידן פאַרמעגט מיסטישע נאַטורן ווי שלמה אבן גבירול, יהודה הלוי און אַנדערע. אַז די מיסטיקער האָבן געזוכט וועגן, כדי צונויפגיסן זיך מיט גאָט. זיי האָבן געשאַפן תפילות און שירים פאַר דעם וועלט שעפער, פאַר דאָס העכסטע און אומענדלעכע. אַלע גרויסע פּאָעטן זיינען מיסטיקער, ווייל זייער שטרעבונג, ווילן און פאַנטאַזיע איז זייער רייך. דער פּאָעט בויט וועלטן לויט זיין פאַנטאַזיע און דער מיסטיקער בויט וועלטן לויט פאַרלאַנג און ווילן. אַלץ וואָס אין דער נאַטור וויל לעבן קיינמאָל וויל ניט אונטערגיין, אפילו אַ ווערימל אויף דער ערד דרייט זיך צונויף מען זאָל אים ניט צוטרעטן, דער מענטש זעט פאַר זיך דעם אומפאַרמיידלעכן טויט, ער זוכט אָבער אַ שפּעלטעלע צום אייביקן זיין, צום אייביקן לעבן. דער מאַטע-ריעלער רעאַלער צוקונפט איז אַ טרויעריקער: קבר, ווערים, צעפוילטקייט. איז דאָך דער מענטש באַגאַבט מיט געדאַנק, ווילן און פאַנטאַזיע, איז דאָך דער מענטש אַ קינסטלער און ער שאַפט קינסטלעך וועלטן מיט זיין ווילן אין טרוים. אַט דער דראַנג און ווילן צו שאַפן וועלטן, טעאָלאָגישע, מעטאַפיזישע, אידעאַליסטישע, דאָס אַלץ הייסט מיסטיק. דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם לאַכט זיך אויס פון יעדער מין מיסטיק ער זאָגט, אַז יעדער מיסטיק איז בלויז

אנ׳אפשפיגלונג פון רעאלן זיין. דער היסטאָרישער מאטעריאליזם אנערקענט בלויז דאס, וואס מיר פילן, הערן, זעען דורך אונזערע פינף חושים, בעת דער מאטעריאליסט קומט דאך צו די סודות פון דער וועלט, צו דעם ניט וויסן צו ענטפערן אויף די פראגן:

1) ווו איז דער בראשית פון דער גאנצער וועלט באוועגונג? 2) וואס איז דער מהות פון מאטעריע און קראפט? 3) ווי אזוי קומט די ערשטע אנטשטייאונג פון לעבן? 4) ווי אזוי זיינען אנטשטאנען די אייגנפאכע חושים שפירונגען און דער אנהויב פון באוווסטזיין? 5) ווו איז דער אנהויב פון אלץ און ווו איז דער סוף? צוליב וואס איז דאס די גאנצע וועלט מיט דער גאנצער באוועגונג? בא די אלע פראגן, וועלכע אויף די וויסנשאפט קען ניט פארענטפערן בלייבט אויך דער מאטעריאליסט שטיין הינטער אנ׳אייזערנעם טויער פון ניט וויסן, דאך מאכט ער קוראזש און זאגט: „איך וויס ניט איצ-טער וועל איך וועז עס איז וויסן״—די וויסנשאפט וועט אלץ אויפדעקן, ווי זי האט אויפגעדעקט פיל נאטור סודות ביז היינט. דער מענטש, וואס קוקט טיפער זעט אבער, אז די גאנצע וויסנשאפט דעקט אויף בלויז די סודות אין דער נאטור אין תוך פון וועלט-סובסטאנץ, וועגן די סודות אויסער וועלט און נאטור קען אויך די וויסנשאפט קיין זאך ניט זאגן און דא וויל דער מענטש דורך „אינטואיציע״ דורך פארגעפיל אנטאפן די סודות פון דער וועלט. דער בודיזם מיט זיין דראנג צום לעבן דערגייט ביז „נורוואנא״ ביז „ניט ווערן״ פון גרויסן חשק צו וועלן זיין, דאס איז א מיסטיק צוליב דעם גרויסן ווילן צו לעבן.

יעדער רעליגיע איז ניט פריי פון מיסטיק.

רעליגיע און נאציאנאליזם

וואס איז דאס אזוינס נאציע?

נאציע הייסט א היסטארישע גרופירונג פון מענטשן, וואס זיינען פאר-בונדן צווישן זיך מיט זייער אייגנארטיק לעבן, שפראך, טעריטאריע, מאראל, מאניערן, טעמפעראמענט אדג״ל. דאס אלץ אנטוויקלט זיך אייגנארטיק אין משך פון פיל יארן און די מענטשן פון דער אדער יענער נאציע ווערן גע-בוירן און דערצויגן מיט געוויסע כאראקטער שטריכן און אלגעמיינקייט, וואס עס פאראייניקט דער נאציע. דאס בולטסטע בא א נאציע איז די שפראך, וועל-כע פאראייניקט איר. אין XIX יר׳ה איז דער נאציאנאליזם געווארן דער מלוכה פרינציפ, וועלכער ס׳האט אנגעפירט מיט די גורלות פון פעלקער.

אייניקע דענקער מיינען, אז דער הויפט-סימן פון א נאציע איז ניט די

שפראך, נאר די רעליגיע און בכלל גייסטיקע קולטורן, וועלכע עס פאראיי־ניקן דער נאציע. גאר אמאל, אין די אלטע צייטן, איז ווירקלעך די רעליגיע געווען די פאראייניקערן פון א נאציע. יעדער נאציע האט געהאט איר גאט און איר קולט. האט בכלל פארכאפט נייע טעריטאריע, האט זי פארטריבן די פרעמדע געטער און אריינגעפירט דעם אייגענעם קולט. איז א פאלק גרעסער געווארן איז געווארן גרעסער די ממשלה פון איר גאט. פאלק און גאט זיינען געבונדן געווען. די לעצטע יאהונדערטן האבן אבער באוויזן, אז רעליגיע און נאציע זיינען ניט שטענדיק געבונדן. אויב בא יידן זאגט מען: ישראל אוריתא והקב״ה חד ניהו״—גאט, די תורה און דאס יידישע פאלק זיינען איינס, גע־פינען מיר בא פיל פעלקער, וועלכע פארמעגן איינצייטיק פארשיידנגלויביקע־אנגעהעריקע צו פארשיידענע רעליגיעס. דער פראוואסלאוונער גלויבן נעמט ארום די צוויי באזונדערע ראסן, ווי די גריכן און די גרויסרוסן, דער קאטא־ליציזם הערשט בא אזעלכע פארשיידענע פעלקער, ווי שפאניער, פאלאקן, איטאליענער, קארואטן, אונגארן און עסטרייכישע דייטשן. דאס דייטשעסע פאלק באשטייט פון קאטאליקן און פראטעסטאנטן און צווישן די סלאוון אין טערקיי געפינען מיר סיי פראוואסלאווע סיי מחמדנער. פארוואנדלען רעלי־גיע אין שאוויניסטישן נאציאנאליזם, ווי דער פראוואסלאיונער צאר האט פעסט פאראייניקט די אויטאריטעטן סיי פון קירך סיי פון דער מאנארכיע, אדער ווי אנדערע מאנארכן האבן דאס געטאן איז דאס פאקטיש רעאקציע און פאליטיק־טרייבעריי ניט קיין רעליגיעס. דער אידעאלער קריסטנטום ביז דעם צאר קאנסטאנטין איז געווען אוניווערסאל־אלמענטשלעך. ערשט דאן, ווען די הערשער האבן געמאכט פון קריסטנטום מלוכה רעליגיע איז געווארן א נאציאנאלע זאך. דער יודאאיזם אין זיין אנפאנג איז געווען שטרענג נאציא־נאל, די יידן זיינען געגאנגען מלחמה האלטן אנטקעגן פארשיידענע געצנדי־נערישע פעלקער אין נאמען פון יידישן גאט „יהוה״, וועלכער עס איז פעסט פארבונדן מיטן יידישן פאלק, ווי א מאן מיט א פרוי. שפעטער האט דער יודאאיזם פראגרעסירט. די נביאים הושע, עמוס זיינען אוניווערסאל־אלמענטש־לעך. זיי פארשטייען, אז גאט קען ניט געהערן צו איין פאלק — גאט געהערט דער גאנצער מענטשהייט. אין ספר יונה ווערט דער געדאנק נאך בולטער אילוסטרירט.

יונא איז געווען א יידישער נביא און האט ניט געוואלט גיין זאגן נביאות פאר די געצנדינער פון דער שטאט נינוה. דערפאר וואס יונה האט ניט געוואלט גיין צו די מענטשן פון נינוה און איז אנטלאפן פון דעם געגנט מיט א שיף, ווערט דערציילט, אז גאט האט דערפאר געבראכט א שטורם

אויפן ים און ווען ער האט זיך מודה געווען, אז צוליב אים איז דער שטורם, האט מען אים געווארפן אין ים. ווו א פיש שלינגט אים איין. ווען יונה קומט צוריק אויף דער יבשה, גייט ער צו נינוה און זאגט איר נביאות. אז פאר איר זינד וועט זי חרוב ווערן (גאט האט אויך רעכענונגען מיט די געצנדי-נערישע פעלקער) דער מלך און אלע איינוווינער פון נינוה טוען תשובה, זיי האבן חרטה אויף זייער זינד און גאט איז זיי מוחל און רופט אפ די גזרה. נינוה בלייבט גאנץ. יונה'ן פארדריסט דאס זייער. שיקט גאט צו יונה'ן א גרינע בוים מיט גרויסע בלעטער, וועלכע באשיצן יונה'ן פון היץ און דורך נאכט ווערן די בלעטער צוטאשטשעט דורך ווערים. פארדריסט דאס שטארק יונהן, דאן קומט דאס טיפע ווארט, וועלכע ס'זאגט: „דו יונה האסט געזשא-לעוועט די בלעטער, וועלכע ס'זיינען דורך נאכט געווארן, דורך נאכט פאר-לארן, היינט ווי זאל גאט ניט זשאלעווען צענדליקער טויזנטער מענטשן?". אין ספר יונה הויבט זיך אויף דער יודאאיזם איבער דעם נאציאנאלן שאווי-ניזם און ווערט אוניווערסאל-אלמענטשלעך. יונה איז דער היפך פון מגילת-אסתר. דארט איז אלץ געשריבן אין א טאן פון נאציאנאליזם, פון האס צו פרעמדע (באדריקער אפילו) און יונה איז אלמענטשלעך. אלע, אלע מענטשן זיינען גאטס קינדער, אלע מענטשן אויף דער וועלט זיינען ווירדיק און טייער. מען דארף אונטערשיידן נאציאנאליזם פון נאציאנאליטעט. אויב נא-ציאנאליטעט אנגעהעריקייט שטעלט מיט זיך ניט פאר קיין שטרענגן נאציא-נאלן עגאאיזם, איז נאציאנאליזם א צייכן פון אייניקונג, פון א גרופע לטובת אירע אינטערעסן.

דער מענטש איז א געזעלשאפטלעכע חיה. נאך אין אוראלטע צייטן פלעגן מענטשן זיך פאראייניקן אין גרופן און הארדעס. שפעטער זיינען אנט-שטאנען די אייניקייט פון משפחות, געגנטן און גאר שפעטער נאציאנען. אין נאמען פון דער נאציע ערלויבן זיך מענטשן צו טאן זאכן וואס דעם יחיד ווערט עס שטרענג פארבאטן. למשל. זאל א מענטש באפאלן זיין שכן אפנע-מען זיין ערד און אים הארגענען, וואלט אזעלכן די געזעלשאפט טאדלענען און משפטן. ווען א גאנצע נאציע דערקלערט מלחמה א צווייטער נאציע און הרגעט אויס די מענטשן און נעמט צו זייער ערד, דאן בארעכטיקט מען דאס כלומשרט אין נאמען פון אלטרואיזם, אין נאמען פון גליק און נוציקייט פאר דער גאנצער נאציע.

ארויסגייענדיק פון העכער אידעאליסטישן שטאנדפונקט, לויטן אידא-מאניזם איז דער נאציאנאלער אלטרואיזם ניט מער ווי א געזעלשאפטלעכער עגאאיזם און עס איז גיטא קיין יושרדיקער באדן צו בארעכטיקן א מאסן-

מארד פון איין נאציע אויף דער צווייטער לטובת דער נאציאנאלער נוציקייט. אזוי ארום מוזן מיר זאגן, אז יעדער רעליגיע, וועלכע עס איז שטרענג נאציאנאל און זי אנערקענט נאר די רעכט און העגעמאניע פון איין נאציע איבער מענטשן פון אנדערע נאציעס, יעדער רעליגיע, וועלכע עס פארבאריקאדירט זיך אין נאציאנאלע ווענט און דערווייטערט זיך פון דעם אוניווערסאליזם — איז שאוויניסטיש און קליינלעך. דער העכערער באגריף פון רעליגיע קען בשום אופן נים זיין נאציאנאליסטיש, ווייל די רעליגיע פון סינטעז, די רעליגיע פון העכערן באוווסטזיין איז אוניווערסאל אלמענטשלעך. גאט איז איינער פאר אלע מענטשן, פאר אלע נאציאנען, פון אלע פארבן, פון אלע עקן וועלט.

רעליגיע און וויסנשאפט

ביז דעם XVIII-טן יר׳ה איז די גאנצע וויסנשאפט מיט אלע אירע אפצווייגונגען געווען אפהענגיק פון דער רעליגיע. די כהנים, פריסטער און רעליגיעזע לערער זיינען געווען שטענדיק די מער געבילדעטע צווישן דער געזעלשאפט און דערפאר האט אויך גאנץ אפט די בילדונג געטראגן א געהיימניספולן סודות׳דיקן כאראקטער, ווייל זי איז געווען אן אייגנטום פון די רעליגיעזע פארשטייער און לערער.

די גאנצע וויסנשאפט און קונסט איז געבוירן אין שויס פון די גייסטלעכע. די ערשטע דאקטוירים זיינען געווען גלחים, די ערשטע מאטעמאטיקער, ארכיטעקטארן, מעכאניקער, אסטראנאמען זיינען געווען גייסטלעכע. אזוי ווי רעליגיע דרינגט שטענדיק אריין אין לעבן און שאפט דעם ארט און סדר פון לעבן, האבן די גייסטלעכע געמוזט באנוצן זיך מיט די וויסנשאפטן כדי צו רעגולירן דאס רעליגיעזע לעבן.

אמאל האבן בא יידן, אלע טעכניקער, סקולפטורן, ארכיטעקטן, מאלער און וועבער זיך קאנצענטרירט ארום משכן און בית-המקדש. די געזאנג און מוזיק האבן אויך געדינט דער רעליגיע. די גאנצע קונסט, ארכיטעקטור, סקולפטור, מאלעריי און טעכניק פון קירכע „הייליקן פאטער אין רוים“, „וויסאקיסאבאר“ אין לענינגראד, „נאטר-דאם קירכע“ אין פאריז, „סען-סטעפן קירכע“ אין ווין, און די אלטע קאלאסאלע פיראמידן פון עגיפטן זיינען עדות ווי די גאנצע וויסנשאפט און קונסט האט געדינט דער רעליגיע.

די גייסטלעכע זיינען שטענדיק געווען די ערשטע רעדנער און פאעטן. דאס געפינען מיר אין דער יידישער געשיכטע, באזונדער אין די צייטן פון שאול, שמואל, דוד. די געזאנג איז געווען א רעליגיעזע. מרים האט שוין

געזונגען און געשפּילט, שפּעטער אין בית-המקדש געזאנג פון לוויים און ביז היינטיקן טאג רעליגיעזע סקארבאווע געזאנג. טעאטער און פארשטעלונג איז געבוירן אין קירך. אלע מוזיקאלישע אינסטרומענטן זיינען געווען דערפונדן דורך גייסטלעכע פון קירך.

די וויסנשאפט האט ניט געהאט קיין פרייע באוועגונג און זעלבשטענדיקייט, ווייל זי איז געווען שטענדיק אונטערגעווארפן דעם אויטאריטעט פון קירך איז געווען שעדלעך אזא מיינונג, אז די ערד דרייט זיך און ניט די זון, זיינען באשטראפט געווארן די וויסנשאפטס-פארשער, וועלכע ס׳זיינען געקומען צום אמת, אז די ערד דרייט זיך און אזוי כסדר. מיטן אנקומען פון הומאניזם און רענעסאנס אין XVII-טן יר״ה און אויפקלערונגס עפּאכע פון XVIII יר״ה האט זיך די וויסנשאפט באפרייט פון קירך. די ענציקלאפּעדיסטן אין פראנקרייך האבן אין XVIII יר׳ה אויפגעהויבן דעם ראציאנאליזם איבער אלץ, דער שכל און פארשטאנד איז געווארן דער ווארטזאגער אין דער וויסנשאפט. פּאעזיע, טעאטער, מוזיק, מעדיצין, טעכניק, סקולפּטור, מאלעריי, ארכיטעקטור, אסטראנאמיע, כימיק, פיזיק, אלע צוזאמען זיינען ארויס פון די ראמען פון דער סכאלאסטישער וויסנשאפט און דאס לעצטע ווארט האט געזאגט ניט דער רעליגיעזער אויטאריטעט, נאר דער וויסנשאפטלעכער עקספּערימענט. די נייע טעכניק, מאשינען, שיפן האבן געעפנט נייע לענדער, נייע געגנטן מיט א פרייען קוק אויף וועלט און לעבן.

די וויסנשאפט האט זיך ניט באנוגנט מיט דעם, וואס זי איז געווארן זעלבסטשטענדיק, נאר זי האט שוין פּרעטענדירט צו ווערן די הערשערין פון לעבן, פונקט ווי רעליגיע איז שטענדיק געווען. די גרויסע וויסנשאפטלעכע אנדעקונגען אין XIX יר״ה די נייע טויזנטער דאמף-מאשינען, די עלעקטרעציטעט אנדעקונג, די נייע געגנטן, וועלכע עס זיינען געפונען געווארן הינטער די ווייטע ימים, דאס אלץ האט שכור געמאכט דעם וויסנשאפטסמאן.

דער גלויבן האט זיך אריבערגעטראגן צו דער וויסנשאפט, מען האט געגלויבט, אז די וויסנשאפט וועט אמענדע ענטפערן אויף אלץ, וואס איז פריער געווען פארשטעלט פארן מענטשן. דער מאניזם פון ערנס העקעל, האט געלערנט, אז גלויבן דארף מען נאר אין דער מאטעריעלער וועלט און, אז דער גייסט איז בלויז א געוויסער אויסדרוק פון מאטעריעלן זיין. אפילו נשמה האט ער דערפירט צו א מאטעריעלן יש דורך זיינע אנטראפּיסטישע נערוואלאגישע, אנימאליסטישע, ביאלאגישע, צעלוארע, אטאמיסטישע, טראנסצענדענציעלע, פיזיאלאגישע, פּאטאלאגישע, אנטאגענישע און פילאגענישע טעאריען פון באוווסטזיין. ניוטאנס גראוויטאציע געזעץ, קאנטס גרונט געזעץ פון וועלט-

מעכאניזם מיט לאפלאס מאטעמאטישער באגרינדונג, דארווינס עוואליוציאנס טעאריע, קאפערניקוס אסטראנאמישע אנדעקונגען, מאיער און וואלטאנס אנ-דעקונגען אין כימיק און פיזיקע. דאס אלץ צוזאמען האט שכור געמאכט דעם וויסנשאפטס-מאן און עס האט זיך געשאפן א גלויבן, אז בלויז די וויסנשאפט איז בכח צו געבן אן ענטפער אויף אלץ.

מען פלעגט זיך זאמלען הערן רעפעראטן אויף פארשיידענע געביטן פון וויסנשאפטלעכע אנדעקונגען. פונקט, ווי פריער פלעגט מען זיך קלייבן צו הערן די דרשות פון די גייסטלעכע. ווען א וויסנשאפטסמאן האט דערציילט, וועגן א שטיין וואס איז אלט צען מיליאן יארן, האט מען אים געגלויבט... די אמונה האט זיך אריבערגעטראגן אויף דער וויסנשאפט... דער אויטאריטעט פון דער וויסנשאפט איז ווירקליך גרויס געווארן, ווייל די וויסנשאפט האט דאך טאקע אויפגעטאן זייער פיל. פון דעם האט זיך געשאפן דער קאפיטאליסטי-שער אטעאיזם פון XIX יר"ה און שפעטער האט דעם ארט דענקען איבער-גענומען דער יורש-מארקסיזם. דער XX יארהונדערט מיט זיינע גרעסטע אויטאריטעטן, מיט זיינע גרעסטע פראפעסארן: פיזיקער, כימיקער, ביאלאגן, פראפעסארן פון מעדיצין, ראדיא ספעציאליסטן, עלעקטרעציטעט קענער און אנדערע, די אלע האבן עפנטלעך אויסגעזאגט דעם אמת, אז פונקט, ווי עס איז געווען ניט ריכטיק ווען די רעליגיע האט געוואלט צווינגען דער וויסנ-שאפט אונטערווארפן זיך איר אויטאריטעט אזוי איז נאריש צו זאגן, אז די פיזישע וויסנשאפט קען ענטפערן אויף מעטאפיזישע און טעאלאגישע פראגן. ניט די וויסנשאפט קען פארנעמען דעם ארט פון רעליגיע און ניט רעליגיע קען פארנעמען דעם ארט פון וויסנשאפט. ביידע זיינען אייגנארטיקע צווייגן פון לעבן, ביידע מאכן דורך זייער עוואליוציע אין דער מענטשלעכער גע-שיכטע. אין דער טעזע זיינען רעליגיע מיט וויסנשאפט געווען געבונדן צו-זאמען, אין דער אנטיטעזע זיינען זיי געווען קעגנזעצליך און אין א העכערן סינטעז פון העכסטן באוווסטזיין מוזן רעליגיע און וויסנשאפט זיך פרייוויליק באראייניקן.

וויסנשאפט וועגן רעליגיע

ערשט אין XIX יר"ה האט זיך געשאפן א וויסנשאפטלעך צוגאנג וועגן די טרייב קרעפטן פון רעליגיע און די פילאזאפיע האט אנגעפאנגען גרינדלעך אויסלערנען און באגרייפן דעם רעליגיעזן פאקטאר. קאנטס און שלייערמאכערס צוגאנג צו רעליגיע איז שוין א וויסנשאפטלעכע. העגעל האט שוין באטראכט רעליגיע מיט אירע טרייב קרעפטן די מעטאפיזישע, פסיכאלאגישע און

היסטארישע.

די וויסנשאפטלער און היסטארישע פארשער האבן אנגעפאנגען פארשן רעליגיע עטנאגראפיש דורך אלע מיטאלאגיעס און פאלקלארן. מאקס מילער האט שוין ארויסגעגעבן א סעריע איבערזעצונגען פון די „הייליקע ביכער אין מזרח" און האט פארברייטערט די וויסנשאפט וועגן רעליגיע. (אין יידיש האט פריינד א. אלמי איבערגעזעצט די מיטאלאגיעס פון די מזרח רעליגיעס).

די וויסנשאפט איבער רעליגיע זוכט הינטער די פארמען פון רעליגיע יענע באדערפענישן, וואס האבן די רעליגיע באשאפן, יענע שטריכן וואס בילדן די סאמע טיפקייט פון איר גייסט. אויף וועלכע פונדאמענטאלע פאדערונגען פון מענטשלעכן גייסט האט רעליגיע געענטפערט? מאקס מילער קומט צום אויספיר, אז רעליגיע אין אלע אירע פארמען איז דערהויפט א טיפער פאעטישער געפיל, וועלכער נעמט זיך פון עסטעטישע און גייסטיקע באהערפענישן, וואס ליגן אין מענטשנס נאטור.

„דער נאמען גאט" איז נאר אן אויסווייניקסטער אויסדרוק פון דער אינעווייניקסטן רעליגיעזן געפיל".

„דורך דאס ענדלעכע, וואס מיר באגרייפן מיט אונזערע חושים, פילן מיר שטענדיק דאס אומענדלעכע".

„וו די זע קראפט גייט נ'ט ווייטער און ברעכט זיך איבער הויבט ער אן צו פילן, ער מעג עס וועלן אדער ניט, ס'ווילט זיך דורכברעכן דעם גרעניץ פון אומענדלעכקייט, זעען די אומזיכטבארע, באגרייפן די אומבאגרייפלעכע—דאס איז דער טיפער גרונד פון רעליגיע".

„אט דער געפיל פון שטרעבן צו אונענדלעכקייט, די גרויסע שטרעבונג קען ניט בלייבן אינעווייניק, אין דעם מענטשן, טיף פארבארגן בא אים אין הארצן, נאר ער מוז זיך ארויסווייזן ד. ה. ער מוז זיך אין עפעס אויסדריקן — סימבאליש".

„דער מענטש מוז זיך פארשטעלן צו וואס ער שטרעבט, וועלכע זאך ציט אים צו זיך, ווי רופט זיך יענע זאך — אט דאס האט געצווונגען דעם מענטשן צו שאפן זיך געטער. די געטער קענען זיין גאנץ פארשיידן, די אויסדרוק פארמען גאנץ אנדערע—די שטרעבונג און געפיל זיינען און בלייבן די זעלבע".

פראפעסאר ווארמונד טיילט איין די גאנצע רעליגיעזע אנטוויקלונג פון דער מענטשהייט אין דריי פאזן:

1) אין דער אלטער פארקריסטלעכער וועלט. ווען רעליגיע איז א מלוכה-רעליגיע אדער א פאלקס-רעליגיע.

2) דער קריסטלעכער, ווען זי וויל ווערן א וועלט-רעליגיע אדער א מענטשהייט-רעליגיע.

3) ווען די וועלט-רעליגיע ווערט ארויסגעשטופט דורך דער אינדיווי-דועלער אדער פערזענלעכער רעליגיע.

העגעל טיילט איין רעליגיע אין:

1) נאטירלעכע רעליגיע

2) געקינסטלטע רעליגיע

3) אבסאלוטע רעליגיע.

אנדערע וויסנשאפטסלייט טיילן רעליגיע איין אין פיר פעריאדן:

1) נאטור פעריאד, 2) קולטור פעריאד, 3) לעבנס פעריאד, 4) אידע-אלער פעריאד.

די וויסנשאפט איבער רעליגיע האט געמאכט גרויסע טריט נאך דעם ווי די געלערנטע: טשאמפאליאן, סילוועסטער, דע סאצי, לעפסיוס, לימאנס, ברודזש האבן פאנאנדערגעשפירט דעם עגיפטישן שריפט — די הערא‌גליפן און נאכדעם ווי גראטעפענד, בורנאמף, ראוולינזאן, אפערט האבן אנדעקט דעם פירוש פון א סירישן קלינשריפט, און נאכדעם ווי ענגלאנד האט ארונ-טערגענומען אונטער איר הערשאפט מזרח אינדיען (אין 1858), וואס צוליב דעם איז לייכטער געווארן צוצוגיין צו די אלטע אינדישע קולטור-פלעצער און צו די זאמלונגען פון די סאנסקריטשריפטן, נאכדעם האבן די פארשונגען פון די געשיכטלעכע און קולטור-דאקומענטן אין אינדיע, עגיפטן און קליין-אזיען באקומען אין מיטן XIX יר״ה א גוואלדיקע אנטוויקלונג.

דער מארקסיזם איז צוגעגאנגען צו רעליגיע מיט א קריטיק צו איר גרונט-ווירדע. לויטן היסטארישן מאטעריאליזם, האט ניט גאט באשאפן דעם מענטש, נאר דער מענטש האט געטער באשאפן לויט זיין בילד און דער מענטשלעכער גייסט איז בלויז א אפשפיגלונג פון דער מאטעריע.

לויט פייערבאכס אנטראפאלאגישע אויספירן איז רעליגיע בלויז א סיבה פון די ארומגערינגלטע איר באדינגונגען סאציאלן, עקאנאמישן און לעבנס באגריפן.

אט דער מאטעריאליסטישער צוגאנג צו רעליגיע, וועלכע ווערט פאר זיך אליין ניט דערשאצט און ווערט גערעכנט בלויז פאר אן אפשפיגלונג פון די מאטעריעלע פאקטארן האט דערפירט צו דער רעליגיעזער אנטיטעזע און כפירה-פעריאד אין געוויסע ספערן. מען מוז אבער מודה זיין, אז די וויסנ-שאפט איבער רעליגיע איז עד-היום נאך זייער אָרים און זי ווערט אויסגענוצט דורך פארשיידענע פאליטיקער.

רעליגיע און אייביקער לעבן
(יענע וועלט און תחית-המתים)

דער גלויבן אין א גליקלעכן צוקונפטיקן לעבן נאכן טויט גייט אריין צווישן די עיקרים פון די גרעסטע רעליגיעס. פאר דעם גלויבן אין יענער וועלט זיינען פיל יידן געגאנגען אויף קדוש-השם פארברענט ווערן, מיט א שטארקן האפענונג צו געניסן דעם אמתן גליק אויף יענער וועלט. אויב מיר טרעפן פיל מאטעריאליסטן פאר וועלכע עס עקזיסטירט נאר די וועלט און וועגן א „יענע וועלט" ריידן זיי מיט א חוזק-שמייכל, טרעפן מיר איצט אין XX יר'ה טויזנטער יידן און קריסטן, וועלכע גלויבן אין א יענער וועלט, פונקט ווי זיי גלויבן, אז זיי לעבן אויף דער וועלט. אויב סאציאליזם און אנדערע מאטעריאליסטישע פראגראמען זאגן צו גליק נאר אויף דער וועלט, זאגט רעליגיע צו גליק סיי אויף דער וועלט, סיי אויף יענער וועלט, רעליגיע אלס אזעלכע, וועלכע ברענגט אין בונד און הארמאניע דער אינערלעכער וועלט מיט דער אויסערלעכער וועלט. רעליגיע וועלכע מאכט אפהעניק דעם ערדישן „זיין" פון דעם אויביקן „זיין" — פון אייביקן קוואל פון וואנען עס פליסט לעבן — באנוגנט זיך ניט מיט דעם גליק פון קורצן ערדישן לעבן, וועלכער פארשווינדט, ווי א חלום. רעליגיע זוכט א תכלית פאר דעם מענטשן לענגער פאר זיין לעבן, א תכלית וועלכער גיסט זיך צונויף מיט דער אויביקייט.

אין די אלטע מיטאלאגיעס פון די מצרים און אינדיאנער געפינען מיר שוין גלויבונגען אין א המשך פון א לעבן נאכן טויט. די מצרים האבן געלאזן אלס זכר פון זייער גלויבן זייערע פעראמידן. פאר יעזן טויטן האט דער מצרי געבויט א הייל אין דער ערד, אנ'אייביקע וווינונג, פאר דעם קעניג א פירא-מידע. די קעניגלעכע פיראמידן שטייען נאך ביז היינטיקן טאג. דער מצרי פלעגט זיך פארשטעלן א המשך פון לעבן, נאר אין שייכות מיט פליישיקן קערפער, דעריבער פלעגן זיי פארבאלזאמירן דעם טויטן, כדי ער זאל ניט צעפוילט ווערן. די עגיפטישע מיטאלאגיע דערציילט אז נאכן טויט, מוז יע-דער מענטש אפגעבן א דין-וחשבן פארן טריבונאל פון אזיר'ס. די עגיפטער פארמעגן א רעליגיעזן ספר „דאס בוך פון די טויטע". דאס איז א זאמלונג פון תפילות, אויסגעקריצט אויף קברים, אלס וועגווייזער, ווי אזוי זיך אויפ-צופירן נאכן טויט. זייער פיל געפינען מיר גלויבונגען אין א לעבן נאכן טויט אין די אינדישע און פערסישע מיטאלאגיעס (פאלקס-מעשות וועגן גאטס גרויסקייט און קראפט).

דאס קריסטנטום איז געבויט אויפן גלויבן אין יענע וועלט און אין א

„הימלשער-קעניגרייך". דאס קריסטנטום דערציילט קודם-כל, אז קריסטוס אליין איז לעבעדיק געווארן דריי טעג נאך זיין טויט און אין די „אפאסטאלי-שע-גלויבן-באקענטניש" ווערט פארמולירט: „מיר גלויבן אין דער אויפשטייאונג פון דאס פליישעס און אין א אייביקן לעבן נאכן טויט". אין יעוואנגעליע מארקוס י״ב פסוק י״ח און אין לוקאס ט״ז פסוק י״ט, אויך אין דעם בריוו פון אפאסטאל פולוס צו קארינטער, ווערט באגרינדעט דער גלויבן איז תחית-המתים. ווי באציט זיך דער יודאאיזם—יידנטום צו תחית-המתים? אין דער יידישער תורה ווערט כסדר גערעדט וועגן זיין גליקלעך אויף דער וועלט. משה רעדט כסדר מיט די יידן: „וועט איר זיין געהארכזאם גאט, וועט איר זיין גליקלעך אויף דער ערד, וואס איר לעבט". אין דער גאנצער תורה ווערט ניט דערמאנט וועגן גיהנים. גן-עדן, נאר עס רעדט זיך, וועגן גליק אויף דער וועלט פאר געהארכזאמקייט און וועגן שטראף פאר אומגעהארכזאמקייט. דער תלמוד דרינגט שוין ארויס פון דער תורה, אז עס איז פאראן א יענע-וועלט. אין סנהדרין-חלק פרק י״א דרינגען ארויס די תלמודיסטן ר׳ יוחנן, ר׳ סימאי און ר׳ גמליאל, אז אויך אין די פסוקים פון דער תורה איז געלעגן די כונה וועגן עקזיסטענץ פון יענע וועלט.

די חכמי התלמוד האבן געגלויבט אין „יענער-וועלט" זיי האבן עס באגרינדעט אויף פסוקים פון תנ״ך און אויך פילאזאפיש. ווען די קעניגין קליאופטרא האט געפרעגט דעם תלמודיסט ר׳ מאיר, ווי וועלן די טויטע אויפשטיין נאקעטע צו אין זייערע קליידער? האט ר׳ מאיר געענטפערט, אז זיי וועלן אויפשטיין אין זייערע קליידער, מאטיווירנדיק, מה דאך א ווייץ ווערט באגראבן נאקעט און וואקסט אויס באקליידעט אין פיל זאנגען, וועט דאך דער מענטש אויך אויסוואקסן באקליידעט. דער קעניג האט געפרעגט בא ר׳ גמליאל: „דו זאגסט, אז טויטע וועלן לעבעדיק ווערן, דער צופוילטער גוף ווערט דאך ערד און ווי קען ערד לעבעדיק ווערן"? האט די טאכטער פון ר׳ גמליאל געענטפערט: „צוויי טעפער זיינען פאראן אין אונזער שטאט, איינער מאכט טעפ פון ליים און דער צווייטער פון וואסער. וועלכער איז בעתיקער? מה-דאך, אז גאט האט באשאפן א געזעץ, אז פון וואסער (טפה) זאל באשאפן ווערן א מענטש, וועט ער דאך פון ערד געוויס קענען". ר׳ ישמעאל האט געלערנט טעלעאלאגיש: „מה דאך א צובראכענע גלאז, וואס איז דורך א מענטש געשאפן קען האבן א תיקון דורך איבערגיסן, הייגט דער מענטש וואס איז פון גאט באשאפן מוז געוויס קענען האבן א ווידערגעבורט.

אין חולין (דף קכ״ז) ווערט דערציילט, אז אן אפיקורס האט געפרעגט בא ר׳ אמי, ווי אזוי קען פון ערד ווערן א לעבעדיקער מענטש צוריק? האט

ער איז ארויסגעפירט אין טאל און געוויזן, ווי היינט איז בלויז ערד און מארגן פויזן לעבעדיק שרצים. דאס איז דאך א באוויז, אז פון ערד קען ווערן לעבעדיק-פלייש, היינט אויב פון ערד ווערן געבוירן לעבעדיקע ווערים און פליגן, פארוואס קען ניט זיין, אז אויך דער מענטש, וואס ווערט צופוילט, ווי ערד זאל צוריק לעבעדיק יוערן?

די וועלכע ווילן זוכן אין תלמודישע מקורים וועגן תחית המתים קענען געפינען מאמרים אין (כ"ב עד) (ברכות ל"ב), סנהדרין צ"ט), סנהדרין צ"ב), (פסחים פ"ח), עבודה זרה ע"ט), (כתובות קי"א), (סנהדרין צ.) אין די אלע ערטער זאגן זיך ארויס פארשיידענע תלמודיסטן וועגן עקזיסטענץ פון יענער וועלט.

וועגן שור הבר, לויתן און יין המשומר, וואס איז צוגעגרייט פאר צדיקים אין צוקונפט ווערט שוין דערציילט אין זוהר און מדרשים (זוהר בראשית קלז (בר"ר צו) וועגן תחית המתים געפינען מיר אויך אין (מדרש הנעלם), (מדרש רבה בראשית כ"ג), מדרש שיר השירים פסוק: „אף ארשנו"), (תנא דבי אליהו פרק ב') (ירושלמי כלאים). ברענגען די אלע מאמרים געגוי דארף עס פארנעמען צו פיל ארט, דער געדאנקנגאנג איז דער זעלבער.

דער רמב"ם אין זיין „פירוש המשניות אויף חלק" סנהדרין, זאגט, אז האבן יענע וועלט מיינט ניט עסן לויתן און שור הבר, האבן יענע וועלט הייסט א נשמה דערהויבונג צום מקור הנשמות — צו אין סוף — צו גאט. ער זאגט, אז פונקט ווי א בלינדער פון געבורט קען ניט משיג זיין פארב-קאנט-ראסטן, אזוי קענען מיר פליישיקע גשמותדיקע מענטשן ניט משיג זיין דעם טענוג רוחניי. אין דער זעלבער שיטה דערקלערן ראציאנעל וועגן יענע וועלט די גאונים: רב האי, סעדיה, שמואל בן חפני, דער רלב"ג, די אלע רעליגיעזע אויטאריטעטןריידן וועגן א רוחניותדיקע שכלדיקן פארגעניגן פון „אין-סוף" און ניט וועגן א גשמיותדיקן.

די מיסטישע פילאזאפיע, וועלכע זוכט וויסנשאפטליך צו באגרינדן א תחית המתים שטיצט זיך אויף פאלגנדע פונקטן: 1) אינטואיציע, וואס דער מענטש לעבט מיטן חוש און געפיל, ווי ער וואלט געוועזן א אייביקער וועזן, זיין בויען זיך, זיינע פלענער, זיין האלטונג דאס אלץ וויל גאר ניט טראכטן וועגן פארשווינדן, וועגן אמתן טויט.

2) פון דעם, וואס אין דער וועלט ווערט קיין זאך ניט פארלארן, אפילו א ליכט. אז זי ברענט אויס קענען צוזאמענקלייבן די חלב. זאכן ענדערן זיך בלויז, נאר ווערן ניט פארניכטעט. היינט ווי קען דאס זיין, אז דער מענטש זאל פארלארן גיין?

3) פון דעם, וואס פיל זאכן אין נאטור שטארבט אפ צום ווינטער און אין פרילינג לעבט עס אויף צוריק, אלץ וואס פוילט איבער אין דער ערד ווערט באניים מיט לעבן, פארוואס קען ניט זיין, אז אויך דער צעפויל־טער מענטש זאל באניים ווערן? מען זעט דאך, אז פון ערד ענטוויקלען זיך לעבעדיקע פליישיקע בריאים שרצים און פליגן.

4) פון דעם, וואס אלץ אין דער נאטור איז באשאפן קלוג צוועקמעסיק, צו דען איז דער מענטש באשאפן בלויז אום צו פארשווינדן? דער אמתער מאמין געניסט פון יענער וועלט אויף דער וועלט מיט זיין גוטער שטימונג, אז ער לעבט אייביק.

רעליגיע און תפילה

וועגן גאט האט יעדער רעליגיע איר פארשטעלונג. אלע פארשטעלונגען אבער וועגן גאט קומען צו איין צענטראלן פונקט, אז גאט דאס איז די העכסטע קראפט איבער אלע כחות און אלץ אין לעבן איז אפהעניק פון דעם אייביקן „וועלט־כוח“.

דער מענטש קען ניט משיג זיין גאט אלס מהות. אבער באטש דער מענטש איז ניט זוכה צו זען גאט און אפילו משיג זיין מהות, דאך וואלט ער וועלן קומען מיט אים אין פארבינדונג, ריידן מיט אים, בעטן בא אים. דער מענטש אלס מאטעריעלער וועזן שטעלט זיך פאר גאט לויט זיינע מאטעריעלע השגות. דער מענטש ווייס, אז גאט דאס איז ניט א וועלכער עס איז קערפער, דאך ציט ער צו אים זיינע הענט און זיין געבעט, ווי צו א הויכע פערזענלעכקייט.

וואס איז דאס אזוינס תפילה?

תפילה דאס איז אן אויסדריק פון די מענטשלעכע געפילן פון אונטער־געגעבנקייט און געהארכזאמקייט צו גאט, בא וועלכן ער בעט לעבן און גליק. די תפילה קומט צו איר אויסדרוק דורך מנהגים, דורך צערעמאניעס דורך וועלכע עס באקומען אן אויסדריק די רעליגיעזע שטימונגען פון הארץ פון מתפלל.

דער מענטש וויל לעבן און גליקליך זיין, דעריבער זוכט ער דעם כח פון וועלכן זיין גליק איז אפהעניק. דער מענטש מיט זיין מענטשלעכער נאטור זוכט וועגן ווי אזוי צופרידנשטעלן דעם אלוועלטלעכן הערשער. וואס וויל גאט, וואס פארלאנגט גאט? אויף די פראגן זוכט דער מענטש אן ענטפער. און יעדער רעליגיע ענטפערט לויט איר וועלט אנשויאונג. דער ווילדער מענטש האט געזוכט צופרידנשטעלן גאט לויט זיין ווילדן באגריף און ער האט אפגע־געבן צו גאט די גרעסטע קרבנות — זיין קינד. מיינענדיק, אז גאט פארלאנגט

מענטשלעכע קרבנות, האט ער אזעלכע געבראכט שפעטער האט ער געבראכט קרבנות פון שעפסן, קי און טויבן און נאך שפעטער האט די תפילה פארביטן דעם קרבן. צווישן 11-טן און 13-טן יארהונדערט זיינען געשאפן געווארן פיל תפילות. די שעפונג אויף תפילות איז דאן געווען רייך בא אלע פעלקער. דער יידישער מיסטיקער יהודה הלוי און אנדערע האבן דורך פאעזיע און ענטוזיאזם געשאפן ליבּ געזאנגען צו גאט.

דער מאטעריאליסט קוקט מיט איראניע אויף דעם מיסטיקער, וועלכער באזינגט גאט און רופט אים שטארקער, הויכער, פיינער און ענדלעכע ליבּ-געזאנגען. דער מיסטיקער אבער נוצט אויס דאס שטארקסטע, וואס ער פארמעגט אין זיין שפראך אום צו אויסדריקן מיט ווערטער זיין ענטוזיאזם פאר דעם וועלט-שעפער, פאר דעם העכסטן און שטארקסטן איבער אלעמען.

א גרויסע באדייטונג פאר תפילה, האט געבראכט די נייע יודאאיסטישע שיטה פון דעם בעל-שם-טוב, אויב דער מתנגדיזם האט געשמעלט איבער אלץ דעם למדן, דעם חריף-ובקי, דעם בעל-פלפול, שטעלט דער בעל שם טוב אויפן ערשטן אָרט תפילה פאר דעם בעש״ט איז תפילה דער פראקטישער צנור דורך וועלכן דער מענטש איז בכח צונויפגיסן זיך מיט גאט. ער האט געשאפן אן אייגענעם סדר התפילות, לויט זיין שיטה און באציאונג צו תפילה.

די פילאזאפיע פון בעש״ט האט געלויטעט: „גאט קען ניט זעען, מ׳קען אים אבער פילן, דורך דעם שטארקן באגער פון מענטשן פארשווינדן אלע מחיצות״.

גאט איז דער קוואל פון לעבן און אלץ באקומט פון גאט דאס לעבנס קראפט און היות דער מענטש, וואס האט א שטארקן באגער, גאט באגרייפן, קען סוף כל סוף דערפילן דערזען. לויט דער פילאזאפישער וועלטאנשויאונג פון אר״י הקדוש, האט גאט באשאפן די וועלט מעשה שטאלצער מיוחס, מעשה אריסטראקאט איבער די מענטשן. זיין פראקטישע קבלה פון עבודת הבורה באשטייט אין תענתים, טרויער, סגופים און השבעות, מיט פארטעמפן אין זיך יעדער אָפטימיזם, לויט דעם בעל-שם-טוב מוז מען דינען גאט בשמה. ער האט געשטרעבט צו פארקלענערן די ממשלה פון אומעט און טרויער אין יידישן לעבן, די שווערע וואלקנס פון עצבות און מרה-שחורה וואס האבן די יידישע וועלט געדריקט, צו פארטרייבן און אריינברענגען אהין א ביסל פריילעכקייט און לעבנס-לוסטיקייט ער האט געזעקט אין פאלק דאס שענסטע און הארציקסטע, וואס ער האט אין זיך פארמאגט. דאס פאלק האט אים דערפאר איינגעוועבט אין א לעגענדארן מאנטל און אין לעגענדארע זונען-שטראלן געטובלט אין גאנצע וועלטן פון צויבער און פאנטאזיע דורכגעוועבט, מיט

שײנע לעגענדארע רױזן אױסגעבעט.

אים האט שטענדיק צו די פרײע ברײטע װעלדער און פעלדער געצױגן, ער פלעגט מיט גװאלטיקע התלהבות שײנע נגונים מיט די קינדער זינגען, א גאנצער קװאל פון שירה פלעגט זיך פון זײן הארץ אױסטרײסן, און האט זײן אפקלאנג אין די יונגע הערצעלעך פון די קינדער[illegible]. װי פלעגן פון זײן געזאנג פארכשופט װערן און פלעגן מיט אים מיטזינגען. זײערע יונגע נשמה־לעך פלעגן דאמאלסט פון לעבנסלוסטיקײט און מונטערקײט איבערפולט װערן.

א גרױסע פרײד האט זיך איבער דער װעלט צוגאסן און זי האט אונז צום הימל דערגרײכט, נחת־רוח פארן רבש״ע. ער האט נאך די פעלזן און בערג געבענקט, ער האט זיך מיט דער נאטור געװאלט „מתיחד" זײן און האט התבודדות געדארפט. אומעטום אין דער גאנצער נאטור האט ער געטלעכקײט געזען, דורך יעדער בױמעלע, דורך יעדער בלימעלע און גרעזעלע, האט ער גאט דערקענט. „יען דער מולכו של עולם װאלט פון דער װעלט זײן השפעה צונעמען, װאלט אלץ, אלץ זײן לעבן און עקזיסטענץ פארלױרן".

„אלע דינען דעם השי״ת לױט דעם פארשטאנד און שכל, װאס ער האט זײ געגעבן, און אפילו דאס קלײנע װערעמל טוט די ארבעט זײנע, לױט די כחות װאס ער, יתברך, האט אױף אים משפיע געװען". „דאס לעבן פון דער װעלט איז פאר זיך א תכלית, דער מענטש, װאס לעבט אין פרײד, טוט דער־מיט דעם װילן פון בורא זײנעם".

ארױסגײענדיק אין פעלד מתפלל זײן פלעגט ער פילן דעם גרױסן שבח, װאס דער גאנצער אוניװערזום זינגט צום בורא עולם פאר דעם לעבן און עקזיסטענץ, װאס ער האט אים געשאנקען. ער האט געשעפּט דעם גרױסן תענוג, די גרױסע נשמה פרײד און די לײדנשאפטלעכע ליבע צום לעבן װאס הערשט איבעראל אין דער נאטור און האט דאס אלץ אין זיך אײנגעזאפט.

דער בע״שט איז באגײסטערט געװען פאר אזא תפילה, װעלכע דער פאסטוך, עם הארץ, האט אױסגעדריקט דורך דעם שװישטש פון זײן בײטש, מיט א כונה צו דינען דעם בורא עולם.

פארשטײט זיך, אז עס רעדט זיך דא ניט װעגן „מעכאנישער־תפילה". װעגן אזא מין תפילה אָן כונה, אָן התפעלות, אָן פאעזיע, אָן הײליקײט, אָן הױכקײט. תפילה אן כונה, תפילה לױט געװױנהײט, תפילה פון מױל בלױז. בעת די געדאנקען זײנען װאכעדיק פרעמד פון התלהבות און ציען זיך ניט צום בורא־עולם, תפילה קאלטע לױט ענערציע, איז קײן תפילה.

תפילה מיט באװוסטזײן, תפילה מיט התפעלות, תפילה, װו דער מענטש װיל זיך צונױפגיסן מיט דעם בורא־עולם, דאס איז א מתנה צו װעלכער ניט

יעדער איז זוכה צו באגרייפן.

רעליגיע מעטאפיזיק און דיאלעקטיק

וואס איז דאס אַזוינס מעטאפיזיק?

אין דער וויסנשאפט הייסט מעטאפיזיק — אויסער דער פיזישער נאטור און וועלט, דאס וואס עקזיסטירט אין דער אידעען געדאנקען וועלט און פאר-שטאנד. אין דער סאציאלאגישער לערע ווערט מעטאפיזיק גערופן דאס, וואס איז סטאטיש אויביק אומפארענדערלעך אין קעגנזאץ צו דיאלעקטיק, וועלכע ס'איז דינאמיש פארענדערלעך. אין דער נאטור ווי אויך אין געזעלשאפטלעכן לעבן באגעגענען מיר זאכן, וועלכע עס ענדערן זיך ניט — וועלכע ס'געהערן צום אויביקן געזעץ אויך זאכן וועלכע עס ענדערן זיך שטענדיק. זאלן מיר נעמען למשל א בוים. איז זי אונטערגעווארפן געזעצן פון ענדערונגען, ווייל זי איז אפהענגיק פון צייט, קלימאט, זון, רעגן, ווערים, באמיסטיקונג און ענ-לעכעס. אין פרילינג בליט זי, זומער וואקסט פרוכט, אין הערבסט ווערט זי נאקעט צום ווינטער סעזאן. איר בליאונג און וואקסונג איז אפהענגיק פון קלי-מאט, רעגן, באארבעטונג, אויפזיכט און נאך פיל סיבות. די בוים ענדערט זיך מיט דער צייט, אדער זי וואקסט אויס, אדער זי דארט אפ.

אַט דאס אַלץ, אַט די אַלע ענדערונגען רופן זיך דיאלעקטישע ד. ה. אז עס קומט פאר א שטענדיקע עוואליוציע פון דינאמישע ענדערונגען. די זעלבע בוים איז אויך אונטערגעווארפן אויביקע געזעצן וועלכע ענדערן זיך ניט. למשל: עס איז אן אייביקער געזעץ פון דער נאטור, אז א בוים מוז וואקסן אויף דער ערד און ניט אויפן וואלקן. עס איז אן אויביקער געזעץ, אז א בוים מוז האבן ווארצלען אין דער ערד פון וואנען זי ציט איר יניקה; עס איז אן אויביקער געזעץ, אז ווען מען שניידט אפ א בוים פון איר שורש, דאן הערט זי אויף צו וואקסן. אט די אייביקע נאטור געזעצן רופן זיך „מעטאפי-זישע" ד. ה. סטאטישע-אומפארענדערלעכע.

זאלן מיר נעמען א מענטש איז ער איינצייטיק אונטערגעווארפן סיי מעטאפיזישע, סיי דיאלעקטישע געזעצן. דער מענטש איז אונטערגעווארפן דיאלעקטישע געזעצן מיט דעם, וואס זיין אנטוויקלונג און באוווסטזיין ענדערט זיך אפהענגיק פון ארט, נאטור, קלימאט, בילדונג, געזעלשאפטלעכע ארדנונג, סביבה, ארום, מאכט פאקטארן, צייטווייליקע מאראל, עקאנאמיש פראדוקטיווע אומשטענדן און נאך סיבות. א דאנק די אלע דינאמישע ענדערונגען ענדערט זיך דער מענטש סיי פיזיש סיי גייסטיק. אזוי ארום איז דער מענטש אונטער-געווארפן דער דיאלעקטישער ווירקונג. איינצייטיק איז דער מענטש אונטער-

געוואָרפן אייביק מעטאַפיזישע געזעצן מיט דעם. נאָר דער מענטש קען ניט אויסוואַקסן פון דער ערד, נאָר ער מוז געבוירן ווערן פון אַ מענטשן. דער מענטש מוז עסן און טרינקען, דער מענטש מוז שטאַרבן אַן לופט און נאָך אַזעלכע אייביק סטאַטישע אומפאַרענדערלעכע געזעצן.

אַמאָל פלעגן פילאָזאָפן קריגן צווישן זיך. איינע האָבן געזאָגט, אַז די וועלט איז בלויז מעטאַפיזיש-סטאַטיש און אייניקע האָבן געלערנט, אַז די וועלט ענדערט זיך שטענדיק. דער אמת איז, אַז ביידע זיינען גערעכט. די וועלט פאַרמעגט אייביקע אומפאַרענדלעכע געזעצן און איינצייטיק איז די נאַטור אונטערגעוואָרפן דיאַלעקטיש דינאַמישע ענדערונגען. דער דייטשעסער פילאָזאָף העגעל האָט אַנטוויקלט די לערע פון זיין דיאַלעקטישן מעטאָד: „אַלץ ענדערט זיך. קיין זאַך שטייט ניט אויף איין אָרט". דעם זעלבן דיאַלעקטישן מעטאָד האָט באַנוצט העגעלס תלמיד קאַרל מאַרקס. נאָר בעת העגעלס דיאַ-לעקטיק ווערט געשטויסן פון דער „וועלט-אידעע" איז מאַרקס דיאַלעקטיק אַ מאַטעריאַליסטישע. אַלץ ווערט געענדערט אונטער דער טרייב-קראַפט פון די עקאָנאָמיש פּראָדוקטיווע פאַקטאָרן, ניט אידעען ברענגען די שטענדיקע ענ-דערונגען, נאָר נייע פּראָדוקטיווע פאַקטאָרן און נייע צושטאַנדן ענדערן כסדר דאָס לעבן און געזעלשאַפט.

דאַרווין האָט ענטוויקלט די דיאַלעקטישע לערע אין דער ביאָלאָגיע און ער האָט באַוויזן אויף וויפיל אַלץ אין דער נאַטור ענדערט זיך דינאַמיש און מאַכט דורך אַ עוואָלוציע. קאַרל מאַרקס האָט אַנטוויקלט די דיאַלעקטישע לערן און געזעצן, וועלכע עס ווירקן אויף דער געזעלשאַפט. שפּינאָזע האָט אַנט-וויקלט די דיאַלעקטישע לערע אין דער טעאָלאָגיע ד. ה. אין דער לערע וועגן גאָט און וועלט. שפּינאָזאַ האָט אַרויסגעפירט דער טעאָלאָגיע פון איר מיטאָ-לאָגישן צושטאַנד פון פּאָליטעאיזם און אַפילו מאָנאָטאַאיזם און האָט דערפירט דער טעאָלאָגיע ביזן פּאַנטעאיזם.

האָבן זיך געפונען געלערנטע און האָבן געפּרוווט שאַפן אַן אַטעאיסטישע טעאָריע אַדאַנק דער דיאַלעקטישער טעאָריע, זאָגנדיק: ווי באַלד אַלץ ענדערט זיך שטענדיק, וויבאַלד אין דער נאַטור ווירקט שטענדיק די דינאַמישע דיאַלעקטיק איז דאָך אַ סימן, אַז עס איז ניטאָ קיין אייביגעס, קיין אַבסאָליו-טעס, קיין וועלט שעפער, וועלכער ס'האָט באַשאַפן אַ שטאַטישע שטענדיקע וועלט, זיי האָבן געוואָלט אַרויסדרינגען קליינקעפּלדיק, אַז אַלץ אַלע צופאַלן, אַלע ענדערונגען זיינען בלויז אָפּהענגיק פון די אַרומיקע אומשטענדן: נאַטיר-ליכע קלימאַטישע, געזעלשאַפטלעכע, פּראָדוקטיווע אאַז ענלעכע און במילא האָט עס קיין שייכות צו גאָט.

די איינזייטיקייט זייערע ליגט אבער אין דעם, וואס זיי באמערקן ניט, אז אינצייטיק עקזיסטירן אין דער וועלט אויך מעטאפיזישע אומענדלעכע אויביקע געזעצן און אז די אלע ענדערונגען זיינען אויך אונטערגעווארפן אט יענע מעטאפיזישע געזעצן. און טאקע די ענדערונג גופא, אט דער פאקט, אז קיין זאך שטייט ניט אויף איין ארט און אז אלץ אין דער נאטור ענדערט זיך, אט דאס גופא איז א מעטאפיזישער-אייביקער געזעץ. פון טאג זינט די וועלט עקזיסטירט, עקזיסטירט אויך טאקע אט דער אויביקער געזעץ, אז אלץ אין דער נאטור זאל דורכמאכן ענדערונגען און טאקע אט דער געזעץ, אז אלץ מוז דורכמאכן ענדערונגען בלייבט אליין ניט פארענדערט.

אין דעם ליגט טאקע דער כח פון דער וויסנשאפט, וואס זי זוכט די אייביקע אומפארענדערלעכע געזעצן צווישן די פארשיידענע ענדערונגען, וואס זי זוכט די סטאטישקייט צווישן דער דינאמישקייט.

דער פיזיקער מאכט עקספרימענטן כדי צו געפינען דעם אויביקן כאראקטער פון וואסער. וואסער ענדערט זיך אין פאר און אין פארגליווערט אייז און טאקע אט דער געזעץ, אז וואסער זאל זיך ענדערן אונטער היץ און קעלט בלייבט מעטאפיזיש אומפארענדלעך. די גאנצע וויסנשאפט אין אלע אירע געביטן און ביאלאגיע, כימיע, פיזיקע, עלעקטרעציטעט, ראדיא, אסטראנאמיע. די אלע זאכן די אויביקע סטאטישע געזעצן צווישן די פארשיידענע שינוים. דאס זעלבע איז אויך מיט די געזעלשאפטלעכע לערן, די סאציאלאגיע זוכט די אויביקע געזעצן, וועלכע עס ווירקן אויף די פיל פארשיידענע ענדערונגען אויף דער געזעלשאפט. ווער האט באשאפן די פיל און אויביקער מעטאפיזישער וועלט? בא דער פראגע בלייבט די גאנצע וויסנשאפט אומבאהאלפן. דא פאלט שוין מעטאפיזיק אריין אין רעליגיע.

דעטערמיניזם - דרוק פון נויטווענדיקייט, אינדעטערמיניזם — פרייקייט פון ווילן און רעליגיע

וואס איז דאס אזוינס דעטערמיניזם?

דאס איז די לערע, וועלכע באהויפטעט, אז ס'עקזיסטירט ניט קיין אומאפהעניקער פרייער מענטשלעכער ווילן און אז די מעשים פון א מענטשן ווענדן זיך ניט אן זיין רצון, נאר דער ווילן פון מענטשן ווערט געשטויסן דורך פארשיידענע אינעווייניקסטע און אויסווייניקסטע סיבות. יעדער טאט פון מענטש איז א רעזולטאט פון געוויסע באשטימטע סיבות, וואס דער מענטש איז ניט בכח צו ענדערן.

די לערע פארקערט, וועלכע עס לערנט, אז דער ווילן פון מענטשן איז

פריי אומבאנרעניצט און אומאפהעניק פון קיינעם, אז דער מענטש פארמעגט „בחירה-חפשית" פרייען אויסוואַל, די לערע רופט זיך — אינדעטערמיניזם.

שוין צוויי טויזנט יאר ווי די געלערנטע פון יעדער דור קריגן זיך צווישן זיך וועגן דער פראגע פון פרייען ווילן און נויטווענדיקייט. יעדער רעליגיע אפילו האט געהאט דעטערמיניסטן און אינדעטערמיניסטן. די רעליגיעזע דעטערמיניסטן האבן דערגרייכט ביז פאטאליזם ד. ה. ביז בלינדע באשערטקייט. אט די פאטאליסטן האבן שטענדיק באהויפטעט. אז אלץ איז באשערט פון גאט. יעדער האט א שטערן אין הימל, וועלכער האט שוין אנגעצייכנט זיין מזל—זיין גורל און קיין זאך וועט שוין ניט ענדערן. אזעלכע האבן זיך געפונען צווישן יידן, קריסטן, מחמדאנער, בודיסטן און אנדערע רעליגיעס.

דער באוווסטזיניקער יודאאיזם ווארפט אפ דעם בלינדן פאטאליזם, נאר ער אנערקענט דאס פרייען ווילן — די בחירה הפשות פון מענטשן. דער מענטש האט שטענדיק פאר זיך צוויי וועגן: די גוטע וועג און שלעכטע וועג און ער קען אויסקלייבן וועלכע ער וויל. קלייבט ער אויס די גוטע וועג וועט ער האבן גוטס, קלייבט ער אויס די שלעכטע וועג וועט ער האבן שלעכטס. דער מאטיוו ווערט נאך אנגעגעבן, אז ווען דער מענטש וואלט ניט פארמעגן קיין בחירה—קיין פרייען ווילן, וואלט דאך אים ניט קומען צו שטראפן פאר שלעכטס און צו באלוינען פאר גוטס.

ברוך שפינאזא איז געווען אן אנהענגער פון דעטערמיניזם ד. ה. ער האט באהויפטעט, אז יעדער טעטיקייט און באוועגונג פון מענטשן, וועלכע עס דאכט זיך אויס כלומרשט פריי איז באמת א רעזולטאט פון די ארומיקע סיבות: עקאנאמישע, גייסטיקע, פסיכאלאגישע אידעאלאגישע און זייער גלייכן. שפינאזע האט ניט אנערקענט קיין אויסערלעכע אידעען אויסערן וועלט סובסטאנץ, ווייל ער האט ניט אנערקענט קיין פאנטאסטישע מעטאפיזישע טעאלאגישע אויסערלעכע גייסטער: „גאט איז די וועלט און אין וועלט און די וועלט איז אין גאט". מיר מענטשן קענען זוכן גאט נאר אין אונזער סובסטאנץ, אויף וויפל דער אינדעטערמיניזם איז א פראדוקט פון מיטאלאגישער טעאלאגיע און פילאזאפישן אידעאליזם, איז שפינאזא געווען קעגן אינדעטערמיניזם, ווייל שפינאזא האט געזוכט די סיבה פון יעדער ווירקונג- פון יעדער נויטווענדיקן שטויס בלויז אין וועלט-סובסטאנץ, אין „עולם-היש" און ניט אין „עולם-האין".

שפינאזעס דעטערמיניזם קען אבער ניט גלייכן מיט דעם טרוקן מאטעריאליסטישן דעטערמיניזם פון די פילאזאפן פון XVIII-טן און XIX יר"ה

דער אונטערשייד ליגט אין דעם, וואס שפינאזא האט בלויז אפגעווארפן יע-דער גייסט אידעע און גאט אויסער דער עקזיסטירנדער וועלט אבער איינציי-טיק האט שפינאזא געזוכט דעם פונק פון געטלעכקייט אין וועלט-סובסטאנץ. פאר שפינאזן האט דאך עקזיסטירט א גאט און זיין גאנצע פילאזאפיע האט דאך אמענדע אנערקענט געטלעכקייט אין דער וועלט און די וועלט אין געט-לעכקייט בעת דער פילאזאפישער און סאציאלאגישער דעטערמיניזם פירט בלויז צו אטעאיזם און אנערקענט בלויז דעם מאטעריעלן פאקטאר.

דער קאמוניסטישער טעאָרעטיקער נ. בוכארין אין זיין בוך „טעאריע פון היסטארישן מאטעריאליזם“ פאראגראף 12 קלייבט זיך פאנאנדער אין דער פראגע פון דעטערמיניזם און אינדעטערמיניזם. בוכארין איז קעגן דער פרייהייט פון ווילן און ער באהויפטעס, אז געפיל און ווילן פון מענטש זיינען אפהעניק פון צושטאנד פון זיין ארגאניזם (פיזישע פארלאנגען) און פון דער סביבה אין וועלכער דער מענטש געפינט זיך, פונקט, ווי אנדערע זאכן אין דער נאטור אזוי איז אויך דער ווילן פון מענטשן אפהעניק פון דרוק פון באשטימטע סיבות. בוכארין וויל מיט זיין באהויפטונג אפווארפן די אלע אידעאליסטישע און טעאלאגישע לערעס, וועלכע עס זאגן, אז גאט הערשט איבער דער וועלט דורך דעם געדאנק פון מענטשן און די געדאנקען קומען לויט די פארדינסטן פון מענטשן. לויט דער אידעאליסטישער פילאזאפיע קומט יעדער פאקטאר אדאנק דער אנטוויקלונג פון דער וועלט-אידעע אדער פון וועלט-גייסט. יעדער זאך ווערט פריער געבוירן אין געדאנק און דערנאך ווערט זי ערשט פאר-ווירקלעכט אין לעבן און אזוי ווי דער גאנצער דעטערמיניזם מיט אלע זיינע סיבות איז סוף-כל-סוף אפהעניק פון אינדעטערמיניזם ד. ה. פון א ערשטע אום-אפהעניקע סיבה איבער אלע סיבות.

בוכארין ווארפט אפ יעדער מיסטעריע און יעדער באגריף פון צופעלי-קייט. לויט דער לערע פון בוכארינען איז דער געדאנק ניט קיין פרייער און ער קומט ניט צופעליק ווי א בליץ-שיין פון הימל אין מענטשלעכן געדאנק. נאר עס עקזיסטירט א פעסטער געזעץ, וועלכער דעטערמינירט נויטווענדיק אין די פארשיידענע סיבות ווירקן אויפן מענטשלעכן געדאנק ער זאל דענ-קען אזוי אדער אנדערש. יעדער געדאנק איז א רעזולטאט פון גזעצמעסיקע נויטווענדיקייטן, אין דעם מאמענט ווען אלץ ווערט נאטור געזעץ און גזעצ-מעסיקייט פון דער נויטווענדיקייט, בלייבט שוין קיין אָרט פאר גאט, השגחה פרטית און העכער אנפירונג מיט דער וועלט.

אנדערע לערנען אז ס׳זיינען ניט גערעכט די שטרענגע דעטערמיניסטן אויך ניט די שטרענגע אינדעטערמיניסטן, ווייל איינצייטיק ווירקן סיי דער ערשטער

סיי דער צווייטער. דער אידעאַליסטישער אינדעטערמיניזם וועלכער גיט זיך איבער צו אומבאקאנטע וועלט-אידעען און אויסוועלטלעכע גייסטער ווערט דאך צוקלאפט דורך די לערן פון די ווירקונגען פון די פאקטישע רעאלע פסיכא-לאגישע עקאנאמישע און אנדערע פאקטארן.

איינציייטיק בלייבט אבער צו פלאך און שמאל דער מאטעריאליסטישער דעטערמיניזם פון בוכארינען, ווייל מיר זעען, אז די זעלבע סיבות און זעל-בע ווירקונגען רופן ארויס בא מענטשן איינצייטיק פארשיידענע געדאנקען. די זעלבע רעאלע פאקטארן פון רוסלאנד בעת דער באלשעוויסטישער ממשלה, די זעלבע היסטארישע נויטוועדיקייטן האבן געבראכט צו אנדערע געדאנקען, סטאלינען, טראצקין און בוכארינען. בא איין און זעלבע לאגע אדער סיטואציע קומען צום מענטשן פארשיידענע געדאנקען. צוויי ריכטער וועלכע עס האבן פאר זיך דעם זעלביקן באשולדיקטן, דעם זעלבן באשולדיקונגס אקט, אלץ דאס זעלבע קומען דאך צו פארשיידענע געדאנקען וועגן זיין שולד אדער אומשולד, בא די זעלבע עקאנאמישע פאליטישע אומשטענדן קומען מענטשן פון דער זעלבער פארטיי צו קעגנזעצלעכע געדאנקען.

שפינאזאס דעטערמיניזם, אנערקענט די ווירקונג פון די ארומיקע סיבות און פארשיידענע עמאציעס, וועלכער אנערקענט ניט קיינע פאנטאסטישע גייס-טער און אבסטראקטע אידעען מחוץ דעם דעטערמיניזם. דאך אין וועלט-סובסטאנץ, אין דער קייט פון די סיבות און נויטוועדיקייטן, זוכט שפינאזא די געטלעכקייט. אין שפינאזאס דעטערמיניזם ליגט באהאלטן דער אינדעטער-מיניזם. די ערשטע סיבה איבער אלע סיבות, וועלכע מענטשן רופן אַן גאט, וואס רעגירט אין וועלט טאקע דורך דעם געזעצמעסיקן דעטערמיניזם.

דואליזם מאניזם און רעליגיע

וואס איז דאס אזוינס דואליזם?

דואליזם נעמט זיך פון לייטייניש ווארט duo-צוויי, צוויי זיינען לויטן דואליזם נשמה און קערפער, צוויי זיינען מאטעריע און גייסט, צוויי זיינען פרייהייט און נויטוועדיקייט. שוין גאר לאנג ווי די וועלט דענקער טיילן זיך אויף דואליסטן און מאניסטן. די דואליסטן זאגן, אז אין דער וועלט ווירקן זעלבשטענדיק סיי גייסט. סיי מאטעריע און די מאניסטן זאגן, אז עס זיינען ניטא קיין צוויי באזונדערע קרעפטן סיי גייסט סיי מאטעריע. די אי-דעאליסטן מאניסטן זאגן, אז דער גרעסטער כח פון לעבן איז בלויז גייסט איבער אלץ הערשט די וועלט אידעע און די מאטעריעלע וועלט איז בלויז אן׳אפשפיגלונג פון דער וועלט אידעע. אמאניזם געפינען מיר בא פלאטאנען

און שפעטער בא העגעלן. דער מאטעריאליסטישער מאניזם אנערקענט, אז אין לעבן ווירקט בלויז דער מאטעריעלער פאקטאר און די אידעע איז בלויז אן אפשפיגלונג פון מאטעריעלן זיין. אזעלכע מאניסטן זיינען געווען דידרא, האל־באך און קארל מארקס. מארקס לערער, דער אידעאליסט העגעל, האט געלערנט אז דאס גאנצע לעבן ווערט באווירקט דורך דער וועלט אידעע און זיין תלמיד' קארל מארקס האט פאראיניקט העגעלס דיאלעקטישן מעטאד צו דעם פילא־זאפישן מאטעריאליזם פון די פראנצויזישע ענציקלאפעדיסטן פון וואס עס איז געבוירן געווארן זיין טעאריע פון היסטארישן מאטעריאליזם אלס סאציאלא־גישער מאטעריאליזם.

צו רעליגיע האט די גאנצע מיינונגס-פארשיידנקייט א שייכות מיט דעם. וואס די מאטעריאליסטישע מאניסטן אנערקענען בלויז דאס וואס מיר פילן מיט אונזערע מענטשלעכע חושים אבער קיינע אויסוועלטלעכע גייסטער אנער־קענען זיי ניט. אזא מאנאסטיש-מאטעריאליסטישע לערע ווארפט אפ די אמונה פון מאנאטאאיסטישן רעליגיעזן גלויבן, אז דער איינציקער גייסטיקער רוחניות־דיקער גאט האט באשאפן די וועלט. פרעגט מען בא די מאניסטן: „ווי אזוי איז עס געווארן אזא וועלט"? ענטפערן זיי, אז פון אויביק איז זי אזוי און אז דער באגריף, אז א גייסט האט די וועלט באשאפן איז אן אויסגעטראכטע זאך.

די דואליסטן ווייזן אויף, אז אין דער מאטעריע איז פאראן אן אויביקער געזעץ, אז פון זיך ווערט קיין זאך ניט. שטענדיק ווערט איין זאך פון א צווייטער און ווי באלד, אז פון זיך אליין ווערט ניט קיין מאטעריע מוז זיין א גייסט, וואס האט די מאטעריע באשאפן די גאנצע וויסנשאפט איז בלויז בכח היילן און געבן מיטלען צום לעבעדיקן מענטשן, דאס לעבעדיקע ווערט אבער געבוירן בלויז פון לעבעדיקע. די וויסנשאפט האט נאך ניט קיין מעג־לעכקייט ארייננטאן לעבן אין ניט לעבעדיקע פלייש. דער אורשפרונג פון לעבן בלייבט א סוד און דעריבער קומען די אידעאליסטן צום אויספיר, אז די מא־טעריע אָן יענעם סודותפולן מקור החיים איז גייסטיק רוח. ווייזט אויף די וויסנשאפט, אז דאס לעבן איז אויך א מאטעריעלער יש. פראפעסאר ערנסט העקעל אין זיין באוווסטן בוך „וועלט-רעטענישן", וו ער אנטוויקלט זיין לערע איבער דעם וויסנשאפטלעכן מאניזם קומט צום אויספיר, אז אויך לעבן, איז ניט קיין רוחניות, נאר א גשמיותדיקער יש. דער נפש החיים איז א מא־טעריעלער יש.

העקעל באווייזט דעם מאטעריעלן יסוד פון דער פסיכיע. ער לערנט, אז אויך די קעמערלעך פון דער נשמה דאס איז א פונקציע פון דער פראָטא־פלאזמע, די פסיכישע טעטיקייט איז אפהענגיק פון די קעמערל-פאריינען. ער

רעדט וועגן די נערוון פעדים, נערוואָפּלאזמע, גאנגיליען קעמערלעך און פונקציעס פון דער פּלאזמע נשמה אלס א פינאלאגישן יש. קומט טאקע די פילאזאפיע פון חסידיזם און טיילט זיך אפ פון דער מאניסטישער נשמה. דער חסידיזם דערציילט וועגן צוויי נשמות: „נפש הבהמית" ד. ה. נפש החיים וואס איז טאקע א מאטעריאליסטישע פונקציע פון לעבן, וועלכע עס האָרמעגן גלייך סיי די בהמה סיי דער מענטש. אט דער רוח איז אפהענגיק פון בלוט און מארך פון מענטש. אט דער נפש החיים איז אפהייניק פון די דריי פאקטארן: חושים ארגאנען, נערוון פארבינדונגען און מוסקלען באוועגונגען. דער אידעאליסטישער חסידיזם דערציילט איינצייטיק פון א צווייטער נשמה רוחניות, דאס איז שוין א חלק אלוה ממעל אנ׳אָפשיין פון דער רוחניותדיקער געטלעכקייט. אָט מיט דער צווייטער נשמה איז בלויז דער מענטש באשאנקען און די בהמה ניט. די נשמה-רוחניות איז הייליק, ווייל גאט איז הייליק און די נשמה איז א טייל פון גאט, פון גאט איז זי גענומען און צו גאט קערט זי זיך אום נאכן טויט.

ברוך שפינאזא, דער מאניסט-פאנטעאיסט, קומט דאך דורך א העכערער וויסנשאפט צו דעם גייסטיקן מאניזם; כאטש די וועלט האלט אים פאר א מאטעריאליסט. שפינאזא אנערקענט קודם-כל בלויז דעם וועלט-סובסטאנץ, שפינאזא פארנעמט זיך ניט מיט אידעאליסטישע, אבסטראקטע אומבאקאנטע „וועלט-אידעען". שפינאזא צוקלאפט דעם מאנאטאאיסטישן באגריף פון א גייסטיקן גאט אויף די הימלען און זאגט, אז מיר מעגן ריידן בלויז וועגן דעם, וואס עקזיסטירט ווירקליך אין אונזער וועלט-סובסטאנץ. שפינאזא אנערקענט דעם דעטערמיניזם ד. ה. די לערע פון נויטוועגדיקייט, אז אלץ וואס דער מענטש טוט קומט עס צוליב געוויסע נויטוועגדיקע פאקטישע סיבות, וועלכע עס האבן אים געשטויסן אזוי צו טאן. שפינאזא אנערקענט די פאקטישע רעאלע וועלט — דעם „וועלט-סובסטאנץ" מיט זיין פארשפרייטקייט. קענען דאך מיינען, אז שפינאזא איז פון דעם מין מאניסטן מאטעריאליסטן, ווי קארל מארקס, וועלכער אנערקענט בלויז דעם מאטעריאליסטישן מאניזם און דער היסטארישער נויטוועגדיקייט, זיינען זיי אבער ניט גלייך איינער צום צווייטן. מארקס אנערקענט בלויז דעם מאטעריעלן פאקטאר ניט אנערקענענדיק קיין גאט אין קיין פאל, בעת שפינאזא זוכט יע גאט אין וועלט-סובסטאנץ. שפינאזא זוכט ניט און אנערקענט ניט קיין גאט פון הימלען אויסער אונזער וועלט. אבער שפינאזא אנערקענט פאלקאם די מציאות פון גאט זוכנדיק דעם כח פון גאט און וועלט-סובסטאנץ גופא.

די פאנטעאיסטישע פארמול פון שפינאזא „גאט און נאטור איז איינס",

מיינט ניט צו זאגן, אז די נאטור דאס איז גאט. אזא באהויפּטונג וואלט הייסן געצנדינערײַ. שפּינאזאס באהויפּטונג „די נאטור איז גאט" מיינט צו זאגן, אז דעם געטלעכן וועלט כח דארף מען ניט זוכן מחוץ דער נאטור, מחוץ דעם וועלט-סובסטאנץ. נאר אין דער נאטור—אין וועלט-סובסטאנץ.

דער פּאנטעאיזם איז ניט קיין אומקער צום פעטישיזם צו פארגעטערן חומר, נאר א פארשענערונג פון מאנאטאאיזם. דער בעל-שם-טוב האט אויך אנטוויקלט א מאנאטאאיסטיש פּאנטעאיסטישע לערע: „גאט איז אומעטום אין יעדער גרעזעלע, אין יעדער בוימעלע, אין יעדער צווייגעלע אין יעדער בריאה פון גרויס ביז קליין איז פאראן גאטס מעשים, גאטס וווּנדער."

געזעצמעסיקע נויטווענדיקייט,
השגחה דורך טעלעאלאגיע און רעליגיע

א מענטש איז געגאנגען אין גאס האט זיך אפּגעריסן א שטיק דאך און האט אים צושמעטערט זיין קאפּ און ער איז געשטארבן. זאגט דער פריידענקערישער אטעאיסט, אז דא ליגט ניט קיין צוועקמעסיקייט, קיין באשערטקייט פון דער השגחה. פּשוט צופעליק איז גראדע דער מענטש געגאנגען פארביי בעת דער ברוך שטיק איז שוין געווען אזוי אפּגעשפּאלטן, אז ער האט נויטווענדיק געמוזט שוין אראפּפאלן איז אָן קיינע באשערטקייט געזעצמעסיק פארגעקומען די צושפּאלטונג פון זיין מח. געגאנגען איז דער מענטש ניט ווייל סתם א געדאנק איז אים איינגעפאלן צו גיין, נאר ווייל ער האט נויטווענדיק געדארפט גיין פארביי. דער צופאל איז ניט קיין בלינדע צופעליקייט נאר א רעזולטאט פון אומבאדינגטע נויטווענדיקייט.

האט איין לאנד דערקלערט קריג א צווייטער, איז עס ניט סתם א צופאל נאר געוויסע סיבות האבן היסטאריש נויטווענדיק דעטערמינירט, אז די לאנד זאל זיין גענויט נויטווענדיק דערקלערן קריג. יעדער היסטארישע געשעעניש ווי צופעליק זי זאל זיך ניט אויסדאכטן איז פאלקאם אפּהעניק און איז ענטשאנען א דאנק דעם קרייצן זיך פון עטלעכע סיבהדיקע רייעס, פון וועלכע עס איז באוווסט נאר די לעצטע, אז ארום ליגט די געזעלשאפט און איר אנטוויקלונג אונטער דער נויטווענדיקער געזעצמעסיקייט אפּהעניק פון פאליטישע און עקאנאמישע סיבות די נויטווענדיקייט קומט אומפארמיידלעך דעטערמינירט צו זי איז גוט צו שלעכט. דאס איז די מאטעריאליסטישע שיטה פון טעארעטיקער פון רוסישן קאמוניזם נ. בוכארין.

וואס ווייזט אויף די צוועקמעסיקייט און הארמאנישע ארדענונג פון דער וועלט. די טעלעאלאגישע לערע באווייזט, אז די גאנצע וועלט איז באשאפן

גוט צוועקמעסיק. די נאטור איז באשאפן קלוג און גרייט צו פאר יעדערן וואס ער האט נייטיק. יעדער באשעפעניש פון קליין ביז גרויס איז באשאפן מיט די מיטלען צו קענען איינשאפן זיך שפייז. די ציינער, די אויגן, די הענט, די פיס, יעדער אבר, אלץ איז באשאפן צוועקמעסיק. יעדער אָדערל האט זיין צוועק. דאס פנים פון מענטשן ענדערט די מינעס און איז אזוי בייגזאם. די מוראשקע גרייט צו איר שפייז פון זומער אויף ווינטער, יעדער באשעפעניש אין דער וועלט מערט זיך און שפייזט זיך, מיט איין ווארט אלץ איז באשאפן צוועקמעסיק מיט א קלוגער צוגרייטונג דעריבער קומט מען צום געדאנק, אז די וועלט אלס גאנצע און דאס לעבן ארום און ארום האט אויך א ציל און צוועק. אויך די וועלט אלס גאנצע האט א משגיח. וועלכער פירט אלץ צו א צוועק. די טעלעאָלאגיע פירט צו דער דערווייזונג פון מציאות הבורא—פון א וועלט השגחה.

ווי באלד אלץ איז באשאפן אזוי קלוג-צוועקמעסיק פארלאנגט גאט פון אלץ בלויז גוטסקייט באוונדערס פון דעם מענטשן. יעדער רעליגיע בא-הויפטעט דעם אויביקן כלל, אז פאר גוטס באצאלט זיך מיט גוטס און פאר שלעכטס מיט שלעכטס. פריער צי שפעטער א באצאלונג קומט. ווייל די וועלט איז ניט הפקר. קיין בלוט און קיין טרערן ווערן ניט פארלארן. ווי אזוי פירט גאט די וועלט? אלץ וואס גאט טוט איז ניט איבערנאטירלעך. נאר דורך דער נאטור מיט אירע געזעצן פירט גאט די וועלט. דער מענטש איז באגאבט מיט שכל און געדאנק און לויט די פארדינסטן פון מענטשן קומען צו אים געדאנקען, וועלכע פירן אים צו גוטס אדער צו שלעכטס, פונקט, ווי די עלעקטרישע סטאנציע גיט ליכט אין אלע לעמפלעך אזוי באקומט אויך דער מענטש זיין בליק פון געדאנק א דאנק דער השפעה פון גאט.

דאס קומט טאקע פאר נאטירליך, אבער בא די זעלבע נאטירליכע אומשטענדן קען דער מענטש האנדלען אזוי אדער אנדערש. נעמען מיר דעם פאל מיט דעם אפגעריסענעם שטיק פון דאך, וואס האט געהרגעט דעם מענטשן די זאך איז טאקע געקומען געזעצמעסיק, ווי באלד ער האט דאן געהאט, ניי-טיק צו גיין איז ער געגאנגען. און ווי באלד דער שטיק ציגל האט זיך גע-מוזט אפרייסן האט ער זיך אפגעריסן און ווי באלד ער איז פונקט אין יע-נעם מאמענט געגאנגען פארביי האט ער געמוזט געהרגעט ווערן, אבער דאך בא דער זעלבער נויטווענדיקייט צו גיין, ווען ער גייט גיכער א ביסל אדער א ביסל פאמעלעכער, אדער דער בליק פון געדאנק צו גיין וואלט אים קומען מיט איין האלב מינוט שפעטער וואלט ער ניט געהרגעט ווערן. די השגחה ליגט ניט אין בייטן דער נאטור נאר אין צונויפפאסונג פון די סיבות צוליב

וואס עס קומט אויפן גאנץ נאטירליכן וועג דער אדער יענער רעזולטאט.

זאל זיין, אז אויך דער ווילן און געדאנק פון מענטשן איז אפהעניק פון געוויסע נאטירליכע סיבות אבער בא איין און זעלבער לאגע האנדלען מענטשן אנדערש. בא איין און זעלבער סיטואציע רעאגירן מענטשן פארשיידן בא די זעלבע עקאנאמישע און גייסטיקע באדינגונגען האנדלט איין מענטש אזוי און דער צווייטער אנדערש. א מענטש וויל זיך ראטעווען. עס איז פאר אים נויטווענדיק צו לויפן, האט ער אבער פיל וועגן צו לויפן און א בליק פון געדאנק קלייבט אויס די אדער יענע וועג. דערנאך קומען ווידער סיבות, וועלכע עס ברענגען טאקע נאטירליך געזעצמעסיק אבער גאר צו פארשיידע־דענע רעזולטאטן. זיצן מיניסטארן פון א לאנד, פון א נאציע אדער פון א קלאס און טראכטן וועגן אן ענטפער אויף א נאטע צו א צווייטער מלוכה, אדער טאקע וועגן קריג דערקלערן. אלע מיניסטארן שטייען פאר איין און זעלבן באריכט וועגן דער סיטואציע, אלע מיניסטארן שטייען פאר איין און די זעלבע פאקטארן, דאך קומט יעדער מיניסטער צו א באזונדער געדאנק און א מערהייט פון מיינונגען און געדאנקען ברענגט צו די אדער יענע רעזולטאטן.

דער פאנטעאיסט ברוך שפינאזא קומט צו דער טעלעאלאגישער צוועק־מעסיקייט דורך דער קויזאאליסטישער געזעצמעסיקייט. אין זיין „טעאלאגיש־פאליטישן טראקטאט” זאגט שפינאזא: „אונטער גאטס לייטונג פארשטיי איך דעם פעסטן און אומפארמיידלעכן סדר פון דער נאטור, אין אנדערע ווער־טער, די צוזאמענקייטלונג פון די נאטירלעכע זאכן די אלגעמיינע געזעצן פון דער נאטור, לויט וועלכע אלצדינג געשיט און ווערט באשטימט, זיינען ניט קיין אנדער זאך, ווי גאטס אויביקע באשלוסן, וואס זיינען אלעמען כולל אין זיך אן אייביקן אמת און אן אייביקן מוז. עס איז דעריבער, אלץ איינס, צו מיר זאגן, אז אלץ געשעט נאר דורך די געזעצן פון דער נאטור, אדער מיר זאגן, אז אלץ ווערט איינגעארדנט דורך גאטס באשלוס און לייטונג. און אזוי ווי די מאכט פון אלע נאטירלעכע זאכן איז ניט קיין אנדער זאך, ווי גאטס מאכט גופא, וואס נאר דורך איר אליין געשיט און ווערט באשטימט אלצדינג, איז דערפון געדרונגען, אז אלץ וואס דער מענטש, וועלכער איז אויך א טייל פון דער נאטור, טוט מיט זיין ווילן פאר זיין זעלבסטהאלטונג און אלץ, וואס די נאטור אליין גיט אים אן זיין באטייליקונג - דאס אלץ ווערט אים געגעבן בלויז דורך דער געטלעכער מאכט, וועלכער ווירקט אדער דורך דער מענטש־לעכער נאטור, אדער דורך די זאכן, וועלכע עס זיינען אויסער דער דאזי־קער נאטור, און דעריבער קענען מיר אלץ, וואס די מענטשלעכע נאטור קען שאפן פאר זיך דורך איר אייגענער מאכט מיט רעכט אנרופן גאטס אינערלע־

כע הילף, און אלץ, וואס געשעעט לטובת דעם מענטשן דורך דער מאכט פון אויסער סיבות—„גאטס אויכערלעכער הילף" אזוי ארום זעען מיר, אז שפינא-זא נעמט אין אכט דעם געזעצמעסיקן דעטערמיניזם דאך שטערט עס אים ניט זוכן די געטלעכקייט אין דער נויטווענדיקייט גופא.

רעליגיע און עטיק — מאראל

וואס איז דאס אזוינס עטיק?

עטיק דאס איז די מאראל וויסנשאפט, וועלכע ס'פארנעמט זיך מיטן אויספארשן די געזעצן פון מאראליטעט און זיטליכקייט — אלע נארמען און פארשטעלונגען פון מענטשן וועגן גערעכטע באציאונגען. יושרדיקע האנדלונ-גען. די פראבע פאר עטיק איז גוטס און שלעכטס. אלץ וואס איז גוט איז עטיש און אלץ וואס איז שלעכט איז ניט עטיש. די מעטאפיזיש סטאטישע זייט פון מאראל איז שטענדיק די זעלבע ד. ה. ארנטלעך, יושרדיק, גערעכ-טיק, אמתדיק און גוט. צוקוקנדיק זיך צו מאראל פון דיאלעקטיש-דינאמישן שטאנדפונקט מאכט דורך מאראל אן עוואליוציע און וואס פאר איין דור איז מאראליש איז פארן צווייטן דור אנטימאראליש און אין דער זעלבער עפאכע איז מאראל רעליאטיוו ד. ה. אז אפילו אין דער זעלבער צייט קוקן מענטשן פארשיידן און שאצן אפ גאנץ אינדיווידועל די ווירדע פון מאראל.

אין דער לענג פון דער וועלט געשיכטע בייטן זיך די באגריפן וועגן מאראל. דער ווילדער מענטש האט פארמעגט א מאראל מאַרוס, אז עסן א מענטש פון דער אייגענער משפחה, פון דעם אייגענעם שבט איז ניט מארא-ליש עס איז אבער מאראליש און יושרדיק אויפצופרעסן א מענטשן פון א פרעמדן קעגנערישן שבט...

שפעטער איז געווארן אוממאראליש צו פרעסן וועלכן עס איז מענטשן, עס איז אבער געווען מאראליש צו פארקויפן מענטשן פאר קנעכט, מען האט זיך ערלויבט צו פארקויפן די קינדער פון קנעכט און דינסט פונקט, ווי איצט פארקויפט מען קעלבער פון דער קו. נאך שפעטער ווערט אפגעשאפט אבסא-לוטע קנעכטשאפט און עס קומט די פעאדאלע קנעכטשאפט. דער זעלבער קנעכט, נאר כלומרשט פאר א באלוינונג. דער קנעכט ווערט באלוינט און בא-זארגט דורך זיין פעאדאל. אזוי ווי אין יעדער עפאכע זאגט רעליגיע איר ווארט אין לעבן איז יעדער מאראל אן'אפשפיגלונג פון דער רעליגיעזער וועלט-אנשויאונג. בא די געצנדינער עקזיסטירט די קנעכטישע מאראל. דאס קריסטנטום האט שוין מיטגעהאלפן אפשאפן קנעכטשאפט אין האט עס פאר-ביטן מיטן פעאדאליזם. דער פעאדאל—דער ריטער פון קירך האט ניט געהאט קיין

שייכות צו דער עוואנגעלישער ריין קריסטלעכער לערע וועגן מענטשן ליבע, ער האט פארמעגט זיין ריטערלעכע מאראל. פאר דעם יחסן דעם פעאדאל אריסטאקראט עקזיסטירט אנדערע רעכט ווי פאר דעם פויער לייב-אייגנטום קנעכט. דער פעאדאל מאכט קרייץ-צוגן, פארכאפט ערד, פארקנעכטעט מענטשן אין נאמען פון דער הערשנדער קירך.

דער ריטער באזינגט פרויען, פארטיידיקט די ערע פון פרויען, ווייזט העלדנטאטן און שטעלט זיין לעבן אין סכנה פאר א פרוי. דאס איז אבער אלץ פאר א פרעמדער פרוי... זיין אייגענע פרוי פארשפארט ער... און אין דער זעלבער צייט ווען ער קעמפט פאר זיין געליבטער, און בעט איר בלויז ערלויבן קושן די ברעגן פון אירע פינגער... איינצייטיק זיינען אלע דארפט מיידלעך און פרויען פון פויערים לייב-אייגענע הפקר פאר אים, זיי ווערן געשענדעט אין יעדער מינוט ווען ער וויל דאס נאר טאן. פאר זיי עקזיסטירט גאר אן אנדער מאראל.

דערנאך קומט די מאראל פון קאפיטאליזם. דאס איז א מאראל פון „פרייען אפמאך". אויס לייב-אייגנטום, אויס קנעכטשאפט, „פרייהייט", „גלייכהייט" יעדער מענטש איז פריי און פארקויפט זיין ארבעט און מי ווענען ער וויל און ווו ער וויל, „פרייער-אפמאך" איז דער רעוואליוציאנעלער לאזונג פון דעם קאפיטאליזם אנטקעגן דעם פעאדאליזם. דער מענטש ווערט פריי, אבער די נייע מאראל איז נאך ניט דער ריכטיקער אמת. די שטארקע און כיטרע פארכאפן דעם קאפיטאל און דער פרייער מענטש איז געצווינגט צו פארקויפן זיין פראצע פאר גארנישט. דער פרייער מענטש ווערט עקספלאטירט אזוי, אז די מערוועט פון זיין פראצע ווערט אויפגעפרעסן פון דעם אונטערנעמער, קאפיטאליסט, פאבריקאנט אדער פריץ.

דערנאך קומט די מאראל פון מארקסיזם, וועלכער קריטיקירט די רעכטלעכע מאראלישע גארמען פון דעם קאפיטאליזם. דער מארקסיזם—וויסנשאפטלעכער סאציאליזם ווייזט אויף, אז די רעכט און מאראל פון קאפיטאליזם איז פאלש און די נייע מאראל פאדערט די רעכט ניט פון יחיד, נאר פון קאלעקטיוו—פון פראלעטאריאט. די ארבעט פון קאלעקטיוו טאר ניט געהערן צום יחיד-קאפיטאליסט, נאר צו אלע ארבעטער. דער מענשעוויסטישער מארקסיזם ווארט מיט געדולד אויפן סאציאליסטישן משיחיזם ביז דער קאפיטאל וועט זיך קאנצענטרירן, ערשט דאן וועט מען נאציאנאליזירן. דער באלשעוויסטישער מארקסיזם הייסט זיין אקטיוו און רופט דעם פראלעטאריאט פארכאפן די מאכט און בויען דאס לעבן אויף נייע יסודות.

דער מארקסיזם האט אפגעשאפט פריערדיקע רעכט און מאראל און האט גע-

שאפן גאר נייע מאראל נארמען. א נייע לאנד מיט א נייען קאפּיטאל פאר מאראל און רעכט — מיט א נייען באגריף וועגן גערעכטיקייט. דער מארקסיזם שטייט ניט אויף איין ארט, האלט זיך נאך אלץ אין א דיאלעקטיש דינאמישן צושטאנד פון שאפן נייע נארמען פון מאראל און רעכט. און אויך דעם מארקסיזם ווערט פארגעווארפן קלאסן עגאאיזם און מאכטגייציקייט.

די מאראל בייט זיך אין דער לענג פון דער וועלט-געשיכטע. ווייל שטענדיק איז זי אפהעניק פון מאכט און פאליטיק. ווער עס האט די מאכט יענער פאבריצירט א מאראל לויט זיין פאליטיק. די אמתע מאראל טאר ניט זיין אפהעניק פון א רעכט און גערעכטיקייט פון פויסט. נאר דאס מוז זיין אזא מאראל, וועלכע וואקסט פון רעכט צוליב גערעכטיקייט, פון רעכט צוליב יושר און אמת. די אמתע מאראל איז ניט אפהעניק פון קיינעם און זי בייטיקט זיך ניט אין פשטלעך און דעמאגאגיע. די אמתע מאראל איז ניט אפהעניק פעאָדאליזם, קאפיטאליזם, מארקסיזם, נאציאנאליזם. די אמתע מאראל איז ניט אפהעניק פון וועלכע עס איז צייט, אָרט, נאציע, קלאס, מאכט, מאדע. די אמתע מאראל איז ניט אלט און ניט ניי, זי איז אייביק די זעלבע. די אמתע מאראל גיט קיינעם קיין פריווילעגיעס און חנפנט קיינעם ניט. די מאראל איז ניט קיין אויסגעטראכט רעכט פון דער אדער יענער אידעאלאגיע, נאר זי איז פרימיטיוו, פשוט אמתדיק, אפאליטיש.

יעדער רעליגיע שטעלט מאראל איבער אלץ, כמעט אלע רעליגיעס אפעּרירן מיט דעם באקאנטן לאזונג: „האב ליב דעם צווייטן ווי זיך אליין" און וואס דיר איז שלעכט זאלסטו דיין חבר ניט טאן". דאך האט די מאכט און פאליטיק שטענדיק געפעלשט דער רעליגיע צוזאמען מיט דער מאראל און די נאציאנאלע און קלאסן מאראלן האבן שטענדיק פארגוואלדיקט דער רייגער רעליגיעזער מאראל. די מאדערנע ציוויליזאציע האט זיך דערקלערט זעלבשטענדיק און פארווארפנדיק רעליגיע האבן זיי פארוועלטלעכט די מאראל. די פרוכט פון דער מאדערנער ציוויליזאציע מיט איר מאראל איז באקאנט פון איין זייט צוהוליעטע איבערזעטיקטע פון צווייטן זייט הונגעריקע נאקעטע, מארד, קריג, נאציאנאלער און קלאסן קאמף אָט דאס איז די פרוכט פון דער מאדערנער ציוויליזאציע, וועלכע שאפט רעכט לויט דער גייסטער מאדערנער פאליטיק. די אמתע מאראל איז ניט קיין קינד פון דער צייט, מאדע און פאליטיק, נאר איז אן אויסדרוק פון דער פרימיטיווער רייגער טעזע און סינטעז פון דער עטישער רעליגיע, וועלכע איז ניט אפהענגיק פון מאכט גאוה, תאוה, קנאה, שנאה. די אמתע מאראל איז געבונדן מיטן גרעסטן וועלט-יושר — מיט דעם שעפער פון וועלט און מענטש.

גוטס שלעכטס און גאט

די וועלט פרעגט כסדר די באקאנטע קשיה: „ווי באלד גאט פירט יושר-דיק מיט זיין וועלט, טאָ פארוואס טרעפט אפט, אז א צדיק איז שלעכט און א רשע איז גוט? אויבנאויף דוכט זיך אויס, אז די קשיה איז אזוי הארב, אז עס איז שווער צו ענטפערן, נאר די מאמינים זאגן, אז באמת איז עס גאר קיין קשיה ניט. קודם כל טייטשט אויס די וועלט פאלש דעם פשט פון „צדיק" און „רשע", די וועלט מיינט, אז צדיק איז דער, וועלכער עס מאכט א מינע פון א צדיק, דער וועלכער עס פירט אויס פינקטלעך די דאגמאטיק פון רעליגיע, דער וואס דאווענט מיט א פרומען פנים, און רשע איז דער, וועלכער באפרייט זיך פון דאגמאטיק, מיט איין ווארט - מען מעסט לויט די באציאונגען פון מענטש צו גאט, בעת דעם צדיק דארפן מעסטן לויט זיינע מעשים צו די מיטמענטשן. און טאקע די אמתע ארנטלעכקייט און טיף יושר-דיקע האנדלונגען פון מענטשן איז זייער שווער צו דערקענען און אפמעסטן. מענטשן זיינען פעהיק צו מאסקירן זיך. ניט אלע מענטשן איז מעגלעך צו דערקענען. נאר איין גאט ווייס דעם אמת וועגן די פארשיידענע מעשים פון מענטשן. ווידער די פראגע פון גוטס און שלעכטס איז זייער קאמפליצירט. „איזהו עשיר השמח בחלקו" רייך איז דער וואס באנוגנט זיך מיט דאס וואס ער האט. אפט קענט איר טרעפן אן'אָרעמען פאסטוך אנגעטאן אין לייוונט, וועלכער איז פיל גליקלעכער פון א מיניסטער... יעדער מענטש שפילט אף זיין לעבן פונקט, ווי דער ארטיסט אויפן סצענע, יעדערער שפילט זיין ראל... און יעדערער לעבט איבער זיינע ליידן און פריידן לויט זיין ראל... יעדע ראל די רייכע און די ארעמע האט זיך איר פריידן און ליידן. דאס וואס פאר איינעם איז עס אן אומגליק איז עס פאר א צווייטן א גליק און פארקערט. אזוי ארום מוז פיל געטראכט און געמאסטן ווערן ביזן פעסטשטעלונג פון „צדיק" און „רשע" און פון „גוט" ביז „שלעכט".

ווידער טרעפט אפט, אז צוליב דעם, וואס מיר ווייסן ניט די גאנצע קייט פון די געשעענישן דעם אנפאנג און ענד קענען מיר ניט אפשאצן די זאך אויף וויפיל זי איז גוט אדער שלעכט. פאראן א זאך, וואס אין דעם מא-מענט דוכט זי זיך אויס פאר גוט און שפעטער קומט פון דעם ארויס א גרוי-סע רעה און פארקערט טרעפט, אז אונז פארדריסט אויף א זאך און עס דוכט זיך אונז אויס, אז עס איז פאר אונז שלעכט און לסוף קומט פאר אונז ארויס א גרויסע טובה. ווען מיר זעען, ווי א אינזשיניער לייגט געוויסע באלקנס אין א גרויסן בנין קענען מיר אים פרעגן א קשיה? מיר פרעגן ניט, ווייל מיר ווייסן, אז ער ארבעט לויט זיין אויסגעארבעטן פלאן פון פריער און

לויט זיין קוק אויף שפעטער, ווען מיר זעען ווי איינער זיצט נעבן זיין שרייבטיש און סארטירט זיינע פאפירן, איניקעווארפט ער אין מיסט-קארב, איניקע באהאלט ער אין קעשענע, קענען מיר דען פרעגן בא אים קשיות פאר וואס ער האנדלט אנדערש בנוגע יעדער פאפירל? מיר פארשטייען, אז ער ווייס דעם באדייט און געשיכטע פון יעדער פאפירל און דערפאר באהאלט ער די נייטיקע און ווארפט אוועק די ניט-נייטיקע. גאט פירט אן מיט דער גאנצער וועלט, פונקט ווי דער אינזשיניער מיט זיין בנין, פונקט ווי דער מענטש מיט זיין שרייבטיש און דערפאר זיינען נאריש אונזערע קשיות צו גאט בעת מיר ווייסן ניט וואס איז פריער און וואס שפעטער, וואס איז געשען און וואס דארף געשען. מיר ווייסן ניט דעם אמת פון די פריערדיקע געשע-ענישן דערפאר פרעגן מיר אפט א קשיה אויף גאטס מעשים, נאר באמת איז גאט ניט שולדיק, נאר מענטשן זיינען ניט אימשטאנד צו וויסן אלע סיבות און זייערע צוועקן.

אין מדרש געפינט זיך א פיין מעשה'לה, וועלכע עס ענטהאלט אין זיך א אויסערגעוויינלעך טיפן פילאזאפישן געדאנק און וועלכע פארענפערט טייל-ווייז די קשיה פון „צדיק ורע לו רשע וטוב לו". אין מדרש ווערט דערציילט, אז ווען משה איז ארויף אויפן הימל האט ער געזאגט צו גאט: „רבונו של עולם באווייז מיר ווי דו פירסט די וועלט", האבן די מלאכים אים געענטפערט, אז דער מענטש קען ניט פארשטיין גאטס וועגן, דאך האבן זיי אים געוויזן לויט זיין ביטע דאס לעבן אויף דער ערד משה האט געזען פאר זיך א גרי-נע לאנקע אין מיטן א ברונים, צום ברונים איז צוגעפארן א רייטער, האט אויסגעטאן זיין גארטל, אנגעטרונקען זיין פערד און אוועקגעפארן, פארגעסנדיק דעם גארטל נעבן ברונים. נאך אים איז געקומען א צען יאריק יינגעלע, האט אנגעשעפט וואסער און האט געפונען דעם איבערגעלאזענעם גארטל אין וועלכן עס זיינען געלעגן טויזנט דאלאר. ווען דער יינגעלע איז אוועקגעגאנ-גען איז געקומען צום ברונים א בעטלער, אנגעשעפט וואסער, באגאסן זיין פארשימלטן ברויט און געגעסן. ווען דער רייטער איז געקומען צום ברונים זוכן זיין פארגעסן גארטל, האט ער געפונען דעם בעטלער און געפאדערט בא אים זיין געלט. דער בעטלער האט פארשטייט זיך געענטפערט, אז ער ווייס ניט פון וואס צו זאגן, דאס האט דערצארנט דעם רייטער און ער האט פאר כעס אראפגעהאקט דעם בעטלער די קאפ. דא האט משה אויסגעשריען: „א, גאט! פארוואס קומט דאס אים, בעת ער איז גישט שולדיק!" דאן ווערט דערציילט האבן די מלאכים געזאגט משהן: „דעם מאל וועלן מיר דיר דער-קלערן און דו וועסט פארשטיין אויף ווייטער, אז דו דארפסט קיין קשיות ניט

פרעגן. און אָט וואס זיי האבן אים דערציילט. דער יינגעלע האט אמאל א פאטער געהאט און דער בעטלער איז א פורמאן געוועזן ביי דעם יינגעלעס פאטער. בעת קיינער האט ניט געזען, האט דער איצטיקער בעטלער זייענדיק פורמאן. דערהרגעט אין וואלד דעם יינגעלעס פאטער און ער האט בא אים צוגענומען די טויזנט דאלאר, וואס ער האט בא אים געפונען. אָט דער רייטער, וועלכער האט פארגעסן דעם גארטל מיט די טויזנט דאלאר האט עס די געלט אנגעראבירט און אים איז באשערט געווען זיי צו פארלירן. איז געקומען די צייט, אז דער בעטלער-מערדער האט באקומען זיין שטראף פאר זיין דערמארדן דעם יינגעלעס פאטער, דער יינגעלע האט געירשנט זיין ירושה טויזנט דאלאר און דער רויבער-רייטער האט פארלארן זיין רויב, אזוי ארום האט די השגחה אויסגעפירט א גערעכטע זאך.

דער מענטש, וועלכער עס ווייס ניט וואס פריער איז געווען, וואס דערנאך וועט זיין און די אורזאך פון דער גאנצער קייט סיבות פרעגט קשיות, אבער דער וואס עס ווייס אלץ ארום איז עס פאר אים קיין קשיה. אין ספר איוב ווערט אויך באהאנדלט די פראגע פון צדיק און רשע און פון גוטס און שלעכטס. איובס פריינד זאגן אלע אין איין קול, אז גאט גיט דעם צדיק גוטס און דעם רשע שטראפט ער, אבער ווען איוב פרוווט זאגן, אז ער איז א צדיק, דאן אין ענדע באווייזט זיך גאט דורכן שטורם-ווינט און פרעגט אים: צו ביסטו געווען בעת איך האב באשאפן הימל און ערד, טייכן, ימים, באַשעפענישן אין די ימים און אויף דער ערד? צי האסטו מיר געהאלפן די וועלט באשאפן? און דא ווערט דורכגעפירט דער הויפט-געדאנק, אז גאט פירט די וועלט געוויס יושרדיק און ריכטיק. מענטשן פרעגן קשיות, ווייל זיי ווייסן ניט זיין גאנצן „וועלט-פלאן”. נאר בכלל איז אלץ אין וועלט און לעבן געצווייגן און געמאסטן, קיין זאך איז ניט הפקר, גאט רעגירט מיט דער וועלט.

אָט דאס אלץ ווערט אָנגעגעבן דורך די מאמינים און השגחה פרטית. בדרך משל גיבן זיי אָן דעם געדאנק, אז ווען א מענטש זעט בלויז א מיטלסטן אקט פון א פיעסע און ער זעט ניט דעם ערשטן און לעצטן אקט קען ער ניט אורטיילן וועגן דער זאך. דאס זעלבע איז ניט אויסגעהאלטן דער אורטייל פון מענטשן בנוגע דער השגחה ניט ווייסנדיק אלץ ארום.

רעליגע און ראציאנאליזם

וואס איז דאס אזוינס ראציאנאליזם?

ראציאנאליזם נעמט זיך פוןווארט ראציא (שכל ratio). דער ראציאנאליסט וויל אלץ פארשטיין מיטן שכל אין קעגנזאץ צום סופראנאטוראליסט,

וועלכער גלויבט אין בלויז איבערנאטירלעכעס, וואס ס׳איז למעלה מן השכל —
וועלכער גלויבט אין ניסים למעלה מן הטבע.

דער ראציאנאליזם לערנט צו פארשטיין דעם שכל און געדאנק פון יע-
דער רעליגיעזער דאגמע און מצוה. די ראציאנאליסטן גיבן צו א שכל און
געדאנק די הייליקע שריפטן אין הסכם מיט די מאדערנע און נייע לעבנס
באגריפן און וועלטאנשויאונגען און ער לייגט ארייז פשט און ווערטער לויט
זיינע געדאנקען.

די אלע שטעלן אין דער תורה און נביאים ווו ס׳ווערט געזאגט, אז גאט
האט ארויפגענידערט, גאט האט געזען, גאט איז געזעסן וכדומה ווערט עס
דערקלערט דורך די ראציאנאליסטן, אז דאס איז בלשון אלעגאריע און משל.
דער תלמוד האט ראציאנאל איינגעטייטשט דעם פשט פון דער תורה און
פארענטפערט אלע סתירות און אומפארשטענדלעכע מאמענטן. אזוי זיינען גע-
שאפן געווארן די דרייצן מידות כדי ארויסצודרינגען פון די פסוקים פון איין
זאך צו דער צווייטער. די חכמי התלמוד האבן פאר זייער עפאכע ראציאנעל
דערקלערט די תורה. דער רמב״ם האט אין זיין „ספר-המדע״ און „מורה-
נבוכים״ דערקלערט ראציאנעל די תורה און תלמוד. דער רמב״ם האט גע-
בראכט א נייען באגריף וועגן גאט, מלאכים, משיח, יענע וועלט. דער רמב״ם
האט פאראייניקט אמונה מיט פילאזאפיע. דערנאך האבן פיל גרויסע גאונ׳ים
אויטאריטעטן אין דער יידישער רעליגיעזער וועלט אויסגענוצט דעם צוגאנג
פון רמב״ם צו תורה און תלמוד. יוסף בן יעקב אבן צדוק „עולם-קטן״. דער
ראב״ד און נאך פיל רעליגיעזע אויטאריטעטן האבן געפרואווט פאראייניקן
אמונה און דעה.

דער רמב״ם און זיינע אנהענגער האבן פיל קעגנער געהאט, ווייל יע-
נע זיינען געווען בא דער מיינונג, אז דער עיקר פון רעליגיע איז געהארכ-
זאמקייט און פרומקייט און די פילאזאפיע גריבלט זיך וויסנשאפטלעך, וואס
ס׳איז אין סתירה צו געהארכזאמקייט און פרומקייט. א פאקט בלייבט אבער,
אז די גאנצע רעליגיעזע עוואלוציע האט דורכגעמאכט א ראציאנאלן פרא-
צעס אנדערש וואלטן מענטשן נאך שטעקן אין דעם אנימיזם און פעטישיזם.

אזוי אבער ווי אלע רעליגיעס שטיצן זיך אויף זייערע ערשטע נביאים
און געטלעכע אנטפלעקונגען, האבן די ראציאנאליסטן ארייגעטייטשט זייערע
געדאנקען אין פשט פון די הייליקע שריפטן.

איין פסוק פון תנ״ך ווערט גאר אנדערש קאמענטירט דורך א ייד און
אנדערש דורך א קריסט.

די קריסטן געפינען אין תנ״ך די נבואה וועגן ישו הנוצרים אנטפלע-
קונג און די יידן געפינען אין די זעלבע פסוקים גאר אן אנדער פשט.

יעדער דור [illegible] זיין מיסטיציזם און ראציאנאליזם, וואס ווענדעט זיך

אָן דעם סכום פון וויסן וואס יעגער דור באזיצט און פון נאך אנדערע אור־זאכן פון פאליטישן, עקאנאמישן און סאציאלן כאראקטער. יעדער מיסטיציזם און ראציאנאליזם זיינען קינדער פון זייער צייט אויב די מיסטישע ריכטונגען מיט זייערע דאגמען פארווארפן דעם מענטשלעכן שכל אלס דעם העכסטן ריכטער, ווייל דער מענטש איז ארומגערינגלט מיט סודות וואס, וועלכע דער שכל קען ניט דורכדרינגען, איז די ראציאנאליסטישע שטרעמונג, אדער שולע בא א מיינונג, אז דער מענטשלעכער שכל דארף זיין דער אייבערשטער און העכסטער ריכטער. דער ראציאנאליזם שטעלט אויפן אָרט פון מענטשלעכע געפילן, „אינסטינקט", „רעפלעקסיווע טעטיקייט", „היגטער-באוווסטזיין"—דעם קלארן לאגישן פארשטיין.

די בולטע ריכטונגען פון די יידישע פילאזאפן און דענקער זיינען דער ראציאנאליזם פון רמב"ם און דער מיסטיציזם פון ר' יהודה הלוי. אויב דער רמב"ם שטעלט דעם שכל איבער אלץ און זיין וועג צו גאט איז דורך פאר־שטיין, איז לויט ר' יהודה הלוי קענען גאט מיטן שכל ניט דערגרייכן און מען קען אים בלויז פילן מיטן הארצן: „מיין הארץ און מיינע געפילן קענען דיר געפינען, אבער ניט מיינע געדאנקען קענען דיר דערגרייכן". לויט ר' יהודה הלוי איז דא אן'אמת, וואס דער מענטש קען דערגרייכן דורך א פאר־בארגענעם חוש, דורך א גייסטיקן זען- דורך אינטואיציע וואס פירט ביז נבואה.

דער יידישער דענקער סעדיה גאון שאפט א מין קאמפראמיס אין דער פראגע: סעדיה גאון טיילט איין דעם מענטשלעכן אמת אין פיר קלאסן: 1) דער אמת פון דערפארונג, וואס מיר באגרייפן דורך אונזערע חושים. 2) דער עטי־שער אמת, אז גערעכטיקייט איז גוט און פאלשקייט איז שלעכט. 3) דער לא־גישער אמת, וועלכער איז א פועל-יוצא פון לאגישן דענקען — דורך לאגישן געדאנקען גאנג. 4) דער טראדיציאנעלער אמת, וואס מיר האבן במסורה. ווי דער אמת קען ניט באוויזן ווערן דורך דער דערפארונג אדער לאגיק, פאר־לאזט ער זיך אויפן טראדיציאנעלן אמת.

לויט דעם יידישן דענקער „רבנו-בחיי" שטייט דער אמת פון אמונה אויף דריי יסודות:

1) אנטפלעקונג (תורה מן השמים).
2) מסורה פון די אבות.
3) ראיות פון מענטשלעכן שכל.

אין זיין „חובת הלבבות" זאגט ער. אז דער יידישער דת דארף זיין סודם כל א רעליגיע, א תורה פון הארץ און געפיל וואס זאל זיין א טרייסט, א שטיצע און מדריך פאר דעם מענטשנס נשמה און איר איגעווייניקסטער

וועלט מיט אלע אירע גלוסטן און שטרעבן.

דער יידישער דענקער יוסף בן יעקב אבן צדיק דער מחבר פון „עולם-קטן" איז געווען א ראציאנאליסט און האט געגלויבט, אז בלויז דורך שכל קענען משיג זיין גאט. לויט אבן צדיקס שטאנדפונקט איז דער נביא אויך קודם כל א געלערנטער פילאזאף, א חקירה מענטש און נאר דער נביא און פילאזאף, קאנען אמת דינען דעם „עלת-העלות" דער ערשטער סבה פון אלץ וואס עקזיסטירט. נאר זיי האבן א ריכטיקן באגריף וועגן דער גאטהייט און וועגן די געטלעכע אייגנשאפטן (תוארים, אטריבוטן). נאר זיי פארשטייען, אז דעם גאט באגריף קאן מען ניט פארבינדן מיט וועלכע ס'איז פארגלייכונגען און אייגנשאפטן. ניט נאר מיט קערפערלעכע מאטעריעלע ווי: גרויס, שטארק וכדומה. נייערט אפילו ניט מיט ריין גייסטיקע באגריף אייגנשאפטן, ווי: קלוג, גנעדיק, אויביק. „למי-אדמך?" גאט קענען ניט פארגלייכן, זיין מהות קענען ניט פאסן און נאר מיט דער הילף פון חכמת „פילוסופיה — שטרייכט אבן צדיק אונטער—זיינען מיר בכוח משיג זיין, אז די גאנצע וועלט אלס גאטס באשאף איז „דער פועל יוצא פון גוטסקייט, חסד און חכמה". דער מקור פון אלע מעשים טובים איז די חכמה, ווייל נאר די חכמה גיט אונז די מעגלעכקייט משיג צו זיין דעם באשעפער. און אט די השגחה וועקט טאקע אין אונז דעם רצון גאט צו דינען".

דער ראב"ד זאגט זיך ארויס אויך ראציאנאליסטיש: „מענטשן דערווייטערן זיך פון פילאזאפישע חקירות אויס כחד, טאמער וועט עס זיי חלילה אראפפירן פון ריכטיקן וועג. מענטשן האבן מורא צו האלטן אין זייערע הענט „ביידע לייכטער" צוזאמען: די תורה און די פילאזאפיע, און דערפאר, בעת זיי נעמען אין דער האנט איינס פון זיי, לעשן זיי גלייך אויס דאס צווייטע, בעת פאקטיש איז צווישן תורה און דער אמתער פילאזאפיע ניטא קיין סתירה". אט אזוי איז אין משך דורות געפירט געווארן די דיסקוסיע וועגן דער באציאונג פון רעליגיע צו דער וויסנשאפט און פילאזאפיע.

כאראקטעריסטיש איז, וואס אפילו ברוך שפינאזא, וועלכער ס'האט שוין געוואלט אויפהויבן רעליגיע צו דער פילאזאפיע איז דאך ניט פריי געווען פון די וועלטאנשויאונגען פון זיין צייט און האט געשטעקט אין דער סכאלאסטיק. אין זיין טעאלאגיש-פאליטישער טראקטאט זאגט שפינאזא ארויס דרייסטע פילאזאפישע געדאנקען און איינצייטיק באמיט ער זיך אויפן אלטן שטייגער ארייגטייטשן אלץ צווישן די שורות פון אלטן און נייען טעסטאמענט און ער ציטירט די הייליקע שריפטן ווי א גייבלעכער. אפילו שפינאזא האט זיך ניט ערלויבט פארוועלטלעכן דעם פאנטעאיזם זיינעם ווי א וועלטלעכע פילאזאפיע

פון וויסנשאפטלעכן כאראקטער, נאר ער איז געבליבן אין די ד׳ אמות פון די פסוקים פון די הייליקע טעסטאמענטן.

מעגלעך, אז שפינאזא האט געלעבט אין אזא צייט. ווען דער רעלי-גיעזער פאנאטיזם סיי ביי יידן סיי ביי קריסטן איז געווען אזוי שטארק, אז אזוי האט ער געמוזט שרייבן, נאר א פאקט בלייבט, אז דער גרויסער שפי-נאזא איז ניט געווען פרייזעלבשטענדיק אין זיינע לערעס.

מיט דער פראגע פון רעליגיע און וויסן האבן זיך פארנומען די גרעס-טע וועלט פילאזאפן. דער באקאנטער ספענסער זאגט: „דער שליח וועלכער האט מיטגעבראכט די אויסלייטערונג פון דער רעליגיע, איז געווען — די וויסנ-שאפט. די רעליגיע מאכט זיך ניט וויסנדיק וועגן דעם גרויסן חוב וואס זי איז שולדיק דער וויסנשאפט; און די וויסנשאפט אליין פילט כמעט ניט וואס פאר א בעל-חוב די רעליגיע איז איר. דאך קאן מען באווייזן, אז יעדע טריט וואס די רעליגיע האט געמאכט אין איר פראגרעס פון איר ערשטן נידריקן באגריף ביז דעם לפי-ערך באגריף, וואס זי האט איצט, האט די וויסנשאפט דערנעענט. אויך איצט שטופט די וויסנשאפט דער רעליגיע צו מאכן ווייטערע טריט".

„די וויסנשאפט אבער, פונקט ווי די רעליגיע, האט אויך ניט זייער פאלקאם דערפילט איר אויפגאבע. אזוי ווי די רעליגיע איז צו קורץ גע-בליבן אין איר עובדא לפי ערך ווי פיל זי איז געווען ניט רעליגיעז, אזוי איז די וויסנשאפט צו קורץ געבליבן אין איר עובדא לויט דעם ערך ווי פיל זי איז געווען ניט וויסנשאפטלעך".

„וועלנדיק טרעפן דער רעליגיע האט זי זיך אנגעגעבן, אז זי ווייס זאכן, וועלכע זיינען פאר דער וויסנשאפט פאקטיש ניט דערגרייכבאר".

„גראדע דאס וואס איז נאכאנאנד געווען דער אונוויסנשאפטלעכער כאראקטער שטריך פון דער וויסנשאפט, איז געווען א טייל אורזאך פון איר מלחמה האלטן מיט דער רעליגיע".

„די מחלוקות וואס זיינען פארגעקומען צווישן זיי, זיינען אלע מאל גע-ווען מער גארנישט ווי נאר די פאלגן פון זייער ניט פולשטענדיקייט; און ווי נאר זיי גרייכן אבער זייערע ענדליכע פארמען, ווערט צווישן זיי פאלקאמע הארמאניע".

אזוי ארום זעען מיר, אז שטענדיק זיינען געווען ראציאנאליסטישע שטרעמונגען אויפצוהויבן דער וויסנשאפט צו דער רעליגיע און דער רעליגיע צו דער וויסנשאפט, אז צווישן די ביידע זאל הארמאניע הערשן.

פון פעטישיזם ביז פאנטעאיזם

פעטישיזם — די נידריקע מדרגה פון דער רעליגיעזער וועלטאנשוי-אונג, וואס באשטייט אין פארגעטערן פארשיידענע זאכן און געגנשטאנדן. דער טערמין פעטיש איז שוין באקאנט פון 17-טן יר״ה און שטאמט פון פארטו-געזישן ווארט פייטיצא (כשוף). דער ווילדער פארגעטערט געגנשטאנדן און זעט א סגולה פאר זיך אין לעבן דורך דעם פעטיש.

דער ווילדער האט געזען אין פעטיש א וועזן פון ווילן און געפיל. ווייל ער האט זיין כח הדמיון אריינגעלייגט אין אומבעלעבטע זאכן.

ביז היינטיקן טאג הערשן נאך צווישן מענטשן רעשטלעך פון פעטי-שיסטישן אַרט איינגלויבן זיך, אז די קמיע, שטיקל פאפיר, בילדל און ענלע-כע זאכן זיינען געטליך. ביז היינטיקן טאג הערשט אן׳אבערגלויבן און מענטשן גיבן צו א באדייטונג צו אזעלכע זאכן ווי באגעגנען מיט ליידיקע עמער, א דורכגעלאפענע שווארצע קאץ איבערן וועג און ענלעכעס.

דער אַנימיזם, ד. ה. דער גלויבן אין כח פון גייסטער, איז דער אי-בערגאנגס פעריאד פון פעטישיזם צום פאַליטעאיזם. אויב דער אנימיזם איז א פרימיטיווער גלויבן אין אומבאקאנטע גייסטער, געזעענע אין חלום און דמיון, איז דער פאליטעאיזם א גאט זוכעניש הינטער די נאטור דערשיינונ-גען. דער פאליטעאיזם געהערט צום פעריאד, ווען מענטשן שטייענדיק בא-וואונדערט נעבן דער זון, לבנה, בערג, ימים, האבן אין זייער פארשטעלונג געזעען גייסטער הינטער די נאטור דערשיינונגען. אין קעגנזאץ צום מאנא-טאאיזם, וואס גלויבט אין איין גייסטיקן גאט איבער דער וועלט, האט דער פאליטעאיזם געפריידיקט דעם גלויבן אין פיל געטער.

. לויטן מאנאטאאיזם, איז דער איינציקער גאט א גייסטיק רוחניותדיקער וועזן, וואס שטייט העכער פון דער וועלט. די פאליטעאיסטישע געטער פאר-קערפערן די קרעפטן און דערשיינונגען פון דער נאטור און פלאנעטן פון וועלט-רום. אין גרונט גענומען זיינען פעטישיזם, אנימיזם, פאליטעאיזם און מאנאטאאיזם זייער שטארק געבונדן דורך זייער שטרעבונג און ציל צו דער-גרייכן צום וועלט משגיח; כאטש זיי שיידן זיך אונטער איינע פון די צוויי-טע אין מדרגה, זיינען זיי אין דער ווירקלעכקייט שטארק פארבונדן לויט זייער אינהאלט. די אלע וועלטאנשויאונג האבן געהאט איין שטרעבונג פון גאט זוכעניש, נאר יעדערער איז געגאנגען לויט זיין וועג. יעדרער לויט זיין אַרט דענקען און פארשטיין זאכן, האט פארערט און פארגעטערט דאס אונ-קלארבארע, געהיימניספולע, דעם העכסטן כח וואס ער האט באטראכט פאר

איבערנאטירלעך.

ווי נאר מענטשן האבן זיך געקאנט צוזאמענריידן, האבן זיי אנגעפאנגען צו טראכטן וועגן די העכערע קרעפטן און האבן אנגעפאנגען צו שאפן מיטאלאגיעס און פאלקס-לעגענדעס וועגן די שטארקע געטער.

פארשנדיק די רעליגיעס פון די ווילדע פעלקער, זיינען זיי זייער ענליך איינע צו די צווייטע פונקט ווי איין שטאם וואלט איבערנעמען בא דעם צווייטן, כאטש באמת האבן זיי ניט געהאט קיין שייכות איינע צו די צווייטע. די ווילדע פון צענטראל אפריקע, אויסטראליען, אמעריקע, רוסלאנד האבן קיין מאל קיין פארקער ניט געהאט צווישן זיך. דאך ווארפט זיך אין די אויגן די ענליכקייט פון זייערע רעליגיעס.

די אורזאך פון דיזער ענליכקייט שטעקט אין איינגעבוירענעם געפיל און געדאנק אין מענטשלעכן כאראקטער צו זוכן די גאטהייט ארום זיך: אין דער פונדאמענטאלער אייניקייט און מענטשלעכן גייסט און פארשיידענע אומשטענדן בא פארשיידענע קלימאטישע, מאטעריעלע און גייסטיקע צושטאנדן.

דורך חלומות זיינען מענטשן געקומען צום באגריף וועגן גייסטער. דער פאקט פון טויט האט דעם מענטשן דערפירט צום באגריף פון נשמה. די נאטור קרעפטן שטורם ווינטן, ימים, ווולקאנען, פארפלייצונגען וכדומה האבן אין מענטשן אנטוויקלט דעם באגריף וועגן א איבערנאטירלעך געטלעך קראפט.

די גייסטיקע פעהיקייט פון מענטשן צו זוכן דאס איבערנאטירלעכע - דאס וועלט השגחה, איז באצייכנט געווארן מיט ווארט רעליגיע. בכלל אלע גייסטיקע פעהיקייטן פון מענטשן זיינען געווען ענג פארבונדן מיט זייערע רעליגיעזע אנזיכטן, אויף געוויסע קולטור שטופן איז דאס גאנצע לעבן פון פעלקער רעגולירט געווען דורך זייערע רעליגיעזע וועלטאנשויאונגען.

בא די היסטארישע פעלקער, אויף די נידעריקע קולטור שטופן, זיינען רעליגיעס געווען צוגלייך גאטס-דינסט, מאראל, געזעצגעבונג, וויסנשאפט און פילאזאפיע. די גאנצע מלוכה און פאליטיק זיינען געווען אפהעניק פון דער טעאלאגיע.

רעליגיע איז געווען ניט בלויז די הערשערין איבערן גייסט פון יחיד, נאר אויך איבער דער געזעלשאפט. יעדער מלוכה האט געפאדערט געהארכזאמקייט צו איר מלוכה רעליגיע, ווייל דאס איז געווען די הארץ פון איר מלוכה לעבן.

און אפילו די לעצטע רעליגיעזע וועלטאנשויאונגען זיינען ניט פריי פון דער פרימיטיווער טעזע. אנשטאט די פעטישן זיינען אנטשטאנען נייע הייליקייטן און הייליקסטימער וואס פארהייליקן פערזאנען, ערטער, זאכן און צייטן

און דאס ווירקט ווי א מאגנעטישע קראפט אויף דער מענטשלעכער פסיכיק. אין געוויסע מאמענטן ווערן די ריטואלן פארוואנדלט אין פאעטישע סימבאלן. די רעליגיעזע נאטורן האבן געבראכט דער מענטשהייט די נבואה—דאס ווארט פון גאט צום מענטשן, מוסר אין נאמען פון גאט, הייליקע מאלצייטן, קאלעקטיווע תפילות. פון געבורט ביזן טויט האט דער מענטש באגלייט אלץ מיט רעליגיעזע צערעמאניעס.

די רעליגיע איז „אינסטיטוציאנאליזירט" געווארן מיט אינסטיטוציעס, ריטואלן, פריסטער מלבושים סימבאלן, הייליקע ערטער, הייליקע שריפטן, הייליקע קעגנשטאנדן. דער עיקר איז געווארן די רעליגיעזע סאנקציע און די באפעלן אין נאמען פון גאט. רעליגיע מיט לעבן זיינען אויסגעמישט געווארן און זייער אפט האט דאס וואכעדיקע לעבן, דאס טאג טעגלעכע פאליטיק און קאמף פאר מאכט, צוטראטן אלע רעליגיעזע פרינציפן. די ליבע צו מאכט האט אפט צוטראטן די הייליקע הויך מאראלישע געפילן — די קול-דממה-דקה פון די נשמה טיפענישן פון מענטשלעכן גייסט.

דער פעטישיזם, אנימיזם, פאליטעאיזם און מאנאטאאיזם ביזן פאנטעאיזם, וועלכער איז א סינטעז פון אלע דערמאנטע, זיינען צווייגן פון איין שטאם — פון דער בוים וואס רופט זיך—רעליגיע.

דער פאנטעאיזם און דעאיזם

אויב דער פעטישיזם, אנימיזם, פאליטעאיזם און מאנאטאאיזם האבן דורכגעמאכט א היסטארישע פראקטיק, אין לעבן פון דורות, אין דער לענג פון דער מענטשלעכער ציוויליזאציע, האט דער פאנטעאיזם בלויז דערגרייכט צו זיין טעאריע, וועלכע מ'האט נאך אין לעבן נים דורכגעמאכט א רעליגיעזע פראקטיק.

דער אויפגעקלערטער האט זיך אנגעפאנגען פארטראכטן, אז דאס גלויבן גאט איז א גייסט, דאס גופא פארקלענערט די באדייטונג פון דער געטלעכקייט. זאגן, אז גאט איז א גייסט הייסט באגרעניצן אים. די פאנטעאיסטישע שיטה לערנט, אז די גאנצע וועלט מיט דער נאטור איז עס גאט. דער מאנאטאאיזם האט זיך אליין קארעגירט דורך אייניקע רעליגיעזע דענקער און האט געלערנט, אז גאט איז נים בלויז א גייסט, נאר די גאנצע נאטור איז דורכגעדרונגען מיט ג׳ דעם שעפער, זאגן, אז די נאטור דאס איז גאט, וואלט דאך הייסן מאכן א פעטיש פון דער גאנצער נאטור. בעת מען זאגט אבער, אז ג׳ איז אומעטום אין דער נאטור און מחוץ איר, ווערט שוין די געטלעכקייט נים באגרעניצט. דער פאנטעאיזם ווערט פארשטאנען אלס איין אריינ-

דרינגונג פון גאט אין דער וועלט און נאטור ווי די הארץ און נשמה פון דער וועלט. דער דעאיזם איז דער קעגנזאץ פון פאנטעאיזם מיט דעם וואס ער לערנט, אז גאט איז מחוץ דער נאטור. דאך איז דער דעאיזם אויך קעגן מאנאטאאיזם, ווייל אויב לויטן מאנאטאאיזם האט דער גרעסטער גאט צו טאן מיט מענטשן, איז לויטן דעאיזם האט גאט קיין זאך צו טאן מיטן מענטשן.

דער דעאיזם שיידעט זיך אונטער פון פאנטעאיזם מיט דעם וואס דער פאנטעאיזם איז מאניסטיש ד. ה. גאט און נאטור זיינען איינס און דער דעאיזם איז דואליסטיש ד. ה. אז גאט איז איבער דער נאטור און דורך דער ווירקונג פון גאט איבער דער וועלט און נאטור דערקענען מיר גאטס מעשים. דער דעאיזם איז אין קעגנזאץ צום טעאיזם ד. ה. צו דער לערע פון אנ׳איינציקן גאט וואס פירט אָן על- פי השגחה פרטית מיט יעדער יחיד.

סיי דער דעאיזם און סיי דער פאנטעאיזם ווערן אבער פארשיידנארטיק פארשטאנען דורך פארשיידענע פילאזאפן. למשל דער דעאיסט פילאזאף טאָמאַס פיין, אין זיין פילאזאפישער באגרינדונג פון דעאיסטישן שטאנדפונקט, איז זייער ענליך צום פאנטעאיזם לויט שפינאזן. טאָמאס זאגט: „צוויי טעאלאגיעס: 1) די דאגמאטישע אבערגלויבישע, וועלכע גריבלט זיך אין לעגענדעס און איבערנאטירלעכע מעשיות וואס האבן קיין גרונט. 2) די צווייטע טעאלאגיע פארשט דעם אמתן גאט דאס איז די נאטור פארשונג. וואס מער דער מענטש געפינט קרעפטן אין גאנג פון דער נאטור ענדעקט ער פלאַן פון וועלט-באַשאף און ווען דער מענטש וועט וויסנשאפטלעך פארשטיין ווי אזוי די השגחה האט ארייגעלייגט א כח פון וועלט גאנג, וועט עס זיין די גרעסטע טעאלאגיע, די גרעסטע אמתע גאט געפינונג".

„ס׳איז נייטיק א רעליגיעזע רעוואליוציע וואס זאל אויפדעקן אלע מענטשלעכע ליגנס און שווינדלערייען פון ניט אָרנטלעכע. דער מענטש זאל זיך אומקערן צום ריינעם, נישט געמישטן און ניט געפעלשטן גלויבן אין דעם איין איינציקן גאט". „רעליגיעזע פליכטן זאלן באשטיין נאר אין טאן גערעכטיקייט, זיין פול מיט רחמנות און שטרעבן מאכן גליקלעך דער מענטשהייט". „אנשטאט די פארמעלע קירכן אינסטיטוציעס איז נייטיק איין אוניווער-סאלע קירך".

„מיר דארפן צו גאט ניט האבן קיין באזונדערע פארמיטלער די וועג צו גאט איז פאר אלעמען אָפן. „דאס ווארט פון גאט איז די וועלט-געשיכטע, די נאטור מיט אירע געזעצן, דער גאנצער באשאף. נאר אין דער גאנצער באשאפונג אליין קענען זיך פאראייביקן אלע אינזערע השגות פון גאטס ווארט. די באשאפונג רעדט מיט אנ׳אוניווערסאלע שפראך, וואס ווענדעט זיך ניט

אָן די מענטשליכע לשונות, ווי פארשיידנארטיק זיי זאלן ניט זיין. דאס איז אנאייביקער ארגינאל, וואס יעדער מענטש קאן אים לייענען, ער קען ניט געפעלשט ווערן! ער קען ניט נאכגעמאכט ווערן; ער קען ניט פארלארן גיין; ער קען ניט ווערן אונטערדריקט. ניט אָן דעם מענטשנס ווילן ווענדעט זיך עס צו זאל ער פארעפנטלעכט ווערן אדער ניט; ער פריידיקט צו אלע פעלקער און אלע וועלטן; און אָט דאס וואָרט פון גאט אנטפלעקט פארן מענטשן אלץ, וואס עס איז נאר פאר אים נייטיק צו וויסן וועגן גאט. ווילן מיר זעען גאטס מאכט, זעען מיר זי אין דער אונענדלעכקייט פון זיין באשאפונג. ווילן מיר וויסן וואס איז אזוינס גאט, דארפן מיר עס ניט זוכן אין א ספר וואס א מענטשלעכע האנט קען עס מאכן, נאר אין דעם ספר וואס ווערט אנגערופן די באשאפונג.

די טעאלאגיע וואס מענטשן רופן אָן רעליגיע, דאס איז מער ניט, ווי א סטודיע פון מענטשליכע פאנטאזיעס וועגן גאט, דאס איז אבער ניט די סטודיע פון גאט און ווערק וואס ער האט באשאפן. דער איינציקער באגריף, וואס א מענטש קאן צוגעבן צו גאטס נאמען, איז דער באגריף פון סבת כל הסיבות, די אורזאך פון אלע אורזאכן. און ווי שווער און אוממעגליך ס'איז ניט פארן מענטשן צו באגרייפן, וואס ס'איז אזוינס די ערשטע אורזאך, הויבט ער אָן סוף-כל-סוף גלויבן אין דעם, מחמת דעם פיל מאל גרעסערער שוועריקייט ניט צו גלויבן. ס'איז שווער פארצושטעלן זיך, אז דער רוים האט קיין סוף; ס איז נאך שווערער פארשטעלן זיך, אז ער האט א סוף. ס'איז איבער דעם מענטשנס קרעפטן פארצושטעלן זיך דאס אייביקע דויערן פון דעם, וואס מיר רופן אָן צייט; ס'איז אבער נאך אוממעגלעכער פארצושטעלן זיך א צייט, ווען ס'וועט ניט זיין גאר קיין צייט.

ס'לייגט זיך אויך אויפן שכל, אז אלץ וואס מיר זעען טראגט אין זיך גופא דעם באווייז, אז ס'האט זיך אליין ניט באשאפן. יעדער מענטש איז א באווייז פאר זיך, אז ער האט זיך אליין ניט באשאפן; אזוי האט אויך קיין שום בוים, פלאנץ אדער חיה ניט געקענט זיך אליין באשאפן און די איבערצייגונג וואס מיר באקומען פון אָט דעם באווייז, צווינגט אונז צו גלויבן, אז אַן אייביק עקזיסטירנדער ערשטער אורזאך איז א נאטור, וואס איז אנדערש פון יעדער מאטעריעלן לעבן, ווי מיר קענען דאס זעען מיט אונזערע אויגן און וואס מיט איר כח עקזיסטירן אלע זאכן; אָט די ערשטע אורזאך האט דער מענטש א נאמען געגעבן גאט. דער מענטש קען געפינען גאט נאר מיט זיין שכל.

די אזוי-גערופענע נאטור-פילאזאפיע, וועלכע נעמט ארום דעם גאנצן קרייז פון וויסנשאפט און וו די אסטראנאמיע פארנעמט דעם הויפט-פליאץ.

איז ניט קיין אנדער זאך, ווי די סטודיע פון גאטס-ווערק—פון זיין קראפט און חכמה, וואס ווערט פאר אונז אנטפלעקט דורך זיינע ווערק; און אָט די נאַטור-פילאָזאָפיע איז די אמתע טעאָלאגיע.

די וויסנשאפט קען קיין זאך ניט באשאפן, זי קען נאר אנדעקן. מ׳קען ניט זאגן, אז אזוי ווי דער מענטש קאן מאכן אדער אנצייכענען א דריי-עק איז דער דריי-עק דעריבער א מענטשלעכע דערפינדונג. אלע אייגנשאפטן פון א דריי-עק האבן עקזיסטירט איידער א מענטש האט פון דעם געטראכט.

אט די זע קראפט, דער טעלעסקאָפּ צו קוקן ווייטער איז דאך אויך באַשאפן געווארן מיטן וועלט אַנטשטיין. דאס זעלבע די זונען סיסטעם: אונזער ערד, מערקור, ווענוס, מארס, יופיטער, סטורן”.

„מיסטעריע פארטומלט דעם שכל. יעדער טונקעלע זאך איז פראפּעטיש און אלץ וואס האט ניט קיין זין איז געווארן סימבאליש”.

„אלע פעלקער פון דער ערד און אלע רעליגיעס שטימען איין אין איין פונקט—אלע גלויבן אין איין גאט; די זאכן וואס אין זיי גייען זיי זיך פאַנאנדער, זיינען די איבעריקייטן, וואס ווערן צוגעזעצט צו אָט דעם גלויבן; און דערפאר, אויב אן אוניווערסאלע רעליגיע וועט אמאל באהערשן די וועלט, וועט עס ניט פארקומען דורך גלויבן אין עפּעס נייס. נאר דורך פּטור ווערן פון אָט די איבעריקייטן און דורך אָנהויבן צוריק גלויבן אזוי, ווי דער מענטש האט לכתחילה געגלויבט. אדם, אויב נאר אזא מענטש האט אמאל געלעבט איז באשאפן געווארן א דעאיסט; אבער אין דעד זעלביקער צייט זאל יעדער מענטש פאלגן, ווי דאס איז זיין רעכט, די רעליגיע, וואס איז אים צום הארצן”.

„וואלט דער מענטש אוועקגעשטעלט געווארן אין א פּאזיציע פון וואנען ער וואלט באשאנקען מיט דער גייטיקער זע קראפט, געקאנט מיט איין בליק ארומנעמען דעם געביי פון דער אוניווערז. באמערקן די באוועגונגען פון די פיל פלאנעטן, די אורזאך פון זייער פארשיידענעם אויסזען, די פּינקטליכע ארדנונג אין וועלכע ס׳קומען פאר זייערע אומדרייאונגען, אפילו ביז צו דער ווייטסטער קאמעט, זייערע קעגנזייטיקע פארבינדונגען וואס דער באשעפער האט איינגעשטעלט כדי צו פירן און רעגולירן דאס גאנצע, וואלט ער דאן פיל מער, ווי יעדע קירכן טעאָלאגיע קאן דאס אים לערנען, פארשטאנען די קראפט, די חכמה, די אונענדליכקייט און פרייגעביקייט פון דעם באשעפער; ער וואלט דאן געזען, אז דעם מענטשנס גאנצע וויסן און אלע מעכאנישע קונסטן, דורך וועלכע ער מאכט זיך באקוועמער, דאס לעבן אויף דער ערד, שטאמען אלע פון אט דעם קוואל; יעדער וויסנשאפט, יעדער מעכאנישע אַרבעט, וואלט אים געלערנט פיל מער וועגן גאט און וועגן דער דאנקבארקייט

וואס ער דארף פילן צו אים". אַט די אַלע געדאנקען פארמולירט דער דע-
איסט טאָמאַס פיין.

אַט די פילאזאפישע באגרינדונג פון דעאיזם איז פאקטיש א געמיש פון
מאנאטאאיזם און פאנטעאיזם אדער בעסער געזאגט פון „מאנאטאאיסטישן-פאנ-
טעאיזם" וואס לערנט, אז גאט איז פאראן אומעטום אויסער דער וועלט און
אין דער נאטור און וועלט. די אידעען פון דעאיזם און פאנטעאיזם זיינען
אבער לעת עתה בלויז טעאריעס געבליבן, ווייל אויב אין XVIII יר"ה און
אנפאנג XIX יר"ה האבן מענטשן פילאזאפירט וועגן רעליגיע, איז אין
צווייטן העלפט פון XIX יר"ה און אנפאנג XX יר"ה די וועלט אוועק מער
מאטעריאליסטיש אטעאיסטיש און האט אויפגעהערט צו זוכן א העכערן סינ-
טעז פאר רעליגיע.

די הויכע רעליגיעז פילאזאפישע געדאנקען וואס זיינען ארויסגעזאגט
געווארן דורך די דענקער פון זיבצנטן, אכצעטן און אנפאנג נייַנצטן יר"ה
בלייבן אבער אינטערעסאנט און די וועלט קען זיך נאך וועגן אומקערן צו זיי

רעליגיע און נבואה

דער נביא, לויטן יודאאיזם, דאס איז דער שליח פון ג' צו די מענטשן.
דער נביא, דאס איז דער, צו וועמען גאטס ווארט איז אנטפלעקט געווארן.
דער נביא, דאס איז דער טרעגער פון גאטס ווארט און געדאנק פאר אלע
מאמינים.

דער נביא, דאס איז דער זעער פון צוקונפט און דער פארויסזאגער אין
גאטס נאמען. דער נביא, דאס איז דער פריידיקער פון עטיק און יושר צווישן
די בירגער. דער נביא, דאס איז דער פריידיקער פון אמתער גערעכטיקייט,
פון מאראל און מענטשנליבע—דער טרעגער פון אמתער געטלעכער גערעכטי-
קייט. אזא באגריף וועגן נביא געפינען מיר אין דער תורה און נביאים. די
נבואה האט אויך דורכגעמאכט איר עוואליוציע, און פון די ערשטע נביאים
ביז די לעצטע איז א ווייטער מהלך. אויב אלע נביאים גלייכן זיך אויס מיט דעם,
וואס אלע האבן זיי גערעדט אין נאמען פון ג', איז אבער א ן אונטערשייד אין
זייער שפראך און זייער באגריף וועגן גאט מענטש און לעבן.

די ערשטע נביאים זיינען געווען איינצייטיק פירער פון פאלק. די
נביאים פאטריארכן האבן געטאן אלץ פארן פאלק און זיינען געגאנגען אין
קריג פונקט ווי שפעטער די מלכים.

משה, דער גרעסטער נביא פון אלע נביאים, איז ניט געווען קיין אב-
סטראקטער נביא, נאר א פראקטישער פאלקס פירער. משה האט אין נאמען

פון ג׳ געבויט א לעבנס סיסטעם. די תורה מיט אלע חוקים און משפטים איז דורכגעפלאכטן מיטן לעבן און מיט א לעבנס סדר אפהעניק פון דאס געטלעכע ווארט וואס משה האט געבראכט צום פאלק אין נאמען פון ג׳. אלע נביאים און כהנים וואס האבן געלערנט ג׳ ווארט מיטן פאלק זיינען איינצייטיק געווען די פירער פון פאלק אין פרידן און קריג. אזוי איז עס געווען ביזן מאמענט ווען שאול האט איבערגענומען די מלוכה פירונג פון שמואלן. פון דאן אן האבן געווירקט צוויי פאקטארן דער קעניג און דער נביא.

נאך שפעטער איז דער יידישער נביא געווען אין אפאזיציע צו די קעניגן, וועלכע ס׳האבן ניט געגלויבט אין יהוה און האבן געטאן אומרעכט.

די נביאים, זיינען געווען די, וועלכע ס׳האבן געהאט גענוג מוט צוווארפן די שולד אין פנים אפילו דעם קעניג אליין. ניט ווייניק האבן די שפעטערדיקע נביאים געליטן פון זייער אנהעריקייט און שטראף-רייד צום קעניג און הארן.

די נבואה האט דורכגעמאכט איר עוואליוציע מיט דעם, וואס די ערשטע נביאים זיינען געווען שטרענג נאציאנאל און די שפעטערדיקע נביאים, ווי הושע עמוס, זיינען געווען אוני־ווערסאל. „אלע פעלקער זיינען אונטער ג׳ מאכט און דער גורל פון אלע פעלקער איז אין ג׳ האנט. יעדער פאלק ווערט באשטראפט פאר אירע זינד און ווערט באלוינט פאר אירע גוטע מעשים״ דאס איז דער הויפט-געדאנק פון דער אוניווערסאלער נבואה.

בנוגע דעם אופן ווי אזוי ג׳ אנטפלעקט זיך צום נביא מערקן מיר אין תנ״ך גופא א געוויסע עוואליוציע. אין ספר בראשית ווערט דערציילט, אז ג׳ באווייזט זיך אין חלום. אזוי ווערט דערציילט בא אבימלך און בא אברהם און יעקב.

אין ספר שמות ווערט דערציילט וועגן דער אנטפלעקונג פון ג׳ צו משהן: „און איך וועל זיך מיט דיר דארט טרעפן, און איך וועל מיט דיר ריידן פון דעם דעק פון ארון, פון צווישן די כרובים, וואס זיינען איבערן ארון״. דער באגריף פון אנטפלעקונג איז שוין ניט אין חלום, נאר אויפן וואר.

בא דער אנטפלעקונג פון ג׳ צום נביא שמואל ווערט דערציילט: „און ג׳ האט זיך ווידער באוויזן צו שמואלן און שלה, ווייל ג׳ האט זיך אנטפלעקט צו שמואלן און שלה״. שמואל האט תופס געווען ג׳ ווארט וואס האט פאר אים געקלונגען ווי די שטים פון כהן עלי.

אין אייניקע ערטער אין תנ״ך ווערט דערציילט וועגן געטלעכער אנטפלעקונג דורך מלאכים און בילדער. פאר יהושען אנטפלעקט זיך ג׳ דורך א בלאך מיט א געצויגענעם שווערד, אלס אנפירער פון קריג. ישעיהו דערציילט,

אז ער האט געזען ג׳ אויף א הויכן טראן. און כאטש דער נביא יחזקאל דערציילט אויך זיין געטלעכע אנטפלעקונג בילדערליך דאך זאגט ער וועגן זיין נביאות מיסיע: „און ס׳איז געקומען אין מיר א גייסט וואס האט מיר געשטעלט אויף מיינע פיס״.

אזא באגריף וועגן נבואה, אז א גייסט קומט אין נביא און ער זאגט נביאות געפינען מיר פיל מאל אין תנ״ך. „גאטס גייסט איז געווען אויפן נביא״, „גאט האט זיין גייסט אויסגעגאסן איבער די מענטשן״, „די מענטשן זיינען אנגעפילט געווארן מיט גאטס גייסט און פון דעם הייליקן גייסט״.

די גאנצע יידישע נבואה בכלל איז געבויט אויף א באדן פון מאראל און געטלעכע גערעכטיקייט.

אויסגעדריקט האט זיך יעדער נביא לויט זיין באגריף און וועלטאנשויאונג. איז דער נביא געווען א דארפסמאן, האט ער געזען אָקסן, קי אאז״וו. איז ער געווען א סאלדאט האט ער געזען חיילות, איז ער געווען א הויפמאן פון קעניגלעכן הויף האט ער געזען א קעניגלעכן טראן. יעדערער האט גערעדט לויט זיין סטיל. דער סטיל פון ישעיהו און נחום איז פיל רייכער פון דער שפראך פון יחזקאל און עמוס

אויב די נביאים שיידן זיך אונטער אין זייער פארם, זיינען זיי אבער אלע גלייך לויט זייער אינהאלט. פאר אלע נביאים איז גאט דער מקור פון גערעכטיקייט און השגחה איבערן מענטשן.

די גאנצע יידישע רעליגיע איז געבויט אויף דער נבואה פון ערשטן גרעסטן נביא משה. יעדער רעליגיע האלט זיך אויף א פונדאמענט פון געטלעכער אנטפלעקונג צו איר נביא און גרינדער.

די קריסטלעכע רעליגיע איז געבויט אויף דער אנטפלעקונג פון ג׳ צו ישו הנוצרי און צו די אפאסטאלן. דער מחמדאניזם איז געבויט אויף דער אנטפלעקונג צו מחמדן; און די אינדישע רעליגיע איז געבויט אויף דער אנטפלעקונג צו בודא. אזוי זיינען אלע רעליגיעס פון דער וועלט געבויט אויף א יסוד פון אנטפלעקונג פון ג׳ צו זייער ערשטן נביא. קיין נייע רעליגיעס קענען ניט געשאפן ווערן, ווייל אין אונזערע צייטן איז קיין נבואה ניטא. אלע רעליגיעס האבן דורכגעמאכט אן עוואליוציע און האבן זיך רעפארמירט לויט די וועלט-אנשויאונגען און לעבנס סדר פון די דורות.

יעדער רעליגיעזע עוואליוציע און רעפארמאציע איז ניט געווען קיין רעוואליוציע אנטקעגן דער אנטפלעקונג, אויף וואס די אדער יענע רעליגיע באזירט זיך, נאר א נייער באגריף און וועלטאנשויאונג מיט א ראציאנעלער אויסטייטשונג פון דער אנטפלעקונג גופא. דאס לעצטע ווָארט וועגן אנטפלע-

קונג איז די לערע פון נבואה דורך נאטירלעכער דערקענטניש וואס דער פאנטעאיזם לערנט. ברוך שפינאזא אין זיין „טעאלאגיש-פאליטישער-טראקטאט" אנטוויקלט ברייט דעם געדאנק פון נבואה פון נאטירלעכע דערקענטניש. „פון דער געגעבענע דעפיניציע פון נבואה פאלגט, אז די נאטירלעכע דערקענטניש קאן אויך אנגערופן ווערן נבואה, ווייל די זאכן, וואס מיר דערקענען זיי דורך דעם נאטירלעכן ליכט אין אונז, ווענדן זיך דורכאויס אן דער דערקענטניש פון גאט און זיינע אייביקע באשלוסן. אזוי ווי אבער די דאזיקע נאטירלעכע דערקענטניש איז געמיינשאפטלעך צו אלע מענטשן, ווייל אירע יסודות זיינען געמיינשאפטלעך צו אלעמען, ווערט דעריבער ניט אזוי הויך געשעצט פון דער מאסע, וועלכע איז אלע מאל להוט אויף זעלטענע און איבערנאטירלעכע זאכן און באציט זיך מיט גרינגשעצונג צו די מתנות פון דער נאטור; וואס אבער די נאטירלעכע דערקענטניש זאל ניט זיין, קאן זי מיט ניט ווייניקער רעכט, ווי די אנדערע, אנגערופן ווערן געטליכע, ווייל די נאטור פון גאט, אויף ווי פיל מיר באטייליקן זיך אין איר, און זיינע באשלוסן סוגערירן זי אונז אין א געוויסער מאס, און ווייל זי אונטערשיידט זיך פון יענער דערקענטניש, וואס אלע רופן זי אן געטליכע, נאר דערמיט, וואס די לעצטע ברייט זיך אויס אריבער די גרעניצן פון דער נאטירלעכער דערקענטניש און וואס די געזעצן פון דער מענטשליכער נאטור. ווען גענומען פאר זיך אליין, קאנען ניט זיין איר אורזאך; בנוגע אבער דער זיכערקייט, וואס די נאטירלעכע דערקענטניש פארמאגט אין זיך, און בנוגע דעם קוואל, פון וועלכן זי קומט ארויס, וואס דאס איז גאט, שטייט זי מיט קיין זאך ניט אפ פון דער נביאישער דערקענטניש".

„וואס מער מיר זיינען משיג די נאטירלעכע זאכן, אלץ פאלקאמער זיינען מיר משיג גאטס עצם, וואס איז די סיבה פון אלע זאכן. אונזער גאנצע דערקענטניש ד. ה. דאס העכסטע-גוטע פאר אונז, ווענדט זיך ניט נאר אן דער דערקענטניש פון גאט, נאר באשטייט אינגאנצן אין איר. און דאס איז צו זען אויך דערפון, וואס די פולקאמקייט פון דעם מענטשן וואקסט אינ'איינעם מיט דער טבע און דער פולקאמקייט פון דער זאך, וואס ער ליבט זי מער פון אלץ".

„ווען מיר ווייסן, אז אלץ ווערט באשטימט און סאנקציאנירט פון גאט; אז די ווערק פון דער נאטור זיינען דער פועל יוצא פון גאטס וועזן; אז די געזעצן פון דער נאטור זיינען גאטס אייביקע באשלוסן אויסדרוקן פון זיין ווילן, מוזן מיר דאן אומבאדינגט מאכן דעם אויספיר, אז וואס בעסער מיר דערקענען די נאטירלעכע זאכן און וואס קלערער מיר זעען איין, ווי זיי

ווענדן זיך אָן זייער ערשטער סיבה און ווירקן לויט די אייביקע געזעצן פון דער נאטור, אלץ בעסער דערקענען מיר ג׳ און זיין ווילן. אויף אזא אופן קאן מען די דערשיינונגען, וועלכע מיר פארשטייען קלאר און דייטלעך, מיט מער דעכט אָנרופן, בנוגע אונזער דערקענטניש, די ווערק פון גאט און זיי באציען צו זיין ווילן, איידער די דערשיינונגען, וועלכע מיר פארשטייען גאר ניט, ווען אפילו זיי מאכן א טיפן איינדרוק אויפן כח-הדמיון און ריפן ארויס בא די מענטשן די גרעסטע פארוואונדערונג; ווייל נאר די ווערק פון דער נאטור, וואס מיר פארשטייען זיי קלאר און דייטליך, גיבן אונז דערהויבענע געדאנקען וועגן ג׳ און ווייזן אונז אָן אויפן קלערסטן אופן גאטס ווילן און זיינע באשלוסן. עס איז, אלזא, א גרויסער אומזין מצד די מענטשן צו קומען צו ג׳ ווילן אזוי גיך, ווי זיי פארשטייען ניט עפעס א זאך; באמת, א לעכערליכער שטייגער פון מודה זיין אין אומוויסנהייט".

„אזוי אבער ווי געזעצן פון דער נאטור, ווי מיר האבן דאס שוין פריער קלאר געמאכט, ברייטן זיך אויס אין דער אומענדליכקייט און ווערן פון אונז באנומען אונטער א געוויסן כאראקטער פון דער אייביקייט, און אזוי ווי די נאטור ווירקט, לויט די דאזיקע געזעצן, אין א באשטימטער און פעסטער אָרדנונג, ווייזן זיי אונז אָן אין א געוויסער גראַד גאטס אומענדליכקייט, אויביקייט און אומפארענדליכקייט. מיר מאכן אלזא, דעם אויספיר, אז מיר קאנען דורך וונדער ניט דערקענען גאט און אויך ניט זיין דאָזיין און השגחה. נאר אז די דאזיקע אמתן לאזן זיך פיל בעסער אויספירן פון דער פעסטער און אומפארענדערליכער ארדנונג פון דער נאטור".

אַט די פאַנטעאיסטישע אויספירן פון ברוך שפינאזא ג״ן זיין „טעאלאגיש-פאליטישער-טראקטאט" האבן ניט צו טאָן מיט דעם אטעאיסטישן פאנטעאיזם וואס אָנערקענט בלויז די נאטור און וויל ניט וויסן מיט איבערנאטירלעכעס, נאר שפינאזאס פאנטעאיזם איז א העכערער מין מאנאטעאיזם וואס אנערקענט א כח איבער דער גאנצער וועלט און נאטור. מיטן אונטערשייד, וואס דער באגריף וועגן גאט איז ניט אבסטראקט ווי וועגן א „גייסט", נאר געטליכקייט ווערט געזוכט אין די פעסטע אייביקע געזעצן פון דער נאטור.

אין דעם פאל ווערט נבואה ארויסגענומען פון פאנטאזיעס דמיונות און טרעפעריי, נאר נבואה ווערט דערפירט צו א מין העכערער סאציאלאגיע וואס לערנט די פעסטע געטלעכע געזעצן וואס ליגן שוין אין נאטור און וועלט. שפינאזאס לערע איז ניט אנגענומען געווארן אבער דורכן יודאאיזם, ווייל שפינאזא איז ווייט אוועק פון זיין סביבה.

רעליגיע און מלוכה

אין איר טעזע איז רעליגיע געווען צונויפגעבונדן מיט מלוכה. אין פע-ריאד פון פרימיטיווער מענטשלעכער קולטור, און געצנדינערישן פעריאד אָן, איז דער ראש פון שבט געווען איינצייטיק, סיי דער העכסטער גייסטלעכער, סיי דער מלוכה-פירער. די גאנצע מלוכה איז געווען אָפהענגיק פון רעליגיעזן גלויבן. בא די געצנדינערישע פעלקער פלעגט יעדער פאלק מלחמה האלטן אין נאמען פון איר גאט. דער זיג פון איין פאלק איבער דער צווייטער פלעגט הייסן דער זיג פון איין גאט איבערן צווייטן. נאך א דורכפאל אין מלחמה פלעגט די ערשטע מפלה קומען אויפן גאט פון באזיגטן שבט אדער פאלק. דער זיגער פלעגט באלד צווינגען די באזיגטע צו אנטזאגן זיך פון זייער קאמפראמיטירטן גאט און אנגעמען דעם זיגרייכן גאט.

אין זיין „געזעלשאפטלעכער-אפמאך" זאגט זשאן זשאק רוססא: „צוליב דעם אליין וואס מ'האט געשטעלט גאט אין הויפט פון יעדער פאליטישער גע-זעלשאפט, איז אויסגעקומען, אז ס'האבן עקזיסטירט אזוי פיל געטער ווי פיל פעלקער". „אויב מ'וועט פרעגן, פארוואס איז עפעס אין געצנדינערייַ פעריאד, ווען יעדער מלוכה האט געהאט איר קולט און אירע געטער און דאך זיינען ניט געווען קיין רעליגיעזע מלחמות, וועל איך ענטפערן, אז נאר דערפאר, ווייל יעדער מלוכה מיט אלע אירע געזעצן און געטער איז געווען איינס, מ'האט ניט פארנאנדערגעטיילט פון געטער ביז מלוכה פירונג. דעריבער קעמפענדיק האט מען שוין געקעמפט פאר אלץ צוזאמען. יעדער פאליטישע מלחמה איז געווען איינצייטיק אויך א טעאָלאגישע און די הערשער פון די געטער האבן זיך געפונען, לויט די גרעניצן פון יעדער מלוכה. קיין איין מלוכה איז ניט ארגאניזירט געווען, אז רעליגיע זאל ניט זיין איר באזע (יסוד).

רוססא טיילט רעליגיע אין רעליגיע פון מענטש און רעליגיע פון בירגער.

די ערשטע (מענטשלעכע) האט ניט קיין קירכן, קיין צערעמאניעס בא-גרעניצנדיק זיך מיט ריין גײַסטלעכע מאראל אין הארצן שטעלט פאר מיט זיך די ריינסטע און פשוטסטע רעליגיע, וואס ס'קען אָנרופן נאטירלעך, געטליך, אָרנטלעכקייט די צווייטע (די בירגערליכע) צוגעפאסט צו איין מלוכה מיט אירע אלע אייגנארטיקייט, מיט אירע דאגמען און צערעמאניעס אויסערלעך צוגעשריבן לויטן געזעץ-קולט. אלץ אבער וואס געפינט זיך אויסער דעם פאלק יועלכע דינט אזא רעליגיע רופט זיך ניט ריכטיקע, פרעמדע, ווילדע; זי פאר-שפרייט אירע פליכטן און רעכט פון מענטש אזוי ווייט, ווי אירע רעליגיעזע צערעמאניעס. אזוי זיינען געווען אלע רעליגיעס פון די ערשטע פעלקער.

וועלכע מ'קען רופן געטליך בירגערליכע רעכט". „בירגער מוזן אפגעבן א חשבון דער אויבערמאכט און זייערע מיינונגען אויף אזוי פיל, אויף ווי פיל די מיינונגען רירן אָן דעם געזעלשאפטלעכן לעבן. דעריבער איז וויכטיק פאר דער רעגירונג, אז יעדער בירגער זאל גלויבן אין דער איין מלוכה-רע-ליגיע, וועלכע איז פארבונדן מיט דער ליבע פון זיינע פליכטן. די דאגמען פון דער רעליגיע דארפן אינטערעסירן דער מלוכה און זיינע בירגער אויף אזוי פיל, אויף ווי פיל די דאגמען האבן א א שייכות צו מאראל און פליכטן, וועלכע דער גלויבער פון דער רעליגיע דארף אויספילן בנוגע דעם צווייטן. חוץ דעם מעג יעדערער האבן אזוינע מיינונגען און איבערצייגונגען וועלכע געפעלן אים, ניט דארפנדיק אפגעבן קיין חשבון פאר דער מלוכה".

רוססא האט געבויט זיינע סאציאלאגישע אויספירן אויף געשיכטלעכע פאקטן. ביזן XIX-טן יר"ה האט נאך ניט געטראפן קיין פאל, אז די מלוכה זאל זיך אינגאנצן באפרייען פון רעליגיע. אדער רעליגיע איז געווען געבונדן מיטן מלוכה לעבן אדער זיי האבן צייטווייליק געפירט א קאמף צווישן זיך.

דאס יידישע פאלק, וועלכע ס'איז ארויסגעפירט געווארן דורך משה'ן פון מצרים האט געהאט אין משה'ן איינצייטיק סיי א רעליגיאנס לערער — א נביא פון גאט און א מלוכה פירער. די גאנצע יידישע תורה איז געפלאכטן איינצייטיק מיט געזעצן סיי פאר גאט און סיי פארן מלוכה לעבן. שפעטער די שופטים ביזן נביא שמואל זיינען געווען איינצייטיק סיי רעליגיעזע פירער, סיי פאליטישע פירער פון פאלק אין יעדער קריג און בא יעדער געפאר. שאול איז דער ערשטער יידישער קעניג וואס שטרעבט צו פארוועלטלעכן די מלוכה. כאטש שאול פרווט אויך נביאות זאגן, נאר דאס פאלק זעט אין אים מער קעניג ווי נביא און ווען ער זאגט נביאות זאגט דאס פאלקס ווארט: „און שאול איז אויך צווישן די נביאים?!".

צווישן שאולן מיט שמואלן קומען פאר רייבונגען און שפעטער אין די צייטן פון דוד, שלמה, רחבעם, ירבעם און ביזן חורבן בית המקדש זיינען שוין די נביאים ניט די מלוכה פירער, נאר די קריטיקער פון אומרעכט פון פאלק און פון קעניג. אין אלע צייטן איז אבער רעליגיע געווען א לעבעדי-קע פראבלעם פאר יעדער מלוכה, וועלכע ס'האט געמוזט נעמען א שטעלונג צו דער פראבלעם אדער שליסן א בונד פון צוזאמענארבעט, אדער קעמפן.

נאך דעם ווי די יידן זיינען פארטריבן געווארן פון זייער מלוכה לעבן איז דער קאמף פארשוואונדן צוזאמען מיט דער נבואה בא יידן.

דאס קריסטנטום פארמעגט א לאנגע געשיכטע פון קאמף צווישן דער וועלטלעכער און פאליטישער מאכט. דער היסטאריקער פראפעסאר דרעפער

דערציילט וועגן אָט די קאמפן פאר רעכט און מאכט: נאכן טויט פון פאול I האט דער הערצאג נעפּי געוואלט אויסקלייבן קאנסטאנטינען פאר א פויפסט, נאר ווען די קלייבער האבן אויסגעוויילט אין 768 יאר סטעפאן דעם IV, האט מען קאנסטאנטינען אויסגעשטאכן די אויגן און דעם יעפּיסקאפּ פאדאר. אפּגעשניטן דעם צונג און ארייגעווארפן אין געפענקעניש, ווו ער איז גע-שטארבן פון דארשט.

סטעפאן דער V איז ארויסגעטריבן געווארן פון שטאט.

לעוו דער V 896 איז פארשפארט געווארן דורך כריסטאפארן, וועל-כער האט פארכאפּט די שטול.

כריסטאפאר איז פארטריבן געווארן דורך סערגיי דעם III (905) שפּע-טער האט פעאדארא אוועקגעזעצט יאַן דעם X. יאן איז געהרגעט געווארן דורך פעאדארס א טאכטער, וועלכע ס'האט אוועקגעזעצט פאר א פויפסט יאן דעם XI. אין 931 איז יאן דער XIII דערשטיקט געווארן.

באנאפּראצי דער VII האט ארייגעזעצט אין טורמע בענעדיקט דעם VII און אים פארהונגערט.

יאן דער XIV איז געהיים געטייט געווארן אין פעסטונג פון הייליקן-מלאך. לערנענדיק די געשיכטע פון לעבן פון די קריסטלעכע פעלקער געפי-נען מיר אָן א ברעג די פאלן פון פארביטערטן קאמף צווישן די קעניגן מיט די פויפסטן.

די רעליגיעזע פארשטייער האבן זיך ניט באנוגנט מיט בלויז טאלעראנץ און אנערקענונג פון די מלוכה מענער, נאר זיי האבן געשטרעבט צו פאראי-ניקן די וועלטלעכע געזעצגעבונג מיט דער קריסטלעכער און אז די גאנצע מאכט זאל זיין אין זייערע הענט. די געשיכטע פון די באציאונגען צווישן קירך און רעליגיע איז א באגלייטערין פון דער גאנצער וועלט געשיכטע און בפרט קען עס אויפגעקלערט ווערן ביים שרייבן שפּעטער די געשיכטע פון דער עוואליוציע פון יודאאיזם און פון קריסטנטום. אין דעם קאפיטל בארירן מיר די פראגראם בדרך כלל.

שפּעטער בעת ס'איז געקומען די אויפקלערונגס עפּאכע פון XVIII יר"ה און די גרויסע פראנצויזישע רעוואליוציע האבן אפילו די רעוואליוציא-נערן ניט געוואגט צו פראפּאגאנדירן צו באפרייען דער מלוכה פון רעליגיע. אזוי אבער ווי די קאטוילישע גייסטלעכע האבן באקעמפט דער פראנצויזישער רעוואליוציע, האבן די רעוואליוציאנערן באקעמפט די דערמאנטע גייסטלעכע און זיי האבן געזוכט א נייע פארם פארן רעליגיעזן אויסדרוק אנשטאט פרי-ערדיקע פארמען.

ראבעספיער האט געשאפן די רעליגיע פון „העכסטן וועזן“ און די קאָ-מונארן שאמעט און היבערט האבן געשאפן די רעליגיע „פון-פארשטאנד“. די ביידע רעליגיעס האבן געהאלטן ניט לענגער ווי דער רעוואלוציאנערער ענטוזיאזם און איז פארשוואונדן צוזאמען מיט דער רעוואלוציע.

דער גאנצער נייער רעליגיעזער עקספערימענט איז א אינטערעסאנטע בלאט אין דער וועלט געשיכטע. די רעליגיע אין איר צוקונפט וועט פיל לערנען פון יענע באוועגונגען. א פאקט בלייבט אבער, אז די פירער פון דער פראנצויזישער רעוואליוציע האבן פארשטאנען, אז זיי טארן ניט איגנארירן רעליגיע בכלל, ווייל רעליגיע מוז באקומען איר אָרט און אויסדרוק אין לעבן פון דער מענטשלעכער געזעלשאפט און פון דער מלוכה. די נייע רעליגיע האט קיין קיום ניט געהאט, ווייל זי איז פאקטיש געשאפן ניט דורך גרויסע רע-רעליגיעזע נאטורן, ניט דורך גרויסע רעליגיעזע רעפארמאטארן, וועלכע ס'האלטן זיך בא דעם שורש און טעזע פון דער רעליגיע און רעפארמירן איר ניט אָפרייסנדיק איר פון איר מקור. נאר די נייע רעליגיעזע פארמען זיינען געבראכט געווארן דורך רעוואליוציאנערן טעראריסטן דיקטאטארן. בא וועלכע די נייע רעליגיע איז געווען מער פאליטיק און געקינסטלט, ווי טיפע איבער-צייגונג. אזוי ווי דרעליגיעס שאפן זיך ניט לויט א באשטעלונג, האט עס קיין כח און מאכט געהאט צולאזן נאך זיך א היסטארישע ירושה. די פראנצוי-זישע רעוואליוציאנערן האבן פארשטאנען אז רעליגיע מוז האבן א פארם, א דאָגם און ריטואל. זיי האבן געשאפן דעמאנסטראציעס אין טעאטראלישקייט. אבער דאס איז געבליבן ניט מער ווי טעאטער און דאס האט ניט געהאט דאס ערנסטע ווירקונג וואס רעליגיע דארף האבן אויף די מאמינים. אויף ווי פיל יעדער רעליגיע ווערט שפעטער אין דער פראקטיק פארגוואלדיקט און איר מאראל און עטיק, ווערט געפעלשט דורך פאליטיק טרייבער, איז אבער און איר גרונט איז יעדער רעליגיע א לעדערין און פריידיקערן פון דער שענסטער און רייגסטער מאראל און עטיק. איבערהויפט די רעליגיעזע רע-פארמאטארן זיינען אומשולדיקע ריינע רעליגיעזע נאטורן. די שעפער פון דער רעליגיע פון „העכסטן-וועזן“ און „רעליגיע פון פארשטאנד“ האבן צופיל פאר-נומען זיך מיט פאליטיק און דאס רעליגיעזע פאלקס מאסע האט ניט געקענט האבן קיין צוטרוי צו אזעלכע, וועלכע ס'שיקן די בעסטע מענטשן אויף דער גילאטינע.

רעבעספיער האט פארדאמט די פאנאטיקער פון קאטוילישן טיפ און דעם אטעאיזם אלס אריסטאקראטישע חולאת. ווען אין אין מאי 1794 האט ער זיך געשטעלט אויף דער טריבונע פון קאנווענט ריידן פאר א פייערונג

לכבוד דעם „העכסטן וועזן”, האט ער לכתחילה זיין רעדע אנגעהויבן מיט אן ענטוזיאסטישן לויבגעזאנג אויף רוססא, אבער באלד איז ער אריבער אין א קאלאסאלער שארפער אטאקע אויף דעם קריסטנטום און ער האט געזאגט: „אלע מענשלעכע איינבילדונגען פארשווינדן פאר דעם שיין פון אמת און אלע משוגעתן פאלן פאר דער מאכט פון פארשטאנד. וואס האבן די גלחים צו טאן מיט גאט? טריי צו דעם גייסט פון דער רעוואליוציע, האט ראבעספיער פאר־זיכערט, אז די גלחים האבן קיין שייכות צו מאראל און אז אלע רעליגיעס זיינען דערפונדן פון די גלחים, וועלכע האבן געמאכט פון גאט א מענטש און א קעניג. „דעם אלהעכסטן וועזנס אמתער פריסט איז די נאטור, זיין טעמפל איז דער וועלט־אל, און דינען אים קענען בלויז דורך גוטע מדות”. און ראבעספיער האט אויסגעשריען צו די גלחים: „איר האט געזאגט צו די קעניגן: יא, איר זייט באמת די פארשטייער פון גאט אויף דער ערד; פון אים האלט איר אייער מאכט! און די קעניגן פון זייער זייט האבן געזאגט צו אייך: יא, איר זייט באמת גאטס שלוחים; לאמיר זיך טיילן מיטן וויהרויך און רייכקייט!” לויט ראבעספיערס פארשלאג האט דער קאנווענט ארויסגעלאזן א פראקלאמא־ציע, וואס האט מודיע געווען אלע נאציאנען פון דער וועלט, אז ער, דער קאנווענט, שיצט און שטיצט די פרייהייט פון גאטעס־דינסט; אז ער טאדלט די איבערטרייבונגען פון פילאזאפישן אטעאיזם פונקט ווי דעם רעליגיעזן פא־נאטיזם. איין פאראגראף פון דער קאנווענט דעקלאראציע לייענט זיך: „אייערע הערשער וועלן אייך דערציילן, אז די פראנצויזישע נאציאן האט פארבאטן אלע רעליגיעס און האט איינגעפירט די פארערונג פון געוויסע מענטשן אנ־שטאט דער פארערונג פון גאט; זיי מאלן אונז פאר אייך אלס געצנדינער און משוגעים. זיי זאגן ניט אמת. די פראנצויזישע נאציע און אירע פארשטייער זיינען פאר פרייהייט פון גאטסדינסט פון יעדער מין”. ראבעספיער האט איינ־געפירט א נייען רעליגיעזן קולט און צערעמאניאל. עס זיינען פארעפנטלעכט געווארן קאטעכיזמען פון דער נייער רעליגיע מיט תפלה ביכער. א סדר פון דעקאדעס, ימים טובים, רעדעס, הימנען, תפלות פאר דעם געברויך אין די טעמפלען פון פארשטאנד”. כאראקטעריסטיש איז איינע פון די תפלות ווי ס׳ווערט געזאגט: „פרייהייט, די העכסטע גליק פון מענטשן אויף דער ערד, געבענטשט זאל זיין דיין נאמען צווישן אלע נאציאנען פון דער וועלט. זאל דיין פריידן ברענגענדער קעניגרייך קומען און א סוף מאכן צו דער הער־שאפט פון די טיראנען! זאל דיין הייליקער קולט פארנעמען דעם פלאץ פון דער פארערונג פון יענע עלנדע געצן, וועמענס מזבחות דו האסט געשטירצט! איך גלויב אין אן אלהעכסטן וועזן, וואס האט באשאפן די מענטשן פריי און

גלייך, וואס האט זיי געבויט אזוי. אז זיי זאלן ליבן איינע די אנדערע און ניט האסן איינע די אנדערע; וועלכע וויל געצערט זיין דורך טוגנט און ניט דורך פאנאטיזם און אין וועמנס אויגן די גאבלסטע תפלה איז די תפלה פון אמת און פארשטאנד. איך גלויב אין דעם נאענסטן פאל פון די טיראנען, אין דעם ווידערגעבורט פון מאראל, אין דער אלץ שטארקערער אויסשפרייטונג פון אלע טוגנטן און אין דעם אויביקן טריאומף פון פרייהייט".

די קירכן זיינען דאן אויסגעטאן געווארן פון דעם אלטן שמוק און זיי-נען צוגעפאסט געווארן צו דינען די צוועקן פון דער נייער רעליגיע. ראבעספיער האט זיך באמיט איינצופירן א מלוכה רעליגיע כדי צו באווארע-נען דעם געוויסן פון דער רעוואליוציע.

אָט די אלע פאקטן, וועלכע ווערן געבראכט דורך די היסטאריקער לאראן, קארליעל און לואי-בלאן באשטעטיקן אויף ווי פיל די פירער פון דער פראנצויזישער רעוואליוציע האבן אפגעשאצט די ווירדע פון דער רע-ליגיעזער פראבלעם פאר מלוכה. אין אקטאבער 1801 האט נאפאלעאן שוין אונטערהאנדלט מיטן פויפסט וועגן אונטערשרייבן א קאנקארדאט. און דעם 18-טר אפריל 1802 (דעם 28-טן „זשערמינאל" יאר 10) איז א קאפיע פון קאנקארדאט אויסגעקלעפט געווארן אין גאנץ פאריזש.

נאפאלעאָן איז ווייט געוועזן צו זיין א פרומער קאטאליק נאר דער קאנ-קארדאט איז פאר אים געוועזן בלויז א ציל צו זיין פאליטישער קאריערע. נאפאלעאן האט זיך אויסגעדריקט: „אין עגיפטן בין איך געוועזן א מחמדאנער, און איך מוז זיין א קאטאליק אין פראנקרייך. איך גלויב ניט אין רעליגיעס. איך גלויב אבער אין דער אידייע פון א גאט".

אין זיין פראקלאמאציע צו דער אראבישער באפעלקערונג אין עגיפטן האט נאפאלעאן געשריבן: „מיר אויך זיינען גוטע מוסולמענער. האבן מיר דען ניט געבראכן די מאכט פון פויפסט, וועלכער האט אנגעשיקט אזוי פיל מלחמות אויף די מוסולמענער".

אין מאמענט פון זיינע אונטערהאנדלונגען מיטן פויפסט שליח קארדי-נאל קאנסאלווי האט באנאפארט אויסגעשריען: „אויב העגרי דער אַכטער, וועלכער האט ניט געהאט קיין צוואנציק חלק פון מיין מאכט, האט געקענט ענדערן די רעליגיע פון זיין לאנד, וועט פאר מיר עס זיין די גרינגסטע זאך צו טאן! איך וועל ענדערן די רעליגיע ניט נאר אין פראנקרייך אליין, נאר איבער גאנץ אייראפע" דאך איז נאפאלעאן דורכגעקומען מיטן פויפסט, ווייל ער האט אָפגעשאצט וואס פאר א אינסטרומענט פאר זיין מאכט ס'קען זיין דער קאטאליציזם. אין 1908 האט דער דייטשער פאעט ווילאנד געפרעגט

נאפאלעאנען, אז אויב ער האט שוין יא געוואלט איינפירן רעליגיע צוריק, ווארום האט ער זיך ניט צוגעפאסט מער צום גייסט פון זיין צייט — האט נאפאלעאן זיך צולאכט און געענטפערט: „מיין טייערער ווילאנד. עס איז זיכער ניט א רעליגיע פאר פילאזאפן. די פילאזאפן גלויבן ניט אין מיר און ניט אין מיין רעליגיע; און פאר דער מאסע וואס גלויבט, קען מען קיין מאל ניט אנ־ארבעטן גענוג ניסים, און פארקערט, מען טאר אים ניט ערלויבן צו גלויבן אין צופיל".

נאפאלעאנען איז גרינג געווען צו פארטרייבן די רעליגיע פון די פילאזאפן פון דער פראנצויזישער רעוואליוציע, ווייל מענטשן גלויבן אין רעליגיע נאר דערפאר, ווייל זיי האלטן זייער גלויבן פאר א ווערק פון גאטס הענט, אלץ גייט פארלארן, אזוי גיך ווי עס ווייזט זיך ארויס, אז א מענטשלעכע האנט איז באשעפטיקט דערביי.

דער פויפסט האט צוריקגעקערט די סואווערניטעט; די סואווערניטעט — די איינהייט, די איינהייט — דעם אויטאריטעט און דער אויטאריטעט — דעם גלויבן.

דער גלאקן קלאנג פון דארפישן קלויסטער און די מיסטעריע פון קאטאליציזם האט גערירט די הארץ פון פויער.

אין דער לענג פון XIX יר"ה האבן אלע הערשער נאכגעטאן נאפאלעאנס טאקטיק פון פאראייניקן צוויי אויטאריטעטן דעם אויטאריטעט פון דער מלוכה מיט דעם אויטאריטעט פון קירך.

דאס איז געווען די אורזאך פון מארקסיסטישן אטעאיזם, וועלכער ס'האט דערפילט, אז די פאראייניקונג פון דער מלוכה מיט דער קירך איז א כח וואס פארשטעלט דעם מארקסיזם די וועג צו מאכט.

דער פאשיזם און רעליגיע

דער פאשיזם וואס איז געבוירן געווארן אויף די חורבונות פון דער וועלט מלחמה מיט פרעטענזיעס פאר הערשאפט און מאכט האט זיך באלד געפונען אין א קלעם אין זיין באציאונג צו דער רעליגיעזער פראבלעם. יעדער נייע פאליטיש סאציאלע באוועגונג האט געמוזט נעמען א שטעלונג צו רעליגיע. דער פעאדאליזם אין זיין אנקומען האט געבראכן דעם גלויבן אין די געצן און האט געבראכט דעם קריסטנטום. אין זיין צייט איז דער פעאדאליזם געווען א פראגרעס מיט דעם, וואס ער האט אפגעשאפט קנעכט־האנדל און פארביטן עס מיט חזקה רעכט. דער קאפיטאליזם אין זיין אנקומען איז אויך געווען אטעאיסטיש לויטן „וואלטעריאנישן" שטייגער און האט געבראכט די אלא ליוטעראנישע רעפארמאציע מיט די נייע רעכט פון „פרייען־אפמאך"

אנשטאט די „חזקה-רעכט פון פעאדאליזם. דער מארקסיזם אין זיין קיום האט געבראכט מיט זיך דערווייל די רעליגיעזע אנטיטעזע און „אטעאיזם" ניט געפינענדיק קיין שלום וועג מיט רעליגיע דורך א נייער רעליגיעזער וועלט-אנשויאונג. דער פאשיזם אלס א באוועגונג פון מיטל מענטש וואס באקעמפט פון איין זייט דעם מארקסיזם און פון צווייטן זייט באקעמפט ער דעם הויכן אריסטאקראטישן קלאס כדי צו פארנעמען זייערע פאזיציעס, האט זיך ניט גע-קענט צופאסן צו רעליגיע.

בעת מוסאליני איז געקומען צו דער מאכט זייענדיק פארגעקומען רייבונ-גען צווישן די שווארצע העמדלעך מיט דער קאטוילישער יוגנט.

מוסאליני האט אבער פארשטאנען, אז קיין נייע רעליגיע איבערן וואַ-טיקאן אין רוים וועט ער ניט אויפשטעלן און על פי הכרח האט ער זיך באַ-מיט ניט צו פארשארפן צו פיל. דער וואטיקאן פון זיין זייט האט וואס ווי-ניקער געמישט זיך אין מוסאליניס אינטערעסן און צו קיין ערנסטע קאנפליקטן איז ניט דערגאנגען.

גאנץ אנדערש איז די לאגע אין דייטשלאנד. דער היטלעריזם אלס נייע באוועגונג האט פרעטענדירט צו געבן א נייען מאן דער רעליגיע און האט געפרווט פארמעסטן זיך סיי מיטן קאטאליציזם סיי מיטן פראטעס-טאנטיזם. אויב היטלערן האט זיך איינגעגעבן פאליטיש צו באהערשן דעם פסיכאז פון די ברייטע דייטשעסע מאסן איז ער געבליבן לגמרי אומבאהאלפן אנטקעגן דער אלטער רעליגיע.

די רעליגיעזע קאמפן און די קאפיטוליאציע פון היטלעריזם אנטקעגן רעליגיע אינטערעסאנט און באלערנד. פון גרויס שנאה צו יידן האבן די נאַ-ציס ניט געקענט שלום מאכן מיטן געדאנק, אז יעזוס איז אויך א ייד געוועז און מען האט זיך געפרווט ניט מער אין ניט ווייניקער ווי ארויסווארפן פון אלטן און נייען טעסטאמענט אלץ וואס האט א שייכות צו יידן. פארשטייט זיך אז מיט דעם האבן זיי אנגערירט דעם יסוד פון דער קריסטלעכער רעליגיע. מען קען ניט פארניכטן איין טייל און צווייטן. אנרירנדיק די יידישע מאמענטן אין ביבל פאלט דער גאנצער בנין. זייענדיק טאקע ניט בלויז די קאטאליקן, נאר דריי טויזנט פראטעסטאנטישע גלחים ארויסגעטראטן מיט א שטארקן פראטעסט קעגן אזא געפערלעכן אנפאל פרווו קעגן ביבל.

„די נייע קירך אין נייעם דייטשלאנד" איז דער נאמען פון א בוך, וואס איז ארויסגעגעבן געווארן פון דעם „מאקמילאן" פארלאג.

דער שרייבער פון דעם בוך, טשארלס מאקפארלאנד, איז א באקאנטער קריסטליכער רעווערענד, וועלכער האט שוין פריער אנגעשריבן עטליכע ביכער

וועגן קריסטליך-רעליגיעזע ענינים. ווי א פרומער און יונגער קריסט, האט ער זיך פאראינטערעסירט אין דער קריסטליכער רעליגיע אין היטלערס דייטש-לאנד. ער האט דארטן פארבראכט עטלעכע מאנאטן און ער האט געהאט די געלעגנהייט צו ריידן וועגן דעם ניט בלויז מיט די פארשיידענע רעליגיעזע פארשטייער, נאר אויך מיט די פירער פון די נאציס, מיט היטלערן, מיט אל-פרעד ראזענבערגן און אנדערע. דער רעזולטאט פון זיינע אונטערזוכונגען און אונטעררעדונגען איז דער דערמאנטער בוך, וואו עס ווערט באשריבן מיט א רעכט ביסל איינצלהייטן דער רעליגיעזער קאמף אין דייטשלאנד.

דער דאזיקער קאמף איז געווען אנגעפירט פון דריי גרופן. איין גרופע איז באשטאנען פון די הונדערטע פראצענטיקע היטלעריסטן. פאר זיי איז דער היטלעריזם א נייע תורה און היטלער אליין איז א נייער „דערלייזער". היט-לער איז ביי זיי ניט בלויז א גרויסער שטאטסמאן, נאר אויך א שליח פון גאט. דער דייטשער גאט האט זיך דערבארימט אויף זיין דייטשן פאלק און האט אראפגעשיקט היטלערן אים צו העלפן און אויסצולייזן. אין קורצן, היט-לער איז פאר זיי א נייער יעזוס. מיט דעם אלטן יעזוסן זיינען זיי ניט צו-פרידן, ער איז פאר זיי צו מילד, צו גוטמוטיק, אייגנטליך, טרייסלען זיי זיך ניט אין גאנצן אָפּ פון יעזוסן, אבער זיי האלטן, אז דער יעזוס פון דעם עוואנגעליום איז א געפעלשטער. „ער איז געפעלשט געווארן דורך דעם יידן פאול". דער אמתער יעזוס איז א „נאָרדיק" און עכטער דייטש. מען דארף יעזוסן איבערמאכן, אים צוריקשטעלן, ווי ער איז געווען אדער דער ייד פאול האט אים פאריידישט. יעזוס דארף ווערן א „דייטשער העלד" ניט קיין יידישער.

דאס איז די דאזיקע גרופע. האט געפאדערט, אז מען זאל דעם „אלטן טעסטאמענט" (די יידישע ביבעל) איינגאנצן ארויסווארפן און דעם „נייען טעסטאמענט" (דעם ברית-החדשה) ענדערן אין דעם גייסט פון די נארדיק בכלל און פון די דייטשן בפרט.

די צווייטע גרופע איז באשטאנען פון די אלט-מאדישע קריסטן, וואס גלויבן, אז אָן דעם אלטן טעסטאמענט האט דער נייער טעסטאמענט קיין שום זין ניט. זיי זיינען קעגן היטלערס טעאריעס וועגן ראסן-אונטערשיידונגען. דאס קריסטנטום זאגן זיי, איז אינטערנאציאנאל. ער פריידיקט ליבע אנשטאט האס. יעדערער וואס האט געהאט דעם גליק צו ווערן געטויפט אין הייליקן וואסער און גלויבט אין יעזוסן, גאנץ גלייך, צי ער איז פון יידישער אפשטא-מונג אדער ניט, איז ער א ברודער אין גלויבן.

אויך זיי, די צווייטע גרופע, זיינען היטלעריסטן, ווען עס האנדלט זיך

וועגן פאליטישע און סאציאלע פראגן. זיי זיינען אפילו מסכים מיט אים בנוגע די פארפאלגונגען קעגן די יידן, כל זמן די דאזיקע פארפאלגונגען זיינען באַגרעניצט אויף סאציאלע און פאליטישע פראגן. זיי זיינען בלויז קעגן אריינמישן דעם ראסן-פרינציפ אין די אינערליך רעליגיעזע אַנגעלעגנהייטן. בנוגע די רעליגיע דארף ניט זיין קיין ראסן אונטערשייד. אלע זיינען ברידער אין יעזוסן. ווען עס האנדלט זיך וועגן געטויפטע יידן אדער וועגן קריסטן פון יידישער אפשטאמונג, דארפן זיי באטראכט ווערן אלס ברידער און זיי דארפן זיין גלייך בארעכטיקט, לכל הפחות, אין דער קירך. א גלח פון יידישער אפשטאמונג, הייסט עס, דארף אויך האבן דאס רעכט צו פריידיקן פון עמוד פארן עולם, אפילו ווען דער עולם באשטייט פון ריינע נארדיקס.

די דריטע גרופע, די גרעסטע, איז א מין פשרה צווישן דער ערשטער און צווייטער גרופע. דער פירער פון דער דאזיקער גרופע דער רייכס-בישאף מילער.

די דאזיקע גרופע איז, ווי די ערשטע, דורך און דורך היטלעריסטיש. זי אנערקענט דעם אזוי-גערופענעם ראסן-פרינציפ ניט בלויז פאליטיש און סאציאל, נאר אויך אין דער קירך. די קירך דארף זיין א ריין-אַרישע. עס מעגן זיין ניט אַרישע קריסטן און אפילו ניט-אַרישע גלחים, אבער עס טאר ניט דערלאזן ווערן, אז די ניט אריער זאלן פריידיקן פון עמוד פאר אַרישע דייטשן. די ניט אריער, דערמיט ווערט געמיינט יידישע קריסטן, אדער קריסטן פון א ניט-אַרישער אפשטאמונג. דארפן האבן זייערע אייגענע קירכן, און אין יענע קירכן מעגן פריידיקן ניט-אַרישע גלחים. די ראסן דארפן געהאלטן ווערן ריין. זיי טארן זיך איינע מיט די אנדערע ניט מישן. גאט אליין האט געשאפן די באזונדערע ראסן, און זיי מוזן דעריבער געהאלטן ווערן ריין. אזוי וויל גאט...

איז די דאזיקע גרופע, פונקט ווי די ערשטע, דורך און דורך היטלעריסטיש, מיט דעם אייציקן אונטערשייד, וואס זי באטראכט ניט היטלערן אלס דערלייזער און משיח אין דעם רעליגיעזן זין פון דעם ווארט. אין דעם צענטר פון זייער אמונה שטייט נאך אלץ דער אלטער יעזוס מיט זיין תורה פון ליבע. ניט בלויז זיינען געגן אירגענד וועלכע ענדערונגען אין דעם נייעם טעסטאמענט, נאר זיי ווילן זיך אפילו ניט אפזאגן פון דעם אלטן טעסטאמענט.

איז דאך די פראגע, ווי פאסט זיך יעזוס׳עס תורה, אז אלע מענטשן זיינען ברידער און גלייך-בארעכטיגט אין דער אמונה, אויב זיי גלויבן אין אים, מיט היטלערס ראסן-פרינציפ, וואס שיידט אונטער צווישן אריער און ניט-אריער?

אין דער תירוץ, אז יעזוס האט געמיינט, אז אלע זייגען ברידער און גלייכבארעכטיגט בלויז אין אמונה זאכן, אבער ניט בנוגע פאליטישע און סאציא־לע פראגן. אויף „יענער וועלט", הייסט עס, זייגען די יידישע קריסטן אדער קריסטן פון יידישער אפשטאמונג גלייכבארעכטיגט, אבער ניט אויף „דיזער וועלט". אויף יענער וועלט, הייסט עס, וועלן די יידישע קריסטן, פונקט ווי די דייטשע קריסטן, קריגן גלייכע חלקים פון קריסטליכן „שור הבר", „לויתן" און „יין המשומר", אבער אויף „דער וועלט" דארפן זיי זיין אפגעזונדערט. ווער ווייס, עס איז מעגליך, אז אויך דארטן וועלן די יידישע קריסטן דארפן זיצן ביי באזונדערע טישן...

דער היטלעריסט ווילהעלם'ס טויט האט זיך באמיט אויסרייניקן דעם גאנצן תהלים פון „יידישן־גייסט" און ער האט ארויסגעווארפן אלץ וואס שמעקט מיט יידן. פון די 150 קאפיטלעך האט ער בלויז 75 געלאזן. ער האט געשטוקעוועט און געמעקט און געמאכט וואס אים איז צום הארצן געווען...

עס פארשטייט זיך, אז די גאנצע ווונדערלעכע פאעזיע פון די פסאלמען איז פארשווונדן. ווו עס זייגען דערמאנט נעמען פון די פארצייטיקע מלוכות ארום ארץ־ישראל, האט ער אריינגעשטעלט די נעמען פון די אמאליקע וויל־דע גערמאנישע שבטים. און ווו עס שטייט דערמאנט „ציון", האט דער היט־לעריסט אוועקגעשטעלט „פאטערלאנד".

אויסערדעם האט דער היטלעריסטישער „רייניקער" פון תהלים געגעבן יעדן קאפיטל פון זיין נייעם תהלים א נאמען. אזוי האבן מיר דא „מלחמה־לידער", גענומען פון קאפיטל כ"ו, „אין צייט פון מלחמה" פון קאפיטל מ"ד, „דער רעטער פון פאטערלאנד" קאפיטל כ"ה, „אונערשראקן אין שלאכט", פון די קאפיטלען קכ"ג און קמ"ד, אאז"וו. דעם גאנצן נייעם תהלים האט דער היטלעריסט אויך משנה־שם געווען, געענדערט דעם נאמען. דער „אויסגערײ־ניגטער" תהלים הייסט „גאט־לידער".

אט זייגען א פאר ביישפילן, וואס ווייזן, ווי אזוי דער היטלעריסט האט א תל געמאכט פון דעם תהלים.

דער ערשטער קאפיטל תהלים, אשרי האיש, אאז"וו. האט די פאלגנדע זעקס פערזן:

געבענטשט איז דער מענטש, וועלכער גייט ניט נאך דעם ראט פון די גאטלאזע און שטייט ניט אין דעם וועג פון די זינדיקע און זיצט ניט אויפן ארט פון די שפאָרענדיקע.

נאר אין דער תורה פון גאט איז זיין באגער און זיין פרייד און אין גאטס לערע איז ער פארטאן טאג ווי נאכט.

און זיין וועט ער, ווי א בוים, וואס מען פארפלאנצט ביי די פּולוואַ-סערדיקע טייכן, וואס ברענגט ארויס זיין פרוכט אין זיין צייט; זיין בלאט וועט ניט פארוועלקט ווערן, און וואס ער וועט ניט טאן וועט ער אין אלץ האבן הצלחה.

ניט אזוי וועט זיין מיט גאטלאזע; נאר ווי מעקענע וועלן זיי זיין וואס דער ווינט פארטראגט.

דעריבער וועלן די גאטלאזע ניט בלייבן שטיין פארן משפט, און די זינדער וועלן ניט בלייבן אין דער געמיינדע פון די רעכטפארטיקע.

ווארום גאט ווייס דעם וועג פון די רעכטפארטיקע; אבער די גאטלאזע וועלן אומקומען.

דעם היטלעריסטישן תהלים-זאגער איז דער פסאלם ניט געפעלן געווארן. האט ער פון אים געמאכט די פאלגענדע פינף פערזן, קורץ און זייער ניט שארף:

געבענטשט איז דער מענטש, וואס גייט אין דעם וועג פון גאט.
ער וועט וואקסן, ווי א בוים ביים וואסער.
זיינע בלעטער וועלן ניט וועלקן.
ער ברענגט ארויס בליהונג און פרוכט אין זייער צייט, און וואס ער זאל ניט טאן, וועט ער אין אלץ האבן הצלחה.

פון די נייען פערזן פון קאפיטל קכ"ב האט דער היטלעריסט געמאכט גאנצע צען, און ער האט דארטן אריינגעגעבן היטלעריסטישן דייטשן פאטריאַ-טיזם, גאר ניט וזשאלעווענדיק. אט איז דער אומגליקליכער קאפיטל, ווי ער שטייט אין תהלים:

אך האב מיך געפרייט, ווען זיי האבן מיר געזאגט: לאמיר גיין אין הויז פון גאט דעם האר.

דיינע פיס וועלן שטיין אין דיינע טויערן, ירושלים.
ירושלים איז געבויט ווי א שטאט, וואס איז פעסט און איינס.
וווהין די שבטים קומען ארויף, די שבטים פון גאט, צו זיין עדות פון ישראל, צו געבן דאנק צו גאט.
ווארום דארטן שטייען די שטולן פון משפט, די טראנען פון דעם הויז פון דוד.
בעט פארן שלום פון ירושלים; די, וואס ליבן דיך, וועלן מצליח זיין
פרידן זאל זיין אין דיינע ווענט, און הצלחה אין דיינע פאלאצן.
צוליב מיינע ברידער און מיינע פריינד וועל איך איצט זאגן: פרידן צו דיר.
צוליב דעם הויז פון גאט אונזער האר, וועל איך איצט זוכן גוטס פאר דיר.

דער היטלעריסט האט דאס „פארדייטשט", אט ווי דער נייער נאצישער פסאלם זעט אויס:

„העיל. (ראס דערמאנט'אין „העיל היטלער"), א לויב צו דעם אנפירער וואס רופט;

„קומט צו פרייריקן יום-טוב.

„גייט אין טעמפל, וואס רופט זיך הויז פון גאט, וווּ די עדה איז פאר-זאמלט, און וווהין מענטשן קומען זיך צונויף פון גאנצן לאנד אין צייכן פון פייערליכן גאטעסדינסט.

„אונזערע רייד זיינען אין הייליקע ערטער, מיט דערהויבענע גע-וועלבן און זיילן.

„געגריסט האבן מיר זיי אויך אויף די זונקע הויכן, אויף די לאנען און אין די וועלדער און אויף די געבענטשטע פעלדער. אין דעם זען מיר גאטס פוס-שטול.

„זע, זיי קומען זיך צונויף פון די פראווינצן פון לאנד, חברים, ברידער און שלוחים פון די שבטים פון אונזער פאלק, צו געבן דאנק אין נאמען פון גאט (דער נאצי האט געווים געהאט אין זינען א היטלעריסטישן קאנגרעס אין מינכען, צו וועלכן דעלעגאטן פון אלע דייטשע פראווינצן קומען דאנקן היטלערן).

„זיי דעקן אויף דעם גרונט פון זיג אין די הייליקע מלחמות פאר בא-פרייאונג. גרייט צו דער שלאכט זיינען די זין פון אונזער פאלק.

„נאך אלץ שטארק זיינען זיי אין ערנידערונג און נויט און שטארק אין ליבע צו פרייהייט. זאלן זיי האבן פרידן אין טעג פון העלדישן גייסט און זאלן באוואכן היים און ווייב און קינד.

„פאראייניגט זוכן זיי דאס בעסטע פאר זייער פאטערלאנד. פאראייניגט אין ארבייטס-ערטער, פאראייניגט אין שטאט און דארף צו דער מלוכה פון זייערע אורעלטערן און פון זייערע קינדער.

„מיר שטייען אויף פארן פאלק און פארן לאנד וואס קומט פון גאטס הענט, מיטן לעבן און מיט אונזער באזיץ, און גיבן דאנק צו גאט פאר זיינע חסדים און זיין גוטסקייט צו אונז– אויף אייביק.

און אט אזוי האט דער היטלעריסט באארבעט און איבערגעפיקסט דעם גאנצן „תהלים", אלע 150 קאפיטלען.

אין זיין הקדמה מאכט דער היטלעריסט „וויסנשאפטליכע" ערקלערונגען וועגן דעם, אז אין דעם אלטן און נייעם טעסטאמענט זיינען פאראן א סך ער-טער, וואס האבן צו טאן מיט יידישע געשיכטע און יידישע באגריפן, אבער עס זיינען דארטן פאראן אויך זאכן, וואס שטימען מיט דעם „ארישן" גייסט. אזעלכע ערטער האבן געמוזט קומען צו די יידן פון אנדערע ארישע פעלקער.

דערווייל האט ער גענומען אויף זיך די הייליקע ארבעט גאר אין תהלים. ווייטער, אויב היטלער וועט העלפן, וועט ער „אויסרייניקן" און איבערפיקסן אויך די גאנצע ביבל.

אין בוך פון פאול די דאגלאס ווערט באשריבן דער איזעען קאמף אויפן רעליגיעזן געביט אין דייטשלאנד.

די רעליגיעזע אומרואיקייט און זוכעניש האט זיך אנגעפאנגען אין דייטשלאנד באלד נאך דער וועלט-מלחמה. עס האט אויסגעוויזן, ווי די דייטשן וואלטן זיך אנטוישט אין גאט. וואס ער האט זיי געלאזט פארלירן די מלחמה. „די עולה פון גאט" איז נאך גרעסער דערמיט, וואס ער האט זיי געלאזט פאר-לירן א מלחמה, וועלכע זיי האבן געוואונען. מען דארף ניט פארגעסן. אז די דייטשן גלויבן נאך עד היום, אז זיי האבן געוואונען די מלחמה נאר אז מען האט זיי באשווינדלט און אפגענארט.

הכלל, דער גאט, וואס האט געמאכט, אז די דייטשן זאלן פארלירן די מלחמה און פארלירן דערצו זייער „נאציאנאלע ערע". קען ניט זיין קיין „גע-רעכטער גאט" און קען שוין דעריבער אויך ניט זיין קיין דייטשער גאט. די דייטשן מוזן דעריבער זוכן אן אנדער גאט, אן אייגענעם דייטשן גאט, וואס שטאמט ארויס פון דעם אייגענעם לאנד און פון דעם ריינעם דייטשן בלוט.

דער ערשטער וואס איז געפאלן אויף דעם דאזיקן געדאנק, איז געווען דער שטארק אנטוישטער גענעראל לודענדארף. דער דאזיקער גענעראל האט געשפילט איינע פון די גרעסטע ראלן אין דער וועלט-מלחמה און ער ווערט באטראכט אלס דער פעאיקסטער מלחמה-פירער, וואס די דייטשן האבן געהאט אויף זייער זייט. דער שענדלעכער ווערסאלער פרידנס-אפמאך האט אים ווילד געמאכט. ער האט געגרינדעט א געזעלשאפט, וועלכע האט זיך געשטעלט צוויי אויפגאבן. ערשטנס, צו באקעמפן דעם פרידנס-אפמאך און צווייטנס, פטור צו ווערן פון דעם פרעמדן יידישן גאט. די יידן זיינען שולדיק אין אלץ. דאס „אָרגאניזירטע יידנטום" מיט דער הילף פון מארקסיזם און די „פרייע מויערער", זוכט צו באהערשן די וועלט. דער ייד זוכט מיט אלע מיטלען צו צווינגען די דייטשן, אז זיי זאלן גלויבן אין דעם יידישן גאט יהוה. די דייטשן מוזן זיך באפרייען פון יידן און פון זייער גאט, די דייטשן זיינען א פרום און רעליגיעז פאלק, אבער זיי דארפן האבן אן אייגענעם גאט, א גאט וואס ליגט אין זייער בלוט, בלוט איז דער עיקר.

דער „טעאָרעטיקער" פון דער דאזיקער באוועגונג איז געווען לודענ-דארפ׳ס פרוי. זי, אליין א מעדיצינער, האט וועגן דעם אנגעשריבן גאנצע פינף ביכער, וווּ זי דערקלערט איר אייגענע און איר מאנס „וועלט-אנשויאונג".

די דאזיקע לודענדארף באוועגונג איז געריכטעט ניט בלויז קעגן יידן און דעם „אלטן טעסטאמענט", נאר אויך קעגן קריסטנטום און דעם „נייען טעסטאמענט". דער נייער טעסטאמענט איז אויך צו יידיש...

א צווייטער, וועלכער פירט אויך אן א מין רעליגיעזע באוועגונג, איז אלפרעד ראזענבערג.

דער דאזיקער ראזענבערג איז אליין געווען א רוסישער אונטערטאן. נאך דער רוסישער רעוואליוציע איז ער אנטלאפן קיין דייטשלאנד, ווו ער איז צוגעשטאנען צו דער לודענדארף-היטלער אידעע.

אויך ער, ווי גענעראל לודענדארף, האלט, אז בלוט איז דער עיקר און אז דאס יידישע בלוט איז פון א נידעריקערן סארט. וואס טאר בשום אופן ניט געמישט ווערן מיט דעם בעסערן בלוט פון די נארדיקס בכלל און פון דייטשן בפרט. אלע גרויסע אויפטואונגען אויף אלע מענטשלעכע געביטן, ווי וויסנשאפט, קונסט און רעליגיע, זיינען געמאכט געווארן פון די נארדיקס.

ווי גענעראל לודענדארף, באקעמפט ער ניט בלויז דעם אלטן, נאר אויך דעם נייען טעסטאמענט. ער מאכט אבער אן אויסנאם מיט יעזוסן. יעזוס האט ווירקלעך געשאפן עטוואס גרויסעס. יעזוס האט געגעבן די אמתע רעליגיע,— די רעליגיע פון דעם בלאנדן איבער-מענטשן. יעזוס איז אבער ניט געווען קיין ייד. ער איז געווען אן עכטער ריין-בלוטיקער ארייער. די בעסטע ראיה אויף דעם איז, וואס אלע קינסטלער האבן אים, יעזוסן געמאלן, ווי א בלאנדן, הויכן, שלאנקן מאן, ווי אן עכטן דייטש...

איז אבער די צרה, וואס די יידישע שרייבער פון דעם נייעם טעסטאמענט האבן יעזוסן קאליע געמאכט. זיי האבן געמאכט פון אים א יידן. זיי האבן אריינגעגאסן אין זיין מויל ווערטער און געדאנקען וואס ער האט קיינמאל ניט געקענט זאגן. דער שטאלצער בלאנדער יעזוס האט ניט געקענט זיין ווי א שקלאף" קיין יידישער משיח „יעזוס", זאגט ראזענבערג „איז געשטארבן ווי א העלד און ווי א העלד.

דער גרינדער פון דעם איצטיקן קריסטנטום, זאגט ראזענבערג, איז דער ייד פאול, וועמען ראזענבערג באצייכנט מיט פאראכטונג אלס „ראבבי". ער האט פארווארפן די שטאלצע לערע פון יעזוסן און האט אנגעפאנגען צו פריידיקן געפאלנקייט און הכנעה. פאר די פויפסטן איז די דאזיקע לערע פון געפאלנקייט געווען ווי אנגעמאסטן, ווייל אויף אזא ארט האבן זיי געקענט פארכאפן די וועלטלעכע מאכט אויך. האבן זיי די, פויפסטן, די קאטוילישע קירך, פארווארפן יעזוסן און אנגענומען פאולן.

דעריבער: צוריק צו יעזוסן—צום בלאנדן, ארישן יעזוס!

די „פאלקישע“ רעליגיעזע באוועגונג איז אין פיל פונקטן ענלעך אויף ראזענבערגס תורה. דער פירער פון דער דאזיקער באוועגונג איז א געוויסער דאקטאר קראאון, ווער האלט זיך פאר א קריסט, גלויבט אין יעזוסן און אין דעם נייעם טעסטאמענט, אבער ער האלט, אז ניט בלויז דער אלטער טעסטאמענט, נאר אויך דער נייער דארף געריייניקט און רעווידירט ווערן. זיי דארפן ביידע רעווידירט ווערן אין דעם גייסט פון דעם דייטשן פאלק, וואס זאל זיין אין הסכם מיט דעם דייטשן בלוט. „דאס קריסטנטום מוז געלייטערט ווערן דורך דעם דייטשן בלוט“. „איין פאלק, איין רייך, איין גלויבן“. „דינסט צום פאלק, איז דינסט צו גאט“.

פון א פיל גרעסערער באדייטונג ווי די אלע אויבנדערמאנטע באוועגונגען, איז די באוועגונג פון די „דייטשע קריסטן“, וועלכע איז ווייניקער „ראדיקאל“, ווי די „פאלקישע“ באוועגונג בנוגע דעם אלטן און דעם נייעם טעסטאמענט, אבער קומט זיך מיט איר צוזאמען בנוגע די ריייניקייט פון בלוט, אויך זיי, די „דייטשע קריסטן“, האלטן, אז דאס וויכטיקסטע איז די רייינקייט פון בלוט. פון דער דאזיקער באוועגונג איז ארויסגעוואקסן די „נאציאנאלע קירך“, וואס ווערט אנערקענט פון היטלערן אליין.

די נאציס האבן פון אנהייב געוואלט די גאנצע פראטעסטאנטישע קירך „גלייכשאלטן“ ווען מען האט אבער קעגן ווילן פון די פרומע פראטעסטאנטן נאמינירט מילערן אלס א רייכס-בישאף האט די אפאזיציע געשאפן דעם „ספארער גאטבונד“ צו וועלכע ס'זיינען צוגעשטאנען טויזנטער פראטעסטאנטישע גלחים. נאך לאנגע ביטערע קאמפן האט היטלער זיך איבערצייגט, אז ער וועט קיין נייע רעליגיע ניט אריינברענגען אין דייטשלאנד.

דעם 20-טן ליפיעץ 1933 איז אונטערגעשריבן געווארן א קאנקארדאט צווישן היטלערן מיט פויפסט אין רוים און דעם 11-טן „ווזשעשין“ דעם זעלבן יאר איז דער קאנקארדאט ראטיפיצירט געווארן. היטלער האט זיך געמוזט פארפליכטן צו האלטן זיך קארעקט צו די קאטאליקן אין דייטשלאנד. וואס אנבאלאנגט די טעאריעס פון ראזענבערג Der Mythas des 20 Jarhunderts און פון בערגמאן Di deutsche Natonalkirche זיינען זיי דאך לויט א דעקרעט פון וואטיקאן ארויסגענומען געווארן אויפן אינדעקס.

באלד נאכן אונטערשרייבן פון קאנקארדאט האט זיך ארויסגעוויזן, אז דער שלום צווישן דער קאטוילישער קירך מיטן היטלעריזם איז בלויז אויפן פאפיר. די היטלער רעגירונג האט געגעבן פריי די מעגלעכקייט צו פראפאגאנדירן די נייע רעליגיעזע אידעען און די קאטאליקן האבן זיך שטארק געווערט.

פון 1933 ביז 1936 זיינען פארגעקומען א צאל רייבונגען צווישן

דער [illegible]שער און קאטוילישער קירך. אוי ניט בלויז די קאטוילן זיינען גע-
ווען ניט צופרידן מיט ראזענבערגס נייע תורה, נאר אויך די ליוטעראנען
האבן זיך געשפאלטן און טויזנטער עוואנגעלישע גלחים האבן זיך געשטעלט
אנטקעגן דעם בישאף מילער, וועלכער ס'איז באשטימט געווארן דורך
היטלערן אליין.

די מוטיקע פראטעסטאנטישע פירער האבן אריינגעטראגן א מעמאראנדום
און האבן פראטעסטירט קעגן היטלערס קירכן פאליטיק. ניט ווייניק פריסטער
זיינען ארעסטירט געווארן, אבער זיי האבן מוטיק געזאגט דעם אמת אין די
אויגן די ביירישע פראטעסטאנטישע קירכע האט ארויסגעלאזן א שארפע
פראקלאמאציע מיט א פראטעסט קעגן אראפזעצן דעם ביירישן בישאף האנס
מאיסער און ארויפזעצן דעם רייכס-בישאף לודוויג מיללער. דער בערלינער
פריסטער ניעמאלער איז שארף ארויסגעטראטן קעגן פארוואנדלען די עוואנ-
געלישע קירך אין א געווער פון נאצי פאליטיק. די נאצי רעגירונג איז גע-
צוווּנגען געווען צו באזייטיקן דעם בישאף מיללער. די נאצי רעגירונג, וועל-
כע ס'איז געווען אומבאגרעניצט אין איר מאכט, איז געבליבן אומבאהאלפן
אין איר קאמף קעגן רעליגיע אין Dahlem האט דאס פאלק פארשלאסן די
קירך און ניט אריינגעלאזן דעם ניי באשטימטן פאסטאר דורך מיללערן און
דערנאך האט דער באזייטיקטער פאסטאר דורך מיללערן געפריידיקט אין
קירך און געזאגט צווישן אנדערע: „די וועלטלעכע מאכט וויל מאכן פון אונ-
גלויבן א געהארכזאמען וואקאל מיר מוזן זיך ווערן קעגן דעם. אויב בלוט און
ערד וועלן ווערן די העכסטע דאגמאטן, וועט עס זיין אן ענד פון קריסטלעכן
גלויבן". צווישן די פיל פראטעסטאנטישע גלחים איז געווארפן געווארן די מאַ-
סאַ, אז בעסער דער רוימישער פויפסט איידער דער בערלינער ביסקופ מיללער.

די קאטוילישע גייסטליכע האבן נאך מוטיקער רעוואלטירט האבנדיק
הינטער זיך דעם וואטיקאן. דער קארדינאל פאולהאבער האט געהאלטן פינף
דרשות פון בימה פון דער קאטעדרע פון „הייליקן מיכאל" און מאנהיים. זיינע
דרשות זיינען ארויסגעגעבן געווארן אין א בראשור. וועלכע ס'איז שטארק
פארשפרייט געווארן דער קארדינאל האט גערעדט וועגן קריסטנטום אין אלטן
טעסטאמענט און וועגן „דייטשעסן-קריסטנטום" און ער האט שטארק קריטיקירט
די ראסן טעאריע. דער „פעלקישער באאבאכטער" איז שטארק ברוגז געווארן
אויפן קארדינאל פאר די ווערטער: „ניט אויף דעם האט אונז גאט געהאלפן
צו באפרייען זיך פון דער רוסישער געצנדינערייַ, אז מיר זאלן איצטער ארייַנ-
פאלן אין דער דייטשעסער געצנדינעריי". דער פרייבורגער ארציביסקופ גרא-
בער און דער בערלינער ביסקופ בארעס האבן גערעדט וועגן די געפארן

יואס ווראען דער רעליגיע און האבן פראטעסטירט קעגן די דייטשעסע „אנטי-קריסטלעכע ליטעראטור“ און האבן גערופן איינהאלטן זיך בא דעם אלטן גלויבן. נאך דעם איז ראזענבערג ארויסגעטראטן אין „פאלקיסן-באאבאכטער“ מיט דראאונגען. באלד זיינען געקומען ידיעות, אז דער פויפסט אין רוים האט זיך אנטזאגט אויפצונעמען פאן-פאפינען, דעם דייטשעסן מלוכה פארשטייער. אין Osserwatora Romano איז פארעפנטליכט געווען אנ׳ארטיקל מיט פאלגנדן איגהאלט: „די דייטשעסע קאטאליקן לעבן איבער שווערע טעג, וועלכע נויטן זיי צו פארטיידיקן די דאגמאטן און עטיק פון קאטאליציזם. די געשאפענע לאגע איז ניט נאר אין קעגנזאץ צו דער דעקלאראציע פון קאנצלער בעת ער האט איבערגענומען די מאכט, וועלכע האט פארשפראכן צו אַכטן די פרייהייט פון גלויבן פון די קאטאליקן, נאר דאס איז אויך אין קעגנזאץ צום אונטערגעשריבענעם קאנקארדאט. די קאמפעטענטע פאקטארן פון וואטיקאן, האבן פון אנפאנג געמיינט, אז די אקציע קענן קירך ווערט געפירט דורך געוויסע באקאנטע אנטיקריסטלעכע עלעמענטן, צווישן וועלכע ס׳טרעט ארויס אויך ראזענבערג, מיינענדיק אבער, אז די דייטשעסע רעגירונג שטייט ווייט פון דער אקציע און אז געוויס ווערט עס דורך איר ניט אינספערירט. איצטער אבער זיינען פארגעקומען נייע צופאלן יואס באווייזן אויף דעם מלוכה כאראקטער פון די פיינדלעכע שטימונגען. דערביי באטאנט די „Osserwatore Romana“ דעם ארויסטריט פון מיניסטער פריצק ווו ער האט געזאגט, אז די קאטוילישע דייטשן מוזן אָננעמען דעם סטעריליזאציע געזעץ אין הסכם מיטן קאנקארדאט. דערביי האט די Osserwatore Romana באצייכנט, אז ס׳איז א יורידישער און עטישער אבסורד, צו פאדערן, אז דער קלויסטער זאל ווערן א געצייג בא דער מלוכה אין באציאונג צו א געזעץ, וואס ער קען ניט טאלערירן“.

בעת ראזענבערג האט געוואלט האלטן א פארטראג אין מאנאסטיר האט דער ביסקופ אורליך גאלענא נעבעטן דער אדמיניסטראטיווער מאכט וועגן אפרופן דעם פארטראג. דער אינערן מיניסטער פריצק און ראזענבערג האבן געטאדלט דעם בריוו פון ביסקופ. שפעטער בא א רעליגיעזער פראצעסיע האבן דערפאר אנטייל גענומען צענדליקער טויזנט קאטאליקן אלס פראטעסט אויסדרוק.

די רעגירונג פון איר זייט האט געגעבן צו וויסן וועגן פאראגראף 130 פון דייטשעסן שטראף-קאדעקס — וועגן א שטראף פון ביז צוויי יאר פאר לייענען אין קלויסטער דעקלאראציעס אדער אין שריפט, פארשפרייטן זאכן וואס איז קעגן די אינטערעסן פון דער מלוכה.

לסוף אבער האט היטלערס רעגירונג ניט געקענט געבן זיך קיין עצה און ניט בלויז אים האט זיך ניט איינגעגעבן אריינצופירן א נייע רעליגיע אין דייטשלאנד, נאר ער איז געניים געווען ארויסצוגעבן א באפעל צו אלע היט-לעריסטן און האט זיי געלאזן וויסן, אז זיי זאלן אויפהערן זייערע אטאקעס אויף די קאטאליקן, ווייל דאס שמעקט מיט געפאר. היטלער האט געוואלט נאכמאכן געשיכטע און אלס פירער פון א נייער באוועגונג האט ער געוואלט ווערן א פירער פון א נייער רעליגיע, אבער דאס האט זיך אים לגמרי ניט איינגעגעבן. ווייל קיין פאליטיקער און קיין דיקטאטאר איז ניט בכח צו פאר-גוואלדיקן דעם רעליגיעזן געוויסן. וועלנדיק ארויסווארפן פון אלטן און נייען טעסטאמענט אלץ וואס שמעקט מיט יידן, האבן זיי אונטערגעשניטן דעם שורש אויף וועלכן זיי זיינען געזעסן.ביידע טעסטאמענטן ווערן אנערקענט פון זייערע מאמינים אלס געטלעכע אנטפלעקונג און אין מאמענט ויען א מענטש-לעכע האנט רירט עס אן און שניידט עס, פארלירט עס די נביאישע בא-באדייטונג. קיין שפאגל נייע אמונות איז קיינער ניט בכח צו מאכן.

ראזענבערגס און לודענדארפס רעליגיע האט בכלל ניט געהאט קיין רע-ליגיעזע ווירדע, ווייל איר האט געפעלט דער עיקר וואס יעדער רעליגיע מוז פארמעגן: דאס איז „ליבע צו אלע מענטשן", „ליב האבן דעם צווייטן ווי זיך אליין". אויב שפעטער האבן מענטשן אָט די רעליגיעזע יסודות פארגוואל-דיקט איז אבער אין טעאריע ניטא קיין איין רעליגיע וואס זאל ניט האבן איר פראגראם אָט די מאראל לערע. די היטלעריסטישע רעליגיע איז אפילו אין איר טעאריע געבויט אויף ראסן-טעאריע, שאוויניזם און מלחמה-דראנג. דערפאר איז עס געווען בלויז א קאריקאטור און ניט קיין רעליגיע.

בעת מיר שרייבן אונזער ארבעט איז נאך ניט באוווסט ענטגילטיק מיט וואס ס'וועלן זיך ענדיקן די דיסהארמאניעס צווישן היטלערס נייע רעליגיע מיט די אלטע רעליגיעס. דאס איז נאך א ענין פארן קומנדן היסטאריקער. מיר האבן זיך באנוגנט לעת עתה מיט דעם סאציאלאגישן אנאַליז פון די געשע-ענישן וואס זיינען אונז באקאנט.

רעליגיע און סאציאליזם

אין משך פון יארטויזנטער זיינען רעליגיע מיט סאציאליזם געגאנגען האנט בא האנט אונטער איין פאָן פון ליבע און סאציאלע גערעכטיקייט. אויף אזוי פיל זיינען זיי געבינדן געווען, אז ס'איז פשוט אוממעגלעך אנצושרייבן א געשיכטע פון רעליגיע נישט שרייבנדיק איינצייטיק די געשיכטע פון די סאציאלע שטרעמונגען צו גערעכטיקייט, דאס אלץ איז געשען כל זמן דער סאציאליזם האט זיך נישט פארמירט זעלבשטענדיק אלס פרעטענדענט אויף דער פאליטישער מאכט.

אין XIX יר"ה בעת דער פראלעטאריאט האט אנגעפאנגען גיין צו דער מאכט און שטרעבן צו א דיקטאטור פון פראלעטאריאט, דאן איז געקומען צו א ריס צווישן רעליגיע און מארקסיסטישן סאציאליזם.

דער פראלעטאריאט האט זיך איבערצייגט, אז די אויטאריטעטן פון די מלכים און קאפיטאליסטישע פירער מיטן אויטאריטעט פון דער אונטערשטיצער קירך דורך דער מלוכה זיינען פאראייניקט און געבינדן. דער מארקסיזם האט געווארפן דעם לאזונג: „אום צו באזיגן די פעסטונג פון דער רעאקציע מוז פריער איינגעווארפן ווערן די באפעסטיקונגען פון דער רעליגיע, וועלכע שטיצט דער דערמאנטער רעאקציע". היסטאריש איז עס קיין נייס נישט. אזוי איז עס געשען צו יעדער פאל, ווען איין סאציאלע ארדנונג פלעגט געשטיצט ווערן דורך א צווייטער. אזוי איז עס געווען בעת דער פעאדאליזם האט זיך אויפגעהויבן איבערן „קנעכטשאפט-פעריאד" און אזוי איז עס געווען בעת דער קאפיטאליזם האט פארטריבן דעם פעאדאליזם. פון אנפאנג פלעגט די נייע סאציאלע באוועגונג ברענגען צוזאמען מיט איר נייער סאציאלער וועלטאנשויאונג א כפירה אויף דער עקזיסטירנדער רעליגיע וואס האט טאלערירט די געגעבענע סאציאלע לעבנס באדינגונגען. באלד טאקע פלעגט אבער די נייע סאציאלע באוועגונג צופאסן זיך צו רעליגיע און רעליגיע פלעגט זיך צופאסן צו דער נ"ער סאציאלער וועלטאנשויאונג. דער בונט פון רעליגיע מיטן לעבן פלעגט היסטאריש נויטווענדיק באנייט ווערן.

דער מארקסיזם אין זיין אנקומען האט זיך איבערצייגט, אז די הערשנדע רעליגיעס פון די קאפיטאליסטישע לענדער, איז די אייזערנע וואנט, וואס וועט נישט דערלאזן דעם מארקסיזם צו קומען צו דער מאכט.

מארקס מיט זיינע אידעען-חברים האבן געווארפן די אטעאיסטישע לאזונג: „אטעאיזם און פארניכטונג פון דער רעאקציאנערער מלוכה". די געדאנקען באהערשן די מחות פון די מאדערנע מארקסיסטן, וועלכע פירן עד

היום אנטי-רעליגיעזע פראפאגאנדע. אויב דער פעאָדאליזם און קאפיטאליזם אין זייער צייט האבן זיך גיך צוגעפאסט צו רעליגיע, איז דער מארקסיזם געבליבן שטעקן עד-היום אין דער אנטיטעזע און האט זיך ניט צוגעפאסט צו רעליגיע. אין משך פון דורות פלעגן זיך צופאסן די וועלטאנשויאונגען פון לעבן און פון רעליגיע. בא היינטיקן טאג איז דאס לעבן אוועק זעלבשטענדיק און דער מאדערנער מענטש מיטן פרייען געדאנק איז אפגעטראטן פון דער מסורה און טראדיציע. די רעליגיע מיט איר וועלטאנשויאונג האט זיך ניט צוגעפאסט צום מאדערנעם לעבן אזוי ארום הערשט א דיסהארמאניע. דער צושטאנד באפרייט אבער ניט דער מאדערנער געזעלשאפט פון רעליגיע דרינגט אריין אומעטום לויט איר מסורה און אלטער טראדיציע. ביז רעליגיע וועט זיך אויפהויבן איבערן היינטיקן ארט לעבן און דענקען עקזיסטירט אלס פאקטאר די אלטע רעליגיע מיט אירע אלטע באגריפן.

די גרויסע רוסישע רעוואליוציע האט צושמעטערט דאס אלטע ארט לעבן. דער צאריזם, דער קאפיטאליזם, די אלטע הערשאפט איז אפגעמעקט געווארן. אויף די חורבות פון אלטן ארט לעבן איז געבויט געווארן א נייער לעבן מיט נייע רעכט באגריפן, מיט א נייער קלאסן מאראל. איינצייטיק איז געבליבן עקזיסטירן די אלטע קירך מיט אירע מאמינים, וועלכע ס׳האט דורכגעמאכט א שווערסטן קריזיס אין רוסלאנד. די גאנצע אנטירעליגיעזע פראפאגאנדע מיטן גאנצן קאמף קעגן רעליגיע מצד דער ראטן-מאכט און מצד דער קאמוניסטישער הערשנדער פארטיי, האבן ניט געקענט פארניכטן רעליגיע לגמרי. די נייע סאוועטישע קאנסטיטוציע פון 1936 יאר, וועלכע ס׳איז רעדאגירט דורך סטאלינען מיט זיינע נאענטע האט געמוזט געבן אין א ברייטער מאס רעליגיעזע פרייהייט פון געוויסן.

די אנטירעליגיעזע פראפאגאנדע איז אויך פריי אין רוסלאנד. די דערמאנטע פראפאגאנדע האט אבער פארלארן איר רייץ און גלאנץ. די רעגירונג פון איר זייט האט אויפגעהערט שטיצן דער אנטירעליגיעזער פראפאגאנדע און אלס פריוואט ענין פארלירט עס וואס ווייטער איר ווירדע.

ס׳איז ניט אויסגעשלאסן, אז די סאוועטישע רעגירונג וואלט גערן וועלן געפינען א פלאטפארם צו קענען האבן דער רעליגיע נוצליך פאר דער רעגירונג.

די קאמוניסטן אין אמעריקע און אין פראנקרייך זיינען אין נאענטע פריינטשאפט מיט די גייסטלעכע פון פארשיידענע רעליגיעס און זיי טראכטן ניט וועגן אזא זאך ווי אנטירעליגיעזע פראפאגאנדע און קאמף קעגן רעליגיע.

דער געווארפענער לאזונג פון צווייטן העלפט פון XIX יר״ה: „אטעאיזם און פארניכטונג פון דער מלוכה״ איז אקטועל געוועזן דאן בעת דער סאציא-

ליזם איז געשטאנען אין אפאזיצ׳ע צו דער מלוכה. בא היינטיקן טאג בעת אין פיל לענדער זיינען סאציאליסטן בא דער מלוכה מאכט איז אזא מאטא שוין ניט אקטועל.

ביז היינטיקן טאג זיינען נאך אבער ניטא די פאקטארן וואס ס׳זאלן שאפן אנ׳איינהייטלעכע אידעאלאגיע בא די סאציאליסטן מיט די גייסטלעכע.

די סאציאל דעמאקראטיע האט לכתחילה ניט באקעמפט רעליגיע און געפאדערט אפטיילן די רעליגיע פון מלוכה-לעבן דערקלערנדיק רעליגיע אלס „א פריוואט זאך". דער רעוואליוציאנערער מארקסיזם האט אקארשט געטאדלט רעליגיע אלס חושך אומוויסנהייט, אבערגלויבן און אויסטראכטעניש פון די הערשנדע קלאסן און אויף קיין אופן וואלט ער היינט ניט קענען קומען צו די זעלבע מאסן און רופן איר צו א שלום מיט דער זעלבער רעליגיע. דער עיקר איז דאס, וואס ביז היינטיקן טאג איז נאך ניט געקומען דער גרויסער מארערנער רעליגיעזער רעפארמאטאר, וועלכער ס׳זאל אידעאלאגיש באגרינדן די רעהאביליטאציע פון רעליגיע אין ליכט פון סאציאליזם.

אין מאמענט פון דער אנטירעליגיעזער קאמפאניע, אין מאמענט פון קאמף קעגן רעליגיע, זיינען די ברייטע מאסן ניט צוגעגרייט געווען צו א שלום מיט דער קירך. בעת אבער דער פעריאד פון אנטירעליגיעזן קאמף גייט פארביי און ס׳קומט א בארואיקונג, בעת די בענקעניש פון מענטש נאך רעליגיע פארכאפט ווידער מיליאנען מענטשן, ווערט פאמעלעך די ברייטע מאסע צוגעגרייט צוצופאסן רעליגיע צום סאציאליזם און סאציאליזם צו רעליגיע.

אום צו קענען פארשטיין די צוקונפט איז וויכטיק אריינצוקוקן אין עבר. די געשיכטע איז א שפיגל פון לעבן. צוקוקנדיק זיך גוט צום עבר ווערט ליכטיקער די וועג פון צוקונפט. און אָט זאלן מיר זען וואס דערציילט אונז די געשיכטע וועגן רעליגיע און סאציאליזם.

אויב די געשיכטע ווייס פון אמתע קאמוניסטישע עקספערימענטן און פון א אידעאלן מענטשלעכן צוזאמענלעבן, איז עס געווען בלויז אין בונד מיט רעליגיע. אין אונזער עפאכע פון עגאאיסטישן קאמף פאר בעסערע באדינגונגען פאר יחיד איז קיין קאמוניזם ניטא. אפילו די גרויסע רוסישע רעוואליוציע, וועלכע ס׳האט אין פעריאד פון די האניק-טעג פון דער דאמאנטישער רעוואליוציאנערישקייט געשטרעבט אויסצוגלייכן אלע בירגער און זייער פארמעגן און צוזאמענלעבן, האט זיך געמוזט איבערצייגן, אז די היינטיקע געזעלשאפט איז נאך צו עגאאיסטיש און איז ניט פסיכאלאגיש פעאיק צום ווירקלעכן קאמוניזם. אויב דער מארקסיזם האט אויסגעלאכט דעם קריסטלעכן און איסיים קאמוניזם אלס בעטלערישן קאמוניזם, האט ער זיך אבער איבערצייגט,

אז אום צו פארווירקלעכן א קאמוניסטישן צוזאמענלעבן איז דאך נייטיק א הייכער אידעאליזם וואס נאר רעליגיע האט געקענט באגייסטערן מענטשן צו אזא ארט לעבן. ביז היינטיקן טאג האט די וועלט געשיכטע באשטעטיקט, אז די וועג צום ווירקלעכן סאציאליזם און קאמוניזם איז ניט דורכן ביקס און שווערד, ניט דורך דיקטאטור און גוואלטאטן, נאר דורך א הייכן אידעאליזם, וואס איז אויסגעטאן פון גאוה, תאוה, קנאה, שנאה און מאכטגייציקייט. א געזעלשאפט וואס פארמעגט מאכטהאבער, דיקטאטארן און פריוויליעגירטע באמטע, זיי קענען זיך אפילו אָנרופן מארקסיסטן, קען ניט פארווירקלעכן קיין אמתן קאמוניזם.

די וואס זאגן, אז א העכערער פראלעטארישער באוווסטזיין און העכערער קולטור פראגרעס זיינען בכח צו ברענגען דעם קאמוניזם, האבן ניט מיט וואס צו באשטעטיקן זייערע ווערטער. די געשיכטע ווייס לגמרי ניט פון א „וועלטלעכן-קאמוניזם" אין פאלקאמען זין פון ארט.

די וועלט געשיכטע ווייס יע צו ד'ערציילן פון אמתן קאמוניסטישן צוזאמענלעבן, נאר אין די פאלן, יוען די געמיינדע איז געוועזן אסקעטיש רעליגיעז, אויסגעטאן פון קנאה שנאה און ווייט פון גאוה תאוה און ווייט פון וועלכע ס'איז טענדענצן צו הערשן, געניסן פון דער מאכט אלס פריוויליעגירטער רעגירער, אדער סתם געניסן פון פרעמדע פראצע.

דער מאדערנער מארקסיזם רופט אָן יטנעם מין קאמוניזם אלס נאאיוון און פרימיטיוון, נאר דער אמת איז שטענדיק נאאיוו אומשולדיק און איז טאקע פרימיטיוו און פריי פון מענטשלעכע כיטרע הערשער, וועלכע ס'פארריידן און פארטומלען מיט פיינע פראזן און איינצייטיק שאפן זיי א ווירקלעכקייט פון אומגלייכהייט, א געזעלשאפט פון הערשער און באהערשטע, כאטש די געניסער פון פריוויליעגיעס און פון פרעמדע פראצע זאלן זיך אנרופן „מאדערנע - מארקסיסטן".

פונקט ווי פלאטאנס אידעאלער קאמוניסטישער שטאַט האט זיך ניט געקענט אויפהויבן צום קאמוניסטישן הויך, ווייל פאקטיש האבן געדארפט די קאמונארן פון פלאטאנס שטאַט זיין א שטארקע מיליטער גרופע, וועלכע ס'זאלן לעבן געמיינזאם אויף דער פראצע פון די קנעכט... וועלכע ס'האבן געדארפט ארבעטן פאר פלאטאנס קאמונארן... אזוי קען ניט באצייכנט ווערן אלס קאמוניסטישע אזא געזעלשאפט, וועלכע ס'זאל זיך אנרופן „מארקסיסטיש-קאמוניסטישע" און צווישן איר זאלן זיין פריוויליעגירטע פון העכערע באאמטע מיט א בעסערן לעבן און נידעריקערע מיט א נידעריקן ארט לעבן. ניט וויכטיק איז דער נאָמען וואס מען גיט זיך, נאר דער פאקטישער צושטאנד.

דער היסטאריקער צעללער אין זיין בוך „די פילאזאפיע דער גריכן", דערציילט, אז אין גריכנלאנד איז שוין יע געווען א געמיינדע, וואס האט ווירקליך געלעבט געמיינשאפטלעך קאמוניסטיש. דאס זיינען געווען די פיטא-גאריסטן, וועלכע ס'האבן זיך גערעכנט אלס הייליק געטלעך געמיינדע, זיינען געווען פאלקאם צוריקגעהאלטן, האבן געטראגן לייוונטענע בגדים און האבן געלעבט קאמוניסטיש באשיידן. די יידישע געשיכטע דערציילט פון א יידישער אמת קאמוניסטישער געמיינדע דאס זיינען געווען די איסיים, וועלכע ס'האבן געלעבט באשיידן ווי הייליקע. זיי פלעגן זיך טובלען אין טייך צוליב רעליגיעזער הייליקייט, האבן געארבעט צוזאמען געמיינשאפטלעך און האבן געהאט א באמת שותפישע געמיינזאמע קאסע. זיי זיינען געווען אנגעטאן ריין און באשיידן און דאס גאנצע לעבן איז געווען אידעאליסטיש רעליגיעז. יעדער מאל עסן איז געווען א הייליקע סעודת מצוה. יעדער פארטאג און אוונט פלעגן פארקומען געמיינזאמע תפילות. קיינער פון זיי איז נית געווען גייציק נאך מאכט און לעבנס פארגעניגנס. זיי האבן קיין אנטייל גענומען אין קיינע נאציאנאלע און סאציאלע מלחמות און זיינען געווען ווייט פון לעבנס קאמף. אלע ארום האבן דרך ארץ געהאט פאר די מענטשן פון ארבעט וואס געניסן פון זייער ארנטלעכער פראצע און פארלאנגען קיינעמס גארנישט.

ענלעך צו די „איסיים-קאמוניסטן" זיינען אויך געווען די ערשטע קריסט-לעכע אידעאלע געמיינדעס, וועלכע ס'האבן געארבעט שווער, קיינעמס נית פארלאנגט, נישט געשטרעבט צו מאכט און הערשונג. נאר זיי האבן געלעבט ווי א הייליקע געמיינדע, וועלכע ס'איז ווייט געווען פון גאוה, תאוה און האט נית געליטן פון קנאה, שנאה און זייער קאמוניזם איז געווען אנגעשפארט אויף א הויכן אידעאלן רעליגיעזן עקסטאז.

אט ווענגן דעם מין אפאסטאלישן קריסטלעכן קאמוניזם האט געזאגט יאהאן כריזאסטאס (געב. 347): „און אויף זיי אלעמען האט די גרויסע ברכה גערוט, עס איז צווישן זיי נית געווען קיין נויטבאדערפטיקער. דאס האט זיך גענומען דערפון, וואס קיינער האט קיין זאך וואס ער פארמאגט נית אנגע-רופן „זיינס", אלץ איז ביי זיי געווען געמיינשאפטליך".

אין 4-טן יר"ה האט געזאגט „וואסיל דער הייליקער": „ווי אזוי וועט איר זיך רעכטפארטיקן קעגן דעם אייביקן ריכטער? איר וועט זאגן: בין איך דען נית גערעכט איבערלאזנדיק פאר זיך בלויז דאס וואס איז מיין אייגנטום? אבער איך פרעג אייך, וואס רופט איר אן אייער אייגנטום? ווער האט עס אייך געגעבן. איר האנדלט פונקט ווי א מענטש וואס פארכאפט אין א טע-אטער אלע ערטער כדי נית צו אריינלאזן אנדערע, צונעמענדיק פאר זיך דאס

וואס געהערט גאָר אַלעמען ווי אזוי דען ווערן רייך די רייכע. אויב ניט דורך דעם וואס זיי נעמען צו זאכן וואס געהערט צו אלעמען? ווען יעדער איינער וואלט גענומען בלויז דאס וואס אים איז נייטיק צום לעבן, און וואלט דאס איבעריקע פאר אנדערע איבערגעלאזן, דאן וואלטן ניט זיין ניט רייך און ניט אָרים".

אין 6-טן יר"ה האט געזאגט „גריגאראס דער גרויסער": „ניט אָפנעמען ביים צווייטן זיין אייגנטום איז נאך ווייניק; קיינער קען זיך ניט האלטן פאר אומשולדיק אזוי לאנג ווי ער באהאלט פאר זיך גיטער, וואס גאט האט באַשטימט פאר אלעמען. ווער עס גיט ניט דעם צווייטן דאס וואס ער פארמאגט, יענער איז א מערדער, ער האט פאר זיך איבערגעלאזן דאס, וואס ס'וואלט געקענט דינען פאר דער אויפהאלטונג פון די ארימע, דערפאר קען מען ווענן אזעלכע מענטשן זאגן, אז ער הרגט אלע טאג אזוי פיל מענטשן. וויפל עס וואלטן געקאנט לעבן אויף דעם איבערפלוס פון זיין גוטס. טיילנדיק זיך מיט די ארימע, גיבן מיר זיי ניט אונזער אייגנטום, נאר דאס וואס געהערט צו זיי; ניט קיין צדקה גיבן מיר, נאר מיר צאלן א חוב".

אזוי האבן געפריידיקט די ערשטע קריסטן, וואס שפעטער אבער דאס קריסטנטום איז געווארן פארשפרייטער און האט באקומען מאכט און הערשאפט, האט זיך אויסגעוועבט אָט דער מין פרימיטיווער אידעאלער קאמוניזם און פון מאמענט, וואס די מאכט און פאליטיק איז אריינגעקומען אין קירך איז פארשוווּנדן דער אידעאלער קאמוניזם.

שפעטער איז פארשוווּנדן דער אידעאלער צוזאמענלעבן אין מאנאסטיר און די מאנאסטיר קאמונעס זיינען פאקטיש געווארן אויס קאמונעס אין מאמענט, וואס זיי האבן אנגעפאנגען שטרעבן צו עשירות און מאכט. די מאנאכן און מאנאשקעס האבן אליין אויפגעהערט צו ארבעטן און אנשטאט זיין אליין פראדוקטיוו האבן זיי זיך גענומען פארנעמען מיט געניסן פון פרעמדע פראצע. דער אור-קריסטלעכער קאמוניזם איז געווען א קאמוניזם פון אנטזאגן זיך, א קאמוניזם פון רעליגיעזער באשיידנקייט און ער איז פארשוווּנדן מיטן מאמענט, ווי די אנטשיידנקייט איז אנטרונען און די גייציקייט האט פארנומען דעם אָרט פון באשיידנקייט. אין מיטלאלטער איז שוין דער קריסטלעכער קאמוניזם אוועק פון אפאליטישן אסקעטישן קאמוניזם און האט שוין אנגעפאנגען ווערן פאליטיש קעמפעריש. א געמיש פון קריסטלעכער עטיק מיט א שטרעבונג צו פאליטישע מאכט דאס זיינען געווען די אָן א צאל קריסטלעכע בריידערשאפטן. קארל קאאוטסקי אין זיין געשיכטע פון סאציאליסטישן געדאנק באקאנט אונז מיט אט די אלע רעליגיעזע סאציאלע שטרעמונגען:

וועגן די קאמוניסטישע געזעלשאפטן פון די בערגארדן און נידערלאנדן ביים סוף פון XII-טן און אנפאנג XIII-טן יר״ה דערציילט דאמהודער: „אין שטאט ברוינע זיינען געווען דרייצן מענער אומפארהייראטע וועבער, וואס האבן פלייסיק געשטרעבט צו א פרום און ברודערליך לעבן. זיי האבן געדונגען ביים אבבאט ערהוט'ן א שטיקל לאנד מיט א גרויס באקוועם הויז נעבן דער שטאט-וואנט. געצאלט האבן זיי דערפאר יערלעך זעקס פונט גראשן „ליבריס גראסארום" און א באשטימטן סכום וואקס און פעפער. אינגיכן האבן זיי דארט אנגעפאנגען זיך באשעפטיקן מיט זייער וועבעריי און לעבן אין א געמיינזאמער באלעבאטישקייט, וועלכע האט זיך געפירט אויפן רעכענונג פון הכנסה פון די אלגעמיינע ארבעט (עקס קאממוניבוס לאבאריבוס סימול קאנוויווערע קאעפערוס). קיין שטרענגע רעגעלן האבן זיי ניט געהאט, קיין שום שבועות האבן זיי ניט געבונדן. זיי פלעגן נאר טראגן ענלעכע קליידער פון א ברוינעם קאליר און צוזאמענגעשטעלט א פרומע געזעלשאפט, אין וועלכער עס האט געהערשט קריסטליכע פרייהייט און ברידערליכקייט. זיי פלעגן זיך רופן „ברידער וועבער".

אין אנדערע ערטער זיינען די ווירטשאפטן פון די בעגארדן געבויט געווען פונקט אזוי ווי אין ברויגע. און יעדער פון זיי, אויף וויפל דאס האט נאר געפאדערט דער ווילזיין פון דער געזעלשאפט, האט געהערשט דער קאמוניזם. נאר, א חוץ דעם, האט יעדער מיטגליד געקענט באזיצן א געוויסן פריוואטן אייגנטום, וואס ער האט אליין פארדינט, אדער געקראגן בירושה, אדער במתנה. ביים לעבן האט ער דאס געקענט נוצן, ווי ער האט געוואלט, נאך זיין טויט אבער איז דאס איבערגעגאנגען אין דעם אייגנטום פון דער געזעלשאפט. דעם גאנצן איבערפלוס וואס איז געבליבן פון זייער הכנסה פלעגן זיי פארברויכן אויף אויסצוהעלפן קראנקע ארימע און אויף גאסטפריינטליכקייט".

„א ענליכע קאמוניסטישע געזעלשאפט האט מיט זיך פארגעשטעלט „די ברידערשאפט פון געמיינשאפטליכן לעבן", וואס איז ענטשטאנען אין נידערלאנדן ביים סוף פון דעם XIV-טן יר״ה. אט די ברודערשאפט איז געגרינדעט געווארן דורך העריהארד גראטט פון דעווענטער. געשאפן געווארן איז זי ניט דורך די האנטווערקער, נאר דורך די פארשטייער פון די העכערע קלאסן, וואס האבן געוואלט העלפן דער נויטליידנדער באפעלקערונג. לויט איר כאראקטער איז זי געווען א סך אנדערש פון די בעגארדישע געזעלשאפטן. די בעגארדן זיינען מייסטנס געווען וועבער, אבער די ברידער פון געמיינשאפטליכן לעבן פלעגן ציען זייער תיונה הויפטזעכליך פון איבער-

שרייבן ביכער.

די בעגארדן פלעגן באנוצן זייער איבערפלוס צו באפרידיקן די מאטע-ריעלע נויטן פון די ארימע, די לעצטע פלעגן אפגעבן זייער פארמעגן פאר גייסטיקע צוועקן און אויפקלערונג צווישן פאלק".

„זייער ארגאניזאציע איז געווען א קאמוניסטישע. די ברידערשאפט איז געווען א פעסט-פאראייניקטע אבער פרייע געזעלשאפט. דער אריינטריט אין קארפאראציע האט זיך ניט אויסגעצייכנט מיט קיין שבועות, וואס בינדן צו אויפן גאנצן לעבן, און בא די ברידער זיינען ניט געווען קיין תקנות, וואס באשטימען יעדער קלייניקייט, ווי ביי די מאנאכן. געוויינלעך פלעגט א ברידערליכע באלעבאטישקייט אזוי איינגעארדנט ווערן: ארום צוואנציק ברידער האבן געלעבט געמיינזאם אין איין הויז, וו זיי האבן געהאט א געמיינזאמע קאסע און געמיינזאמע קעסט. א יאר פארן אנקומען אין דער ברודערשאפט איז מען געווען אויף פראבע. אין משך פון דעם יאר איז מען זיך שטרענג באגאנגען מיט די נייע מיטגלידער. פון יעדן נייעם מיטגליד האט מען דער-ווארטעט, אז ער זאל אפגעבן זיין פארמעגן אין אלגעמיינעם באזיץ".

פלארענצאס (דער פריינט און תלמיד פון הערדהארדן) זאגט אין זיינע אפאריזמען: „וועה צו דעם, ווער, לעבנדיק אין א געמיינדע, זוכט זיינס און זאגט וועגן עפעס — מיינס".

די טעטיקייט פון די ברידער איז געווען פארגינפטיק פארנאנדערגע-טיילט צווישן זיי. באזונדערע מלאכות, באשעפטיקונגען מיט וועלכע מען האט געדארפט דינען אלעמען, האט מען איבערגעגעבן ספעציעלע פערזאנען. אין די סטאטוטן פון די ברידערליכע הייזער אין וועזעל זיינען פאראן תקנות פאר די ברידער שניידער, פריזירער, בעקער, קוכער, קעלער-לייט, פונקט ווי פאר דעם ברודער לערער און שרייבער, דעם ברודער איינבינדער. ביבליאטעקער און פארלעזער. ניט קוקנדיק אויף אזא צוטיילונג פון ארבעט, איז אין איר אויך פארגעקומען א געוויסע אויסגלייכונג. די געלערנטע און גייסטליכע צווישן די ברידער, ווי ווייט דאס איז נאר מעגלעך געווען, פלעגן זיך באשעפטיקן מיט האנט-ארבעט (מיט דער קיך פלעגן אלע פארוואלטן נאך דער ריי). די דינער פלעגן נעמען אן אנטייל כמעט אין אלץ, וואס די גייסטליכע האבן געדארפט טאן, אזוי, אז אין אלגעמיין האבן זיי דערמאנט אין איין פאמיליע, וואס לעבט אין אחדות. די הויפט זאך, וואס האט זיי פאראייניקט, איז געווען דאס איבערשרייבן פון ביכער. אויף שרייבן זיינען אלע טאג באשטימט געווען געוויסע שטונדן, דערביי זיינען עטלעכע שטונדן פארברויכט געווארן צו שרייבן פאר די ארימע.

„די ברידער פון געמיינזאמען לעבן", וועלכע פלעגן ארויסקומען פון די פארמעגלעכע און געבילדעטע קלאסן האבן ניט געפירט קיין קאמף קעגן אווי-טאריטעט פון פויפסט, זייער קאמוניזם איז געווען א רעליגיעז אידעאליסטי-שער און ניט קיין רעוואליוציאנערער.

„די בעגארדן זיינען אין אנפאנג געווען נייטראל בנוגע דעם פויפסטנ-טום און זיינען ניט ארויסגעטראטן קעגן דער עקזיסטירנדער געזעלשאפט און אירע אויטאריטעטן. נאר שפעטער זיינען זיי אריבער פון אידעאלן קאמוניזם צו רעוואליוציאנערן".

„די בעגארדן האבן מיט זיך ניט פארגעשטעלט קיין פריווילעגירטן קלאס. ווי למשל, די מאנאכישע ארדנס. זיי האבן ניט געפאדערט און ניט געקראגן פון פויפסטנטום קיין פריווילעגיעס. זיי האבן זיך קיינמאל ניט אויפגעהויבן העכער פון די באזיצלאזע און זיינען מיט זיי געבליבן אין די נאענטסטע בארירונגען. ווייל זיי האבן ניט געהאט קיין באשטימטע רעגעלן, קיין לעבנסלענגליכע שבועות, יעדער מיטגליד האט געקענט ווען ער האט געוואלט, ארויסטרעטן פון דער געזעלשאפט און חתונה האבן, ניט ווערנדיק דערביי קיין שונא".

דער פויפסטנטום האט זיי אנגעפאנגען באקעמפן אין XIII-טן יר"ה, ווי נאר זיי האבן זיך אנגעפאנגען פארשפרייטן איבער גאנץ דייטשלאנד, פראנק-רייך און ענגלאנד".

גילדבראנד אין זיין „געשיכטע פון דער דייטשישער וואלענאינדוסטרי" יאר בוך 1866 ז. 800. דערציילט, אז די סטאטוטן פון די אולמער וועבער פועלים פון יאר 1404 דערמאנען, מיט זייער שטרענג רעליגיעזער כמעט אסקעטישער ריכטונג, די ברודערשאפטן פון די נידערלאנדישע בערגארדן, וואס זיינען הויפטזעכליך באשטאנען פון טוך וועבער.

„בעת א טייל פון די בעגארדן איז געבליבן א פרומע בעטלער ברודער-שאפט, אינגאנצן אפגעשטאנען צום הבל פון דער אויסערליכער וועלט, האבן ביי אן אנדער טייל אנגעהויבן צו אנטשטיין מער געוואגטע געדאנקען.

„די ברידער און שוועסטער פון פרייען גייסט" האבן זיך באוויזן אין XIII-טן יר"ה. די סעקטע האט געגרינדעט אמאלריך פון בען אין דעם „שארטר דיסטריקט" אין פראנקרייך, וואס איז געווען ארום 1200 א מאגיסטער פון טעאלאגיע אין פאריז. באשולדיקט אין פאלשע דאקטרינען. האט אים דער פויפסט אינאקענטאס דער דריטער, אין יאר 1204 ארויסגערופן קיין רוים און אים געצווונגען זיך אפצוזאגן פון זיינע טעאריעס.

זיין תלמיד איז געווען דאוויד דינאנער.

אין 1306 האט די פאריזער אסיפה מחרים געווען די לערע פון אמאל־ריקין, און פון יענער צייט אָן האבן זיך אנגעפאנגען שטארקע פארפאלגונגען קעגן די אמאלריקאנער.

די קירך האט אבער שטארק באקעמפט די בעגארדן. די זעלבשטענדיקע הייזער פון די בעגארדן זיינען, צום XIII־טן יר'ה פארשוואונדן. זיי זיינען פאר־וואנדלט געווארן אין מאנאסטירן.

אין 1453 האט דער פויפסט ניקאלס דער V אפיציעל זיי אריינגעצויגן אין קירך הערשאפט.

די „לאללארדן" אין ענגלאנד; פון איין זייט די וויקליפער קאפיטאליסטי־שע רעפארמאציע לטובת די פירשטן פון צווייטן זייט די לאללארדן.

„די נארפאלקער גראפשאפט מיט דער הויפט שטאט נארוויטש איז גע־ווארן די היים פון דער סעקטע „לאללארדן".

פון נארוויטש האבן די „ארימע ברידער אדער „די ארימע גלחים" גע־פריידיקט איבער גאנץ ענגלאנד די אלט קריסטליכע פרייהייטן, גלייכהייט און ברידערליכקייט.

זייער דעוויז: „ווו איז געווען דער פריץ בעת אדם האט געאקערט און חוה האט געשפונען?".

זייער הויפט פארשטייער איז געווען דזשאן באלל.

דער היסטאריקער פרואסאר גיט איבער איינע פון דזשאן באללס דרשות: ליבע ברידער, דאס לעבן אין ענגלאנד וועט ניט ווערן בעסער, כל זמן עס וועט ניט איינגעפירט ווערן קיין געמיינזאמקייט פון פארמעגן און כל זמן עס ס'וועלן ניט פארשווינדן פריצים און פאנשטשעוויקעס און די פריצים וועלן שטיין העכער פון אונז.

ווי אזוי באהאנדלען זיי אונז? פארוואס זיינען מיר ביי זיי אין קנעכט־שאפט? אלע שטאמען מיר פון איינע און די זעלבע עלטערן, פון אדם וחוה. מיט וואס קענען אט די הערן באווייזן, אז זיי זיינען בעסער פאר אונז?".

דזשאן באלל, וואט טיילאר און דזשעק סטראאו האבן אנגעפירט מיט דעם פויערים אויפשטאנד אין ענגלאנד אין 1381, וועלכער איז דערשטיקט געווארן דורך ריטשארדן, וועלכער האט צוגעזאגט אלץ די פייערים און שפע־טער קיין זאך ניט מקיים געווען.

אין בעהעמען איז הוס געווען דער פארשטייער פון דער נאציאנאל קאפי־טאליסטישער רעפארמאציע בעת אייזנצייטיק האט עקזיסטירט א לינקערע באַ־וועגונג פון די טאבאריטן.

די קאמוניסטן אין טאבאר: „די קאמוניסטישע פריידיקער פלעגן דער־

קלערן, אז עס איז אנגעקומען די טויזנט יאריקע קעניגרייך פון קריסטוסן; פראג וועט פארברענט ווערן דורכן געטליכן פייער, ווי סדום, נאר די רעכטפארטיקע וועלן ניצול ווערן און געפינען רעטונג אין אנדערע שטעט; קריסטוס וועט דערשיינען אין גלאנץ פון זיין רום און וועט גרינדן א קעניגרייך, וו עס וועלן ניט זיין קיין הארן, קיין דינער, קיין זינד, קיין צרות און ליידן און עס וועט ניט זיין קיין אנדערע געזעצן, א חוץ דעם „געזעץ פון דעם פרייען גייסט". די וואס וועלן לעבן אין יענער צייט וועלן זיך אומקערן צו גן עדן אומשולדיקייט. זיי וועלן מער ניט וויסן פון קיין פיזישן ליידן און באדערפענישן און פאר זייער רעטונג וועלן זיי זיך ניט נייטיקן אין קאמוניאן. אזוינע קאמוניסטישע ארגאניזאציעס האבן זיך געגרינדעט ניט אין דארף נאר אין די שטעט, ווי אין טאבאר. פיסעק און וואדניין די קאמוניסטישע אגיטאטארן האבן באקומען פיל געלט שטיצעס בא דעם רייכן טוך פאבריקאנט און סוחר פיקעל אין 1415 יאר.

לויט ענעאס סילוויוס איז די באפעלקערונג פון טאבאר הויפטזעכליך באשטאנען פון וועבער. אין דעם יאר 1419, אין דער צייט פון דער קורצער רעאקציע. אוגטער ווענצעלן זיינען די אגיטאטארס פארטריבן געווארן פון אוסטי, וו עס האט עקזיסטירט א שטארקע קאטוילישע פארטיי. די פארטריבענע האבן זיך באזעצט ניט ווייט פון דארטן. פאזע דער טייך לוזשניצא, אויף א היפשן בערגל, וועלכער פארמירט א האלב אינזל מיט קרומע משופע ברעגן און פאראייניקט זיך מיט דער יבשה נאר דורך א שמאלן פאס ערד. דעם ארט האבן זיי דערוויילט אלס פעסטונג און עס אנגערופן „דער בארג פון טאבאר" (דעם נאמען גענומען פון אלטן טעסטאמענט). פון אלע זייטן האבן אהער געשטראמט די קאמוניסטן כדי אפציהאלטן אומגעשטערט די פארזאמלונגען. אויף איינער פון די פארזאמלונגען דעם 22-טן יולי 1419, זאגט מען האבן אנטייל גענומען 42 טויזנט מענטשן, וועלכע זיינען געקומען פון גאנץ בעהמען און מוראוויע.

דאס איז געווען א גרויסער רעליגיעז-אידיילישער פאלקס יום טוב, וואס האט דערהויבן די נשמה און דאס הארץ. אלץ פלעגט פארקומען אין פאלקאמער רוהיקייט און ארדנונג. אנטקעגן די קאמפאניעס פון פיליגרימען, וואס האבן געטראגן דעם הייליקן ברייט און פאנען פלעגן ארויסקומען מיט פייערליכקייט און פרייד אויפנאמע. די וועלכע זיינען שוין דארט געווען אלע פלעגן קריגן אן ארט אויפן בארג. אלע וואס זיינען געקומען האבן זיך גערעכנט אלס „ברידער" און שוועסטער"; דער חילוק אין דעם געזעלשאפטלעכן שטאנד האט קיין באדייטונג ניט געהאט. די גלחים פלעגן צוטיילן צווישן זיך די ארבעט.

מען פלעגט פראווען די צערעמאָניע פון קאָמיוניאָן אויף בײדע אופנים. צו דער אַלגעמײנער סעודה פלעגן מען טײלן די שפּײַזן וואָס די געסט האָבן געבראַכט: דאָס וואָס אײניקע האָט געפעלט פלעגט פאַרפולט ווערן דורך דעם איבערפלוס פון אַנדערע. די ברידער און שוועסטער פון באַרג טאַבאָר האָבן ניט אַנערקענט קײן מײַנס און דײַנס. אַזוי ווי די גאַנצע פאַרזאַמלונג איז געווען דורכגעדרונגען מיט רעליגיעזער באַגײַסטערונג, איז די שטרענגע דיס־ציפּלין און מאָראַל ניט געשטערט געוואָרן אין טאַבאָר. וועגן מוזיק, טענץ און שפּילן האָט קײנער ניט געטראַכט. דער סוף פון טאָג איז פאַרגאַנגען אין געשפּרעכן און אין רעדעס מיט דער הילף פון וועלכע מ'האָט געקרעפטיקט אין זיך דעם אחדות, ליבע און געטרײַשאַפט צו דער אידעע פון דעם „הײ־ליקן כוס". לויט פּאַלאַצקי א. צ. III, 1, ז. 417 און ווײַטער.

לויט די דאָקומענטן פון פּראַגער אוניווערסיטעט פון ויכוח דעם 10-טן דעצעמבער 1420.

„אין דער צײַט דאַרף אויף דער ערד ניט זײַן, קײן קעניגן, קײן הער־שער, קײן אונטערטאַנען; די צינזן און אָפּצאָלונגען דאַרפן פאַרניכטעט ווערן. קײנער קען ניט צווינגען צו עפּעס דעם צווײטן, ווײַל אַלע דאַרפן זײַן ברי־דער און שוועסטער".

„פּונקט, ווי אין דער שטאָט טאַבאָר איז ניטאָ קײן מײַנס און דײַנס נאָר אַלץ איז געמײנשאַפטליך און קײנער קאָן גיט האָבן קײן אײגנטום; דער וואָס האָט יאָ אײגנטום, באַגײט אַ טויטליכע זינד".

פאַרווירקליכט האָט זיך דער קאָמוניזם לויט די פאָרמען פון די ערשטע קריסטן, און די פאָרמען וואָס זײַנען פולשטענדיק געווען צוגעפּאַסט צו דעם צושטאַנד פון פּראָדוקציע אין יענער צײַט.

יעדער געמײנדע האָט געהאַט אַ באַזונדערע קאַסע וואָס האָט געהײסן „קופּפע" (קאַדע) וואוהין יעדער פלעגט אָפּגעבן זײַן גאַנצן פאַרמעגן. עס זײַנען באַוווּסט דרײַ אַזעלכע קאַסעס: אין טאַבאָר, אין פּיזעק און וואָדנין. די ברידער און שוועסטער פלעגן פאַרקויפן זײער גאַנצן באַוועגליכן פאַרמעגן, און דאָס געלט פלעגן זײ אַוועקלײגן צו די פיס פון דעם פאַרוואַלטער פון דער קאַסע.

די אַדאַמיטן: „לויט נעאַס סילוויוס, האָבן די אַדאַמיטן געוווינט אויף אײן אינזל פון טײַך לושניצאַ, זײ האָבן געהאַט געמײנשאַפטליכע פרויען. פונדעסטוועגן איז זײ פאַרבאָטן געווען צוזאַמענקומען זיך מיט אַ פרוי אָן הסכם פון עלטסטן, אַדאַם".

„אין 1421 איז פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג צווישן די צווײ ריכטונגען.

די שטרענגע קאמוניסטן זיינען געווען אין מינדערהייט און מען האט זיי פון דארט פארטריבן; ארום דריי הונדערט מענטשן זייערע זיינען אוועק אין די וועלדער פאזע דער טייך לוזשניצע״

„דער טאבארישער קאמוניזם איז געווען קינסטלעך איינגעפלאנצט און האט ניט געקענט ווערן רעאל אין אויסדרוק פון א נייקן לעבנס פארם״.

די אורזאך פון זייער אונטערגאנג איז דאס וואס זיי האבן אייביק געפירט קאמף. אויף מלחמה האט זיך געשטיצט די גאנצע ארגאניזאציע פון די טאבאריטן, א טייל שטענדיק אויפן קריגס פעלד און א טייל פון הינטן אלס ארבעט פארן קריגס פעלד.

די באדערפעניש פון די ארימע האבן געשטרעבט צו קאמוניזם, די פראדוקציע באדינגונגען האבן אבער געפאדערט פריוואט אייגנטום.

דער אנפאנג פון דער טאבאריטן ארגאניזאציע איז געווען אידעאיש. זשיזשקא פלעגט רופן דעם טאבאריטן חייל „גאטס קריגס לייט״.

שפעטער זיינען אבער געקומען עלעמענטן פון פארשיידענע שווינדלער און אפפאל פון פארשיידענע נאציאנאליטעטן.

עס איז אויסגעוואקסן דער עגאאיזם און מען האט זיך איינגעשאפט פריוואט-פארמעגן. דאס האט געבראכט צו אנטאגאניזם און פאררעט און דעם 30-טן מאי 1434 האבן זיי באקומען די גרויסע מפלה פון אנטשיידענעם שלאכט ביים דארף ליפמאן.

טאבאר האט אויפגעהערט צו עקזיסטירן איבער בעהמען.

די בעהמישע ברידער: צוויי סעקטען פון טאבאר האבן נאך זיין אונטערגאנג ווידער פארטגעזעצט צו עקזיסטירן אין ארגאניזאציעס קעגנזעצליך אין פראגראמען.

1) איינע מיליטעריש.

2) די צווייטע פרידליך קאמוניסטיש.

די פרידנס-ליבנדע ריכטונג, וואס האט פארדאמט מלחמה, גוואלט און צוואנג איז ניט פארשוווּנדן. דער טעארעטיקער, אנארכיסטישער קאמוניסט פעטער פון כעלטשיץ, געבוירן אין 1390, האט געלעבט שטיל איינזאם אין דארף כעלטשיץ נעבן דער טאבארישער שטאט וואדנין דארט האט ער אנגעשריבן א ריי ווערק. שוין אין 1410 האט ער געשריבן, אז אין רעליגיעזע פראגן טאר מען ניט געברויכן קיין געוואלט. די קעמפער זיינען, לויט זיין מיינונג, גזלנים און רוצחים ניט בעסער.

„פון די קאמוניסטישע סעקטען, וואס זיינען אנטשטאנען אין בעהמען, נאך דעם אונטערגאנג פון טאבאר, איז די ווייטיקסטע געווארן די סעקטע פון

כעלטשיצקיס אנהענגער- די כעלטשיצער ברידער.

צווישן די תלמידים פון פעטערן האט זיך כפעציעל אויסגעטיילט דער ברודער גרעגאר, אן ארעלמאן, נאר איין עני יאביון, אז ער פלעגט ציען זיין חיונה פון שניידעריי. ווען די געוועזענע טאבאריטן האבן געגרינדעט א קאלאניע אין דארף קינוואלד נעבן זענפטענבערג, ווו עס זיינען נאך געבליבן די טאבאריטישע איבערצייגונגען, האבן זיי אין יאר 1457 אויסגעקליבן גרעגארן אלס זייער עלטסטן און ארגאניזאטאר. קיין מיטגליד פון דער ברידערליכער געמיינדע האט ניט געטארט פארנעמען קיין מיליטערישן אמט, אן אנטייל נעמען אין דער פירונג פון שטאט, אויך האט ער ניט געטארט זיך ווענדן מיט אן דערקלערונג אדער קלאגע צו די אויטאריטעטן. אין דער געזעלשאפט מוז הערשן אלגעמיינע גלייכהייט; עס טארן דארטן ניט זיין ניט קיין רייכע ניט קיין ארימע; יעדער מין עקספלאטאציע איז געווען שטרענג פארבאטן. יעדער רייכער מאן אדער דער, וואס האט געהערט צום פריוויליעגירטן שטאנד, האט געמוזט, איידער ער איז אריינגעטראטן אין דער געמיינדע, זיך אפזאגן פון זיין גאנצן פארמעגן און פון אלע זיינע פריוויליעגיעס. „קיין ברודער האט אויך ניט געטארט זיך באשעפטיקן מיט האנדל, מיט לייען געלט אויף פראצענט און מיט אויסהאלטן שפייז הייזער. פון דער צווייטער זייט איז יעדער מידגליד פון דער געמיינדע, פונקט ווי די גאנצע געמיינדע, פארפליכטעט געווען צו העלפן א ברודער, וואס איז געווען אין נויט.

פריוואט אייגנטום אין פאמיליע זיינען ניט געווען פארבאטן; דער קאמוניזם בנוגע פאמיליע האט זיך הויפטזעכליך אויסגעדריקט אין ברידערליכע באציאונגען. הייראטספלאזיקער צושטאנד האט זיך אבער גערעכנט העכער, הייליקער.

„בעת דער ווילשטאנד פון די טאבאריטן, וואס האט געמאכט א סוף צו זייער קאמוניזם, איז אנטשטאנען א דאנק דעם מיליטערישן רויב, איז דער ווילשטאנד פון די בעהעמישע ברידער געווען א פועל יוצא פון זייער פלייס, מעסיקייט, שפארזאמקייט און אינטיליגענץ.

שפעטער זיינען אנטשטאנען צוויי ריכטונגען איינע א מער מעסיקע וועלכע האט געוואלט אפווארפן פיל פון פריערדיקע תקנות און אריינבעמען אויך פארמעגליכע.

דער סכסוך צווישן די צוויי ריכטונגען האט זיך צום ערשטן ארויסגעצייגט בעת צוויי באראנען און עטלעכע ריטער האבן געוואלט אריינטרעטן אין דער ברידערשאפט בלייבנדיק ביים פארמעגן. די עקסטרעמערע ריכטונג איז געווען קעגן דעם. אין 1480 נאך דעם ווי דער געלערנטער לוקא איז ארייג-

געטראטן האט די מעסיקע ריכטונג געזיגט. אויפן קאנגרעס אין בראנדייס יום אדלער (1491) האט געזיגט די מעסיקע ריכטונג נית קוקנדיק אויפן קאמף פון יועבער גרעגאר פון וויאטיק. עס איז באשלאסן געווארן, אז רייכע מעגן אויך אריינטרעטן אין ברידערשאפט נית אפזאגנדיק זיך פון זייער פארמעגן. אויך האבן זיי באשלאסן נית קעמפן קעגן געוואלד פון שטאט ווען ער נויט עפעס טאן קעגן פראגראם.

דורך דעם האבן זיי זיך אמענדע אויסגעמישט מיטן שטאט און די ברידערשאפט איז פאקטיש אונטערגעגאנגען.

שפעטער קומען די קאמפן פון טאמאס מינצער.

טאמאס מינצער, לויט ווי צימערמאן: „געשיכטע פון גרויסן פויערישן קריג" איז מינצער געבוירן אין 1493 אין שטאלבערג.

זיינע ווערטער צום פאלק זיינען געוועזן: „די ביבל. און און פאר זיך, קען אונז נית אויסלערנען, וואס עס איז רעכט—גאט דארף אנצייגן דורך אן איגערליכער אנטפלעקונג".

„אויב דו האסט אפילו די גאנצע ביבל איינגעשלונגען ווערט דאס דיר אויך נית העלפן; דו מוזט איבערליידן דעם שארפן אקער, מיט וועלכן גאט רייסט ארויס די קריימער פון דיין הארץ".

„דער מענטש מוז וויסן, אז גאט געפינט זיך אין אים, אז ער איז נית קיין אויסגעטראכטע זאך, געפינט זיך נית קיין טויזנט מיילן פון אים, נאר אז דער הימל און די ערד זיינען פון מיט גאט".

אויף זיין ווערק „די אנטדעקונג פון דעם פאלשן גלויבן פון דער גאט-לאזער וועלט" דרוקט ער זיך אויפן טיטול-בלאט „מינצער מיטן האמער" (ירמיה ר'ג). „איז דען נית מיין ווארט א האמער וואס צוקלאפט פעלזן?".

אויף דעם צווייטן זייט שטייען צוויי פסוקים פון ערשטן קאפיטל ירמיהו אלס עפיגראף, וואס מינצער האט צוגעפאסט צו אט דעם פאל: „זע איך האב אריינגעלייגט מיינע ווערטער אין דיין מויל, איך האב דיר היינט געשטעלט איבער פעלקער און קעניגרייכן, אז דו זאלסט אויסווארצלען, צושטערן, פאר-ניכטן און פארוויסטן, בויען און פלאנצן".

איינער פון מינצערס גרונט פרינציפן איז געוועזן: „אמניא סונט קאמוניא" (אלץ איז געמיינשאפטליך), און יעדן דארף מען געבן אלץ לויט זיינע באַ-דערפעניש. אויב עפעס א פירשט, א גראף אדער א האר וועט אזוי נית האנדלען, ווען מען פאדערט דאס, איז באשלאסן אים קעפן אדער אויפהענגען".

ליטער האט געשריבן צו דעם מאגיסטראט פון מילהויזן מען זאל מינצערן ארויסטרייבן און אויב מינצער וועט פריידיקן אין נאמען פון גאט, דאן זאגן איט: „ער זאל עס באווייזן מיט נסים און וואונדער, ווייל דארט וו גאט וויל

ענדערן דעם סדר העולם, הייסט ער עס אָן שטענדיק מיט ווונדער און מיט נסים".

לוטערס פריינט מעלאנכטאן האט געשריבן וועגן מינצערס אָרדנונג. „באמת שרעקליכע זאכן האט ער איינגעפירט אין מילהויזן — א קאמוניסטישע געמיינדע. דאס איז געווען דער אנפאנג פון א נייער קריסטליכער פירונג. מען האט ארויסגעטריבן די מאנאכן, אפגעשאפט די מאנאסטירן און זייערע פארמעגנס; דארטן האבן די יאָהאניטן פארמעגט א גרויסן הויף און היפשע הכנסות. אָט דעם הויף האט טאמאס פארכאפט. ער האט אויך געפריידיקט, אז דאס גאנצע פארמעגן דארף זיין געמיינזאם, ווי עס ווערט געשריבן אין די טאטן פון די אפאסטאלן, אז זיי האבן פאראייניקט זייער פארמעגן. צוליב דעם איז דער המון געווארן אזוי חוצפהדיק, אז ער האט שוין מער ניט געוואלט ארבעטן (1525). דאס באלעבאטעווען פון מינצערס דיקטאטור אין מילהויזן האט געדויערט עטוואס מער ווי צוויי חדשים פון 17-טן מערץ ביז 22-טן מאי.

מיר האבן געבראכט די געשיכטע פון די רעליגיעזע סאציאלע באוועגונגען אום צו באקאנען דעם לעזער אויך ווי פיל אין דער לענג פון יאָר-הונדערטער איז רעליגיע געווען געבונדן מיט די סאציאלע באוועגונגען.

שפעטער בעתן אנקומען פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואָליוציע איז אויך יעדער בייע סאציאלע שטרעמונג געווען געבונדן מיט א רעליגיעזער וועלטאנשויאונג. דריי רעליגיעס האבן דאן עקזיסטירט אין פראנקרייך: 1) די רעליגיע פון די קאטוילישע גייסטליכע און דאיאליסטן, וואס האט געהייסן זיין געהארכזאם דעם קעניג, אריסטאקראטן און פעאָדאלן; די רעליגיע פון „העכסטן פארשטאנד" מיט א בייער צייטרעכענונג פון די רעוואָליוציאנערן העבערטיסטן און איבערהויפט פון דעם קאמונאר שאָמעט, געוועזענעם עפיסקופ גאבעל, פושע, לאגעלנא און אנדערע פארשטייער פון די פאריזשער קאמונען. די רעליגיע האט אפעלירט צו דער מאראל פון פארשטאנד, צום יושר פון וויסנשאפט.

ראבעספיער האט פארשטאנען, אז מיט דיין פילאזאפישע לאזונגען וועט ער ניט צוציען די ברייטע מאסן פון די ארימע פויערים און „סאנקיולאטן" און ער האט פראפאגאנדירט דעם גלויבן אין „העכסטן-וועזן". דער אונטער-שייד פון ראבעספיערן ביז שאמעטן איז געווען וואס די „רעליגיע פון פאר-שטאנד" האט פשוט געוואלט שטעלן דעם פארשטאנד אויפן ארט פון רעליגיע און ראבעספיערס, גלויבן אין העכסטן וועזן, איז געווען א גלויבן מיט א גאט. די ברייטע מאסן האבן ניט פארנאנדערגעקליבן זיך אין אונטערשייד פון די ביידע רעליגיעס.

אין מיטן כאַאָס פון מיליטערישן טעראָר. בעת איין גרופע האט געשיקט אויפן גילאטינע דער צווייטער, זיינען צוזאמען מיט די אָפּגעהאקטע קעפּ גע־פאלן אונטערן מעסער פון דער גילאטינע אויך די נייע רעליגיעזע אידעען און שטרעמונגען.

נאך דער גרויסער פראנצויזישער רעוואָליוציע איז געקומען די רעסטאוו־ראציע פון קאטויליציזם, און שפעטער נאך דער רעוואָליוציע פון 1848 איז געקומען פון איין זייט דער אוטאפישער סאציאליזם און פון צווייטן זייט דער פראלעטארישער מאקסיזם. די סאציאליסטן אוטאפיסטן האבן געמיינט. אז ס'איז גענוג אנצוגעבן דער וועלט א אידעאלן פראיעקט פון ארנטלעכן סאציאל גע־רעכטן צוזאמענלעבן און אלץ וועט גוט זיין.

דער אוטאפיסט סען־סימאן האט אין זיין בוך „ניי־קריסטנטום", אנטוויקלט זיינע סאציאליסטישע געדאנקען אין ליכט פון א באנייטן קריסטנטום. סען־סימאנס צענטראלע אידעע איז געווען די אידעע פון פראגרעס. די צוקונפטי־קע ארדנונג האט זיך אים פארגעשטעלט אלס ארגאניזאציע פון מיטארבע־טערשאפט, וועלכע איז אין דער העכסטער שטופע צוועקמעסיק, צוגעפאסט און וועלכע די גייסטיקע און שלאגנדע מאכט געהערט צו אנ'אקאדעמיע פון געלערנטע, ווי מענטשן, וואס זיינען אמערסטן פעהיק צו וויסן די געזעצן פון דער נאטור, און לויט זיי צו פארמירן די געזעצן פון דער געזעלשאפט; אונ־טער דער דאזיקער אקאדעמיע שטייען צוויי עקזעקוטיווע פאלאטעס. סען־סי־מאן געפינט נית קיין וועג צו רעגולירן די באציאונגען צווישן ארבעט און קאפיטאל אָן רעליגיע. און ער זאגט: „דאס נייע קריסטנטום דארף אזוי רעגו־לירן די באציאונגען צווישן ארבעט און קאפיטאל, אז ס'זאל זיך באקומען די מעגלעכסט שנעלע פארבעסערונג פון גורל פון ארימסטן קלאס; דאס ניי־קריסטנטום זאל זיך באפרייען פון די קאטוילישע און פראטעסטאנטישע דאג־מעס און קולטור פארמען און זאל פארוואנדלט ווערן אין סאציאלע עטיק, מיט דער הויפטפאדערונג, אז מענטשן זאלן באהאנדלען איינער דעם צווייטן ווי ברידער". „דאס ניי־קריסטנטום, וועט באשטיין פון טיילן, וואס אין עיקר פאלן זיי צונויף מיט דעם, וואס ס'האבן געפרעדיקט די פארשיידענע „אפּי־קורסישע סעקטעס פון אייראפע און אמעריקע וויאמאל דאס אור־קריסטנטום, וועט דאס נייע קריסטנטום, געשטיצט און אנטוויקלט ווערן דורך קראפט פון מאראל און פון דער ענטלעכער מיינונג".

באזאר, דער תלמיד פון סען־סימאן, האט ווייטער אנטוויקלט די גע־דאנקען פון סען־סימאנס „ניי־קריסטנטום". באזאר האט געשריבן: „די מענטשהייט שטייט פאר א גרויסע רעליגיעזע צוקונפט; די רעליגיע פון דער צוקונפט

וועט זיין הערלעכער, מעכטיקער, ווי וועלכע ס'איז רעליגיע פון פארגאנגענ־הייט. איר דאגמאט וועט זיין דער סינטעז פון אלע פארמען פון דעם מענטש־לעכן „זיין" פון זײער מענטשלעכער עקזיסטענץ. די סאציאל פאליטישע אינ־סטיטוציע גענומען אינגאנצן, וועט זיין א רעליגיעזע אינסטיטוציע".

די לערע פון די סען־סימאניסטן האט ניט געפרײדיקט קיין איבערקע־רעניש דורך א רעוואליוציע, נאר אנעוואליוציע דורך דערציאונג, א מאראלי־שע ווידערגעבורט פון דער וועלט. „די ענדערונגען אין דער סאציאלער אר־גאניזאציע, וואס מיר זאגן אָן—צום ביישפיל, די איצטיקע אייגנטום ארדנונג וועט מוזן פארביטן ווערן דורך גאר אנדערע אייגנטום־באציאונגען, וועלן ניט פארקומען מיט אמאל און ניט אויף א געוואלט־אויפן, נאר דורך א פרידלעכן און בהדרגהדיקן איבערגאנג".

אין דער סען־סימאניסטישער אסאציאירטער מלוכה פארנעמט דעם העכסטן סאציאלן שטאפל די רעליגיע „נײ קריסטנטום". דעם צווייטן שטאפל זאלן פארנעמען די נאטור־וויסנשאפטלעכער. דעם דריטן שטאפל — די אינ־דוסטריעלער. זיטליך—רעליגיע באגייסטערונג, קלארער דיסציפלינירטער פאר־שטאנד און טיכטיקע אינדוסטריעלע טעכניק דארפן אויסלייזן די מענטשן.

סען־סימאנס „נײ קריסטנטום" איז פאקטיש געבליבן ניט מער ווי א שעאריע. סען־סימאן איז געבליבן מער ניט ווי א אוטאפיסט, ווייל זיין „נײ־קריסטנטום" איז געבליבן אָן בלוט און פלייש. סען סימאן האט ניט באוויזן ווי אזוי ארייננפירן אין לעבן זיין „נײ־קריסטנטום". ער האט ניט פארשטאנען, אז רעליגיע מוז האבן א פארם און אויסדרוק, ער האט ניט פארשטאנען, אז רעליגיע מוז זיך צונויפגיסן מיטן לעבן און זי מוז ווערן אויסגעדריקט דורך דאגמען, ריטואלן, טראדיציעס מסורה־ס, נבואה־ס וכדומה. קיין שפאגל נייע רעליגיעס מאכט מען ניט און די באנייאונג פון א רעליגיע קען קומען אין די ווענט פון דער אלטער קירך, די נייע רעליגיעזע פארמען מוזן אויסוואקסן באמעלעך פון די אלטע. סען־סימאן האט גערופן צו דער טעזע פון אור־קריסטנטום — צום אלטן אידעאליזם און ער האט ניט פארשטאנען די סיבות פאר וואס דער אידעאלער קריסטנטום איז ארייננעפאלן אין דער רעליגיעזער אנטיטעזע פון פאליטיק, מאכטגייציקייט און נאציאנאלע און קלאסן־קאמפן. סען־סימאן האט גערופן צום סינטעז ניט פארשטייענדיק די אנטיטעזע. זיין „נײ־קריסטנטום" איז געבליבן בלויז אנ'אבסטראקציע, ווייל ער האט ניט גע־לערנט גענוי די סאציאלאגיע איבער רעליגיע און אירע פארמען — איבער רע־ליגיע און לעבן.

דעם זעלבן טעות וואס סען־סימאן פון פראנקרייך האט געמאכט לעוו

טאלסטאי פון רוסלאנד.

טאלסטאי האט קריטיקירט די פראוואסלאווע קירך פאר איר אפטרעטן פון אידעאלן עוואנגעלישן קריסטנטום, פאר אירע גוואלדטאטן, אונטערדריקונגען און מלחמות. טאלסטאי האט גערופן צו דער טעזע פון אור-קריסטנטום. ער האט אבער ניט באנומען די סאציאלאגישע געזעצן, וועלכע ס'האבן געפירט צו דעם, אז פון אידעאלן קריסטנטום זאל אויסוואקסן די פראוואסלאווע קירך מיט איר עגאאיזם, מאכטגייציקייט און בלוטדורשטיקייט. טאלסטאי האט ניט פארשטאנען, אז די ענדערונגען פון דער פראוואסלאווער קירך קען ניט קומען דורך א פיינעם ווונטש פון א קריטיקער, נאר די רעפארם און עוואלוציע מוז קומען בהדרגה אין די ווענט פון דער זעלבער קירך.

טאלסטאי האט פון דאס ניי געוואָרפן די עוואנגעלישע לאזונגען: „משפט ניט וועט איר אויך ניט ווערן געמשפט".

„שטעל זיך ניט אנטקעגן דאס שלעכטע, מיט ליבע באזיג דאס שלעכטע".

לויט טאלסטאיען האט די ענדערונג אין לעבן געדארפט קומען לויט געבאט פון ליבע.

טאלסטאי האט ניט געוואלט פארשטיין, אז די לערע פון קריסטלעכער ליבע איז שוין גאר לאנג געלערנט געווארן און דאך זיינען געקומען אנדערע פאקטארן און האבן צוטראטן די געבאטן פון ליבע. אלזא איז אום אויף ווייטער אויסצומיידן די איבערחזרונג פון דאס שלעכטע, דארפן געפונען ווערן די געזעצן פון לעבן וואס האבן געבראכט צו דאס שלעכטע.

טאלסטאי האט ניט פארשטאנען די באדייטונג פון דער רעליגיעזער אינסטיטוציע און רעליגיעזן גלאנץ.

טאלסטאי האט ניט פארשטאנען, אז די קירך איז אזא פעסטונג וואס פון דרויסן וועט איר קיינער ניט בייקומען. דעריבער איז אויך טאלסטאי מיט זיין שטרעבונג צו באנייען דעם קריסטנטום מיטן אומקערן זיך צו דער טעזע, געבליבן שטעקן פאקטיש אין דער אנטיטעזע. דער משיחיזם — די שטרעבונג צו מאכן גליקלעך דער מענטשהייט, וועלכער איז געווען א קינד פון רעליגיע איז פארוועלטלעכט געווארן.

ס'איז אנגעקומען די עפאכע פון מארקסיזם, וועלכע ס'האט אנגעזאגט דער מענטשהייט א באפרייאונג ניט דורך גאטס כח, נאר דורך דעם אייגענעם כח פון דער פראלעטארישער געזעלשאפט.

אין צווייטן העלפט פון XIX יר"ה און אנפאנג פון XX יר"ה קומט די רעליגיעזע אנטיטעזע אין דער מאטעריאליסטישער מארקסיזם שטעלט זיך בראש

קארל מארקס, דער טעארעטיקער פון היסטארישן מאטעריאליזם, האט געקוקט אויף רעליגיע דורך זיין שטאנדפונקט, אז יעדער רעליגיע איז בלויז אן אפשפיגלונג פון מאטעריעלן „זיין".

אין זיין ערשטן באנד „קאפיטאל" זאגט מארקס: „די רעליגיעזע וועלט איז ניט קיין אנדער זאך, ווי די אפשפיגלונג פון דערווירקלעכער וועלט. פאר א געזעלשאפט פון סחורה פראדוקציע, ווו זייער אלגעמיינע געזעלשאפטלעכע פראדוקציע פארהעלטעניש באשטייט אין פארהאלטן זיך צו זייערע פראדוקן ווי צו סחורות. ד. ה. צו ווערטן, און צו באטראכטן אין דער דאזיקער פשוטער פארמע די באציאונגען פון זייערע פריוואט-ארבעטן איינע צו די אנדערע, ווי א באציאונג צו גלייכע ארבעט—פאר אזא געזעלשאפט איז דאס קריסטנטום מיט זיין קולט פון דעם אבסטראקטן מענטשן. און באזונדערס אין זיין בורזשואזער אנטוויקלונג. אין דעם פראטעסטאנטיזם, דעאיזם אאז"וו. די העכסטע פאסיקע פארמע פון רעליגיע. אין די אלט-אזיאטישע און אנדערע אלטערטימליכע אופנים פון פראדוקציע שפילט די פארוואנדלונג פון פראדוקטן און סחורות. און פארגליך, די פארוואנדלונג פון מענטשן און סחורה פראדוצירער, אן אונטערגעווארפענע ראלע, וועלכע ווערט אבער מער באדייטנד. וואס מער די דאזיקע געזעלשאפטן דערנעענטערן זיך צו זייער אונטערגאנג. אייגנטלעכע, ווירקלעכע האנדלס-פעלקער עקזיסטירן נאר אין די צווישן-שטחים פון דער אלטער יועלט, ווי עפיקורס געטער, אדער ווי די יידן אין די שפאלטן פון דער פוילישער געזעלשאפט. יענע אלטע געזעלשאפטלעכע פראדוקציאנס ארגאניזאציעס זיינען ניט צום פארגלייכן איינפאכער און קלערער פון דער בורזשואזער געזעלשאפט; אבער זיי זיינען באגרינדעט אדער אויף דער אומאנטוויקלטקייט פון דעם אינדיווידועלן מענטשן, וועלכער האט זיך נאך ניט אפגעריסן פון דעם נאפל-שנור פון נאטירלעכן גאטונגס צובונד צו אנדערע מענטשן, אדער אויף די דירעקטע באציאונגען פון הערשאפט און קנעכטשאפט. זיי ענטשטייען און עקזיסטירן נאר דארט, ווו די פראדוקטיווע קרעפטן פון דער ארבעט געפינען זיך אין א נידעריקער אנטוויקלונגס שטופע און פאלגליך, די באשרענקטע פארהעלטניסן פון מענטשן אויפן געביט פון זייער מאטעריעלן לעבן, ווי ממילא אויך איינע צו די אנדערע אין דער נאטור. אט די ווירקליכע באגרענעצטקייט שפיגלט זיך אפ אידעאל אין די אלטע נאטור און פאלקס-רעליגיאנען. דער רעליגיעזער אפשיין פון דער ווירקלעכער וועלט קאן אויף אלע אופנים פארשווינדן נאר דאן, ווען די באציאונגען פון דעם פראקטישן טעגליכן לעבן, וועלן פארשטיין פארן מענטשן טאג טעגליך קלארע און פארנינפטיקע באציאונגען צו זיינע מיטמענטשן און צו דער נא-

טור. די געשטאלט פון א געזעלשאפטלעכן, ד. ה. פון דעם מאטעריעלן פרא-דוקציאנס פראצעס, צייט ארונטער איר מיסטישן נעבל שלייער נאר דאן, ווי זי שטייט, ווי א פראדוקט פון פרייע, געזעלשאפטלעך-פאראייניקטע מענטשן און אונטער זייער באוווסטזיניקן פלאנמעסיקן קאנטראל. דערצו אבער פאדערט זיך א מאטעריעלע גרונט-לאגע פון דער געזעלשאפט, אדער א גאנצע ריי פון מאטעריעלע עקזיסטענץ באדינגונגען. וואס זיינען אליין ווידער א נאטור-גע-וואקסענער פראדוקט פון א לאנגער און פייניקער ענטוויקלונגס געשיכטע".

אזוי ארום זעען מיר, אז מארקס מעסט רעליגיע מיט א מאס פון סחורה און פראדוקציע. אלע רעליגיעס זיינען בא אים ניט מער ווי אנ'אפשפיגלונג פון פראדוקציאנס פראצעס.

אין באקאנטן מאניפעסט פון מארקס און ענגעלס ווערט געזאגט: „ווען די טענות, וואס מ'שטעלט ארויס קעגן דעם קאמוניזם פון רעליגיעזן, פילאזא-פישן און בכלל אידעאלאגישן שטאנדפונקט, איז ניט כדי אויספירליך צו ריידן. דארף מען דאך פיל קלערן, כדי צו באגרייפן. אז ווען עס ענדערן זיך די לעבנס באדינגונגען פון די מענטשן, זייערע געזעלשאפטלעכע באציאונגען, ענדערן זיך אויך זייערע פארשטעלונגען. זייערע אנשויאונגען און באגריפן, מיט איין ווארט זייער באוווסטזיין".

„וואס באווייזט אונז די געשיכטע פון די אידעען, אויב ניט דאס, אז די גייסטיקע פראדוקציע האט באקומען אנ'אנדער געשטאלט, ווען די מאטע-ריעלע פראדוקציע האט זיך אומגעענדערט? די הערשנדע אידעען פון יעדער צייט זיינען שטענדיק געווען די אידעען פון דעם הערשנדן קלאס".

„ווען די אלטע וועלט האט געהאלטן ביים אונטערגיין, זיינען די אלטע רעליגיעס באזיגט געווארן דורך דער קריסטלעכער רעליגיע. ווען די אויפקלע-רונגס אידעען האבן אין XVIII יר"ה בייגעקומען די קריסטלעכע אידעען, האט זיך די פעאדאלע געזעלשאפט געראנגלט אויף לעבן און טויט מיט דער דער דאמאלסט רעוואלוציאנערער בורזשואזיע. די אידעען פון געוויסנס פריי-הייט און רעליגיאנאס פרייהייט האבן נאר אויסגעדריקט די הערשאפט פון דער פרייער קאנקורענץ אויף דעם געביט פון דער וויסנשאפט.

אבער וועט מען זאגן: „רעליגיעזע, מאראלישע, פילאזאפישע, פאליטישע, רעכטלעכע אידעען אאז"וו. האבן זיך טאקע געביטן אין דעם לויף פון דער היסטארישער אנטוויקלונג. די רעליגיע, די מאראל, די פילאזאפיע, די פאלי-טיק, דאס רעכט זיינען דאך אלע מאל געבליבן, ניט קוקנדיק אויף דיזע א'מענדערונגען. עס עקזיסטירן נאך אומעטום שטענדיקע ווארהייטן, ווי פריי-הייט, גערעכטיקייט אאז"וו. וואס האבן א קיום בא אלע געזעלשאפטלעכע צו-

שטאנדן. דער קאמוניזם אונער שאפט אָפּ די רעליגיע, די מאראל, אַנשטאט צו געבן זיי א נייע געשטאלט; ער ווידערשפּראכט אויף אזא אופן דער גאנ-צער ביז איצטיקער היסטארישער אנטוויקלונג".

„וואס פאר א זין האבן אין דער אונטערשטער שורה דיזע טענות? די באוועגונגס קראפט אין דער גאנצער געשיכטע פון דער ביז איצטיקער גע-זעלשאפט זיינען געווען קלאסן-קעגנזאצן, וועלכע האבן אנגענומען פארשיי-דענע פארמען אין פארשיידענע צייטן".

ווי מיר זעען דאָ וויל מארקס ניט מסכים זיין מיט די באהויפּטונגען פון די וואס זאגן, אז די נייע העכערע אידעען פון דער רעליגיע ברענגען מיט זיך נייע העכערע און בעסערע פּראדוקטיוו עקאנאמישע באדינגונגען, נאר ער איגנארירט רעליגיע אלס ווירקנדן פאקטאר. אנערקענענדיק רעליגיע בלויז אלס אָפּשפּיגלונג פון מאטעריעלן „זיין" עקזיסטירט פאר מארקסן רעליגיע בלויז אלס א זאך אין „שפּיגל" און אין רעאלן לעבן איז רעליגיע פאר אים גאר קיין פּראבלעם ניט. מארקס גייט פארביי רעליגיע מיט איגנאראציע, אלס צו א זאך וואס געהערט צום עבר און האט קיין ווירדע ניט פארן מענטש פון צוקונפט. דעריבער באמיט זיך ניט מארקס צו געפינען א נייע פארם פאר רעליגיע אין הסכם מיטן סאציאליזם. מארקס זוכט ניט קיין נייע רעליגיאנס פילאזאפיע און קיין העכערע רעליגיעזע וועלטאנשויאונג, ווייל מארקס זעט ניט קיין נויטווענדיקייט אין דער רעליגיע און ער געפינט איין, אז זי דארף אונטערגיין צוזאמען מיט דעם קאפּיטאליזם.

אין דעם פאל וויל מארקס ניט נאכמאכן די היסטארישע פּראצעסן פון פעאדאליזם און קאפּיטאליזם, וועלכע ס'האבן נאך זייער פריערדיקן באקעמפן דער אלטער רעליגיעזער וועלטאנשויאונג, געגעבן א נייע וועלט אנשויאונג אין הסכם מיט די נייע באגריפן וועגן רעליגיע, נאר מארקס איז גרייט צו שטירצן יעדער מין רעליגיע צוזאמען מיט דער רעאקציע וואס איז געווען אין יענעם מאמענט געבונדן מיט דער רעליגיע.

מארקס אידעען חבר, ענגעלס, האט זיך ארויסגעזאגט: „בנוגע צו א גרויסער מערהייט פון דער דייטשעסער סאציאל דעמאקראטיע קען מען זאגן, אז פאר זיי איז דער אטעאיזם—שוין אן איבערגעגאנגענע שטופע. דאס דא-זיקע ווארט, וואס האט א ריין נעגאטיווע באדייטונג, איז צו זיי ניט אַנווענד-באר, ווייל זיי טרעטן ארויס שוין ניט אלס טעארעטישע קעגנער פון רעליגיע, נאר אלס פּראקטישע קעגנער; זיי האבן שוין געענדיקט מיט דער גאט-אידעע, זיי האבן אין דענקען א וועלט פון ווירקלעכקייט און זיינען דארום מאטעריאליסטן".

שפּעטער האָבן שוין די מארקסיסטן באמיט זיך צו פריידיקן א פילא-

זאַליטן אטעאיזם. דער רוסישער מארקסיסט פלעכאַנאוו האט פארמולירט זיין שטעלונג צו רעליגיע אין זיין ענטפער אויף דער אנקעטע פון „מערקאר דע פראנס" וועלכע ס'האט געשטעלט א פראגע צו א רייע געלערנטע: „צו לעבט רעליגיע איבער א עוואליוציע אדער זי שטארבט?". פלעכאַנאוו שרייבט: „איר וועט מיר ערלויבן, ענטפערנדיק אויף אייער פראגע, זיך צו שטעלן אויף א סאציאל רעוואליוציאנערן שטאנדפונקט און אים פארמולירן אויף אזא אופן: צו איז ניט דאס פארשווינדן פון רעליגיע א נאטירלעכער סוף פון איר עוואַ-ליוציע? כדי צו ענטפערן אויף אָט דער פראגע וועלן מיר זיך אָפּגעבן חשבון דערין, וואס איז געווען די דאזיקע עוואליוציע ביז איצטער?".

„נאר קודם כל, וואס איז אזוינס רעליגיע? אויב מיר וועלן זיך באנוצן מיט דער זעלביקער דעפיניציע וואס עדוארד ב. טיילאר רופט אָן „א מינימא-לע"—וועלן מיר זאגן, אז רעליגיע איז דאס גלויבן אין גייסטיקע וועזנס, וואס לעבן זייט ביי זייט מיט קערפערס און מיט פראצעסן פון דער נאטור. אָט דאס גלויבן איז א נייטיקער עלעמענט פון יעדער רעליגיע און דינט אין דער איינציקער צייט אלס דערקלערונג אויף אלע דערשיינונגען פון דער נאטור. אויף א העכערער שטופע פון סאציאלער עוואליוציע קומט צו דעם דאזיקן פרימיטיוון עלעמענט נאך א נייער—דער מאראלישער עלעמענט. דער בונד פון ביידע עלעמענטן ווערט מיט דער צייט אלץ ענגער. צולעצט וועלן מיר צוגיין צו דעם, וואס איך וואלט געקאנט אנרופן: „א מאקסימאלע" דעפיניציע פון רעליגיע. דאס גלויבן אין גייסטיקע וועזנס וואס איז פארבונדן מיט מאראל און דינט איר אלס סאנקציע אָט דערפאר מיינען פיל, אז דער תוך פון רע-ליגיע באשטייט פון מאראל. אבער מיר זיינען נאך וויט פון דעם סוף פון דער דאזיקער עוואליוציע. דער בונד צווישן מאראל און רעליגיע, וואס האט זיך ארויסגעוויזן פאר אומצורייסבאר, מוז פארשווינדן א דאנק דעם פראגרעס פון מענטשלעכן פארשטאנד".

„א וויסנשאפטלעכע דערקלערונג פון דערשיינונגען קאן זיין נאר א מא-טעריאליסטישע, די ארייננמישונג פון גייסטיקע וועזנס, וואס אין די אויגן פון א ווילדן ערקלערט אלץ, ערקלערט אבער גארנישט אין די אויגן פון א וועלכן ס'איז בערטעלא; (בערטעלא נייטיקט זיך ניט אין געטער אין זיין לאבאראטא-ריע) די באדייטונג פון אזא דערקלערונג פאלט פאר יעדן ציוויליזירטן מענטשן לויט דעם מאשטאב, ווי ער באנעמט די רעזולטאטן פון דער עובדה פון דער וויסנשאפט".

„אויב פיל גלויבן נאך אין עקזיסטענץ פון גייסטער און פון איבערנא-טירלעכע וועזנס, איז דאס דערפאר, ווייל צוליב פארשיידענע אורזאכן האבן

זיי ניט געקאנט בייקומען די שטערונגען איבערן וועג צו א וויסנשאפטלעכן שטאנדפונקט״.

„בעת די שטערונגען וועלן באזייטיקט ווערן, און אלץ צווינגט צו דענקען, אז דאס וועט זיין די עובדא פון דער סאציאלער עוואליוציע—וועט דאן פארשווינדן יעדער שפור פון א איבערנאטירלעכער אויפפאסונג, און די מאראל וועט זיין געצווונגען צו פארנעמען איר אומאָפהעניקן אָרט״.

„רעליגיע אין מאקסימאלן זינען לעבט אָפּ איר צייט, וואס אנבאלאנגט דעם רעליגיעזן געפיל, איז קענטיק, אז ער פארשווינדט באלד נאך דער רע-ליגיעזער אידעע. אבער אין געפילן איז געוויס דא מער קאנסערוואטיזם ווי אידעען. עס וועט זיין אן ארט פאר פארשיידענע איבערלעבענישן פון די אלטע געפילן, עס וועלן אויפשווימען פאלשע וועלט באגריפן, האלב מאטע-ריאליסטישע, האלב ספיריטואליסטישע, אבער אויך די דאזיקע איבערלעבענישן זיינען פאראורטיילט פארשווונדן צו ווערן באזונדערס, נאך דעם ווי עס וועלן פארשווינדן מאנכע אינסטיטוציעס וואס ווערן כלומרשט סאנקציאנירט דורך רעליגיע. דער פראגרעס פון דער מענטשהייט טראגט א טויט אורטייל סיי דער רעליגיעזער אידעע, סיי דעם רעליגיעזן געפיל, נאר קליינמוטיקע אדער פאר-אינטערעסירטע זיינען אין שרעק וועגן דעם שיקזאל פון דער מאראל. די מאראל איז אימשטאנד צו פירן א זעלבשטענדיקע עקזיסטענץ. די אמונה אין גייסטיקע וועזנס איז אפילו איצטער אויך ווייט פון דעם, כדי צו זיין א שטי-צע פון דער מאראל, פארקערט, די רעליגיעזע גלויבונגען פון די ציוויליזירטע נאציעס אין דער היינטיקער צייט זיינען אפגעשטאנען פון זייער מאראלישער אנטוויקלונג״.

אָט פון די אלע ארויסגעזאגטע געדאנקען פון פלעכאנאוון זעען מיר, אז פלעכאנאוו גייט אוועק נאך ווייטער פון מארקסן מיט דעם, וואס ער בא-גרינדעט זיין נעגאטיווע שטעלונג צו רעליגיע מיט דער פריידענקערישער פילאזאפיע פון XIX יר״ה. וועלכע ס׳האט געמיינט, אז די וויסנשאפט און די „וועלטלעכע מאראל״ וועלן פארנעמען דעם אָרט פון רעליגיע. די שפע-טערדיקע מלחמות און רעגרעס פון דער מענטשלעכער ציוויליזאציע האבן באוויזן דעם באנקראט פון צוטרוי צו דער „פראגרעסיווער״ מענטשהייט. פלעכאנאוו אליין איז באשטראפט געווארן פון דער געשיכטע און ניט קוקנדיק אויף דעם וואס ער האט דערלעבט די גרויסע רוסישע רעוואליוציע האט ער ניט זוכה געווען צו שניידן די פרוכט פון זיין „זריעה״. פלעכאנאוו אליין איז געשטארבן כמעט א פארגעסענער און אנ׳אנטוישטער אין אלץ וואס ער האט געטרוימט זיין גאנצן לעבן.

די אידעען פון פלעכאנאוון אין באצוג צו רעליגיע האבן אבער אויף א לאנגער צייט אימפאנירט דער רוסישער מארקסיסטישער יוגנט, וועלכע ס'האט זיך באצויגן צו רעליגיע מער נעגאטיוו ווי די דייטשעסע סאציאל דעמאקראטיע, וועלכע כ'האט געקוקט אויף רעליגיע, ווי אויף א „פריוואט זאך" וואס דארף ניט באקעמפט ווערן.

היינריך קונאוו אין זיין ארבעט: „די אנטשטייאונג פון רעליגיע און גלויבן" גייט צו צו רעליגיע פון פסיכאלאגישן און סאציאלאגישן שטאנדפונקט. דורך א פסיכאאנאליז איבער רעליגיע בכלל זוכט ער דעם קערנדל פון וועלכע רעליגיע איז אויסגעוואקסן אין דער מענטשלעכער געזעלשאפט. צי די רעליגיעזע השגות פון מענטשן שטאמען פון די איינדרוקן, וואס זיי באקומען פון די ארומגערינגלטע נאטור קרעפטן אדער פון די איינדרוקן פון דער סביבה און געזעלשאפטלעכן לעבן ארום. אין אזא פאל ווערט געלערנט די טבע פון מענטשן פון וועלכער ראסע אדער שטאם ער זאל ניט זיין. ס'ווערט געלערנט דער געדאנק און אינסטינקט פון מענטש בכלל, די גייסטיקע יסודות פון וועלכע ס'וואקסן ארויס די מענטשלעכע אידעען.

אויך דער היסטארישער מאטעריאליסט לודוויק פייערבאך, האט זיך פארנומען מיט דער געאגראפיש אנטראפאלאגישער לערע וועגן די השגות און בליקן בא פארשיידענע פעלקער, וועגן פארשיידנארטיקע און גלייכארטיקע נאטור-סביבות, וועגן גלייכע געאגראפישע און קלימאטישע השפעות און איינפלוסן, וועלכע ס'זיינען די סיבות פון גלייכע מידות און מנהגים בא פארשיידענע ראסן אין פארשיידענע וועלט טיילן. לויט פייערבאכן האט דער מענטש באשאפן זיך געטער לויט זיין כאראקטער; דער מענטשלעכער שכל איז בלויז א פונקציע פון זיין מארך; דער גייסט איז נאר דער העכסטער פראדוקט פון דער מאטעריע. זיין באגריף וועגן גאט, זיין פארשטעלן זיך גאט איז בלויז דער באוווסטזיין פון זיין אייגענעם וועזן.

אויך פרידריך ענגעלס אין זיין „אנטי-דירינג" בוך זאגט: „אלע רעליגיעס זיינען ניט מער, ווי דאס פאנטאסטישע אפשפיגלען זיך אין די מענטשלעכע קעפ פון יענע אויסערלעכע קרעפטן, — וואס געוועלטיקן איבער זייער טאג-טעגלעכער עקזיסטענץ, אן אפשפיגלונג, אין וועלכער די ערדישע קרעפטן נעמען אן די פארם פון איבערערדישע. אין אנהויב פון דער געשיכטע זיינען דאס פריער די קרעפטן פון דער נאטור, וואס ברענגען צו אזא אפשפיגלונג, און בא דער ווייטער די קערן אנטוויקלונג מאכן זיי דורך בא פארשיידענע פעלקער די פארשיידנסטע פערזאניפיקאציעס און די אנשיידענע פארמען. דער דאזיקער ערשטער פראצעס איז וויניקסטנס ביי די אינדא-אייראפעאישע פעלקער, אויסגעפארשט

געוואָרן דורך פאַרגלייכן זייער מיטאָלאָגיע ביזן סאַמע אנהויב זייַנעם — אין אינדישע „וועדאַס“, און אין זיין ווייטערדיקן המשך דערוויזן געוואָרן ביי די אינדיאַנער, פּערסער, גריכן, רוימער, גערמאַנער, און — ווי ווייט ס'איז געווען מאַטעריעל — אויך בא די קעלטן, ליטווינער און סלאַוון. אבער גלייך הויבן אָן צו ווירקן צוזאַמען מיט די נאַטור-קרעפטן אויך געזעלשאַפטלעכע קרעפטן, וועלכע זייַנען דעם מענטשן פּונקט אַזוי פרעמד און אין אנהויב פּונקט אַזוי אומפאַרשטענדליך און באַהערשן אים מיט דערזעלבער, דוכט זיך, נאַטירלעכער נויטווענדיקייט, ווי די נאַטור-קרעפטן גופא. די בילדער פון דער פאַנטאַזיע, וועלכע האָבן לכתחילה אָפּגעשפּיגלט בלויז די געהיימניספולע קרעפטן פון דער נאַטור, באַקומען דורך דעם געזעלשאַפטלעכע אייגנשאַפטן, ווערן רעפּרעזענטאַנטן פון היסטאָרישע קרעפטן“.

אַט די אַלע היסטאָרישע מאַטעריאַליסטן האָבן געמיינט, אַז דורך דעם, וואָס זיי וועלן געפינען די אמתע היסטאָרישע, פּסיכאָלאָגישע, געאָגראַפישע סיבות פון די ארומיקע נאַטור-קרעפטן, סאָציאַלע לעבנס באַדינגונגען וכדומה, וועלן זיי שוין דורך דעם אַרונטעררייסן די הייליקייט פון רעליגיע, ווייל זיי וועלן אויפדעקן פאַר דער וועלט דער נאַטירלעכער נאַקעטקייט פון יעדער רעליגיע. פאַקטיש, ליגט אבער זייער טעות אין דעם, וואָס פּונקט ווי די פיל אַנדערע נאַטור וויסנשאַפטלער פון יענער עפּאָכע האָבן געמיינט, אַז מיט דעם וואָס זיי לערנען אויס די נאַטור פון זאַכן גרייכן זיי צו די הימלען פון רעליגיע און שלעפּן אַראָפּ די הימלען אויף דער ערד, בעת פאַקטיש איז די וויסנשאַפט געבליבן בלויז אין אירע ענגע וויסנשאַפטלעכע ראַמען און האָט ניט געקענט פאַרענטפערן זאַכן וואָס רעליגיע דאַרף פאַרענטפערן. דורך דער וויסנשאַפט האָבן מענטשן אויסגעלערנט די טויזנטער און מיליאָנען כימישע און פיזישע געזעצן פון דער נאַטור. דורך דער וויסנשאַפט האָבן מענטשן אויסגעלערנט די געזעצן פון ראַדיאָ עלעקטרעציטעט, פּסיכאָלאָגיע, אַנטראָפּאָלאָגיע וכדומה. דאָס האָט אבער ניט צו טאָן מיט געטלעכקייט, ווייל די וויסנשאַפט האָט בלויז פאַרברייטערט די ידיעות און פּראַקטיק פון מענטשן צו פאַרשטיין און באַגרייפן די אייביקע געזעצן אין דער נאַטור, וועלכע עקזיסטירן שוין פון אַלע מאָל אין דער נאַטור. די גאַנצע וויסנשאַפט בלייבט אומבאַהאָלפן ווען זי קומט צום בראשית פון וועלט און לעבן אויף אונזער ערד. אַט די אַלע וויסנשאַפטן איבער רעליגיע, איבער דער פּסיכאָלאָגיע פון מענטשן און איבער אַלע פאַרשיידענע סיבות, וואָס האָבן באַווירקט דעם מענטשן און באַוועגט אים צו גלויבן, אַט די גאַנצע וויסנשאַפט האָט בלויז צו טאָן מיטן תּאַרב פון רעליגיע און ניט מיטן שורש פון אורשפּרונג פון

רעליגיע.

פארשיידענע קלימאטישע, געאגראפישע, נאטירלעכע, פסיכאלאגישע, קולטורעלע, מאטעריעלע, סאציאלע באדינגונגען האבן געבראכט פארשיידענע ארטן גלויבנס צווישן מענטשן. דאס קען אבער געזאגט ווערן בלויז וועגן פארם פון דער אדער יענער רעליגיע, לויטן רעליגיעזן אויסדרוק און רע־ליגיעזער פראקטיק. אבער דאס זאגט קיין זאך ניט וועגן תוך און יסוד פון רעליגיע בכלל, וועלכע ס'האט איבערגעלעבט פארשיידענע פארמען און פארשיידענע לעבנס באדינגונגען. די דערמאנטע טעאריעס פון די היסטארישע מאטעריאליסטן זיינען אויך א פראדוקט פון זייער צייט. פון דער עפאכע ווען מענטשן האבן געמאכט פון דער וויסנשאפט—א הויכן גלויבן.

אזוי ארום איז דער מארקסיזם אפגעטראטן אינגאנצן פון רעליגיע, קוקנדיק אויף רעליגיע ווי אויף א איבערגאנגס דערשיינונג, וועלכע ס'וועט פארשווינדן מיט דער צייט. זייער טעות האט באשטעטיקט דער עקספערימענט פון דער גרויסער רוסישער רעוואליוציע, וועלכע ס'האט פארניכטעט דאס פריערדיקע ארט לעבן און האט אויך די רעליגיע אנגעגריפן, אבער אין דעם פאל זיינען זיי געבליבן אומבאהאלפן. וועגן דעם אין קומענדן קאפיטל.

רעליגיע אין ראטנפארבאנד

זייער א שווערע אויפגאבע האט פאר זיך יעדער אביעקטיווער געשיכטע שרייבער, ווען ער מוז קומען אין בארירונג מיט פראבלעמען און באוועגונגען, וועלכע ס'האבן נאך ניט דערגרייכט זייער ענדציל און האלטן נאך אין דורכ-מאכן טאג טעגליך געשיכטליכע עקספערימענטן. די שוועריקייט באשטייט אין דעם וואס די פאליטישע פאקטארן פון דעם אדער יענעם צד קענען חושד זיין דעם שרייבער אין וועלכע ס'איז פאליטישע כונות. שרייבנדיק וועגן דער עוואליוציע פון רעליגיעזן געדאנק וואלט אבער אנ'עוולה געווען, ווען דער מחבר בארירט ניט אזא וויכטיקע היסטארישע בלעטל ווי וועגן דער עוואליו-ציע וואס רעליגיע האט דורכגעמאכט אין די יארן פון דער גרויסער רוסישער רעוואליוציע. דער שרייבער געפינט פאר נייטיק צו פארזיכערן, אז ער האט דערביי קיינע פאליטישע טענדענצן. ער וויל ניט קוקן אויף די געשעענישן ניט דורך ווייסע און ניט דורך רויטע גלעזער, נאר דורך ריינע פאקטן. אזוי אבער ווי יעדער מענטש האט דאך א געוויסן ארט דענקען, און ווי א לעבע-דיקער מענטש מוז ער צוגיין צו זאכן לויט זיינע איבערצייגונגען, געפינט דער מחבר פאר נייטיק צו באקאנען די לעזער מיט אייניקע מאמענטן פון זיין ארט דענקען. אין באצוג צום שטרייט צווישן די היסטארישע מאטעריא-ליסטן און אידעאליסטן, וואס די ערשטע זאגן, אז די געשיכטע רעדער ווערן געטריבן בלויז דורך מאטעריעלע פאקטארן און די צווייטע זאגן, אז פריער קומט די אידעע און לויט די אידעען ענטוויקלט זיך דאס מאטעריעלע זיין, איז דער מחבר ניט איינשטימיק ניט מיט די ערשטע און ניט מיט די צווייטע, ווייל ער איז בא דער איבערצייגונג, אז איינצייטיק ווערן די געשיכטע רעדער געטריבן דורךביידע פאקטארן: אידעען און גרויסע וועלט דענקער זיינען די וועלכע עס גיבן א טאן אין מענטשלעכן לעבן און דער מאטעריעלער פאקטאר רופט ארויס געוויסע אידעען. די ווירקונג פון ביידע פאקטארן, סיי פון מאטע-ריעלן סיי פון אידעאלן, זיינען אזוי געפלאכטן און זיי פליסן איינצייטיק פונקט ווי פון צוויי קראנען. א קאלטן און א הייסן, גיסט זיך וואסער אין א וואנע. צייטנווייס שטארקט זיך די קאלטע און צייטנווייס די הייסע. אבער פון ביי-דע צוזאמען אנשטייט די וואנע צום באנוצן זיך.

איינצייטיק איז דער מחבר בא א פעסטער איבערצייגונג, אז אונזער עפאכע סיי די קאפיטאליסטישע וועלט און סיי די מארקסיסטישע וועלט שטעקן אין דער רעליגיעזער אנטיטעזע, ווייל די רעליגיעזע וועלטאנשויאונג איז ניט דערהויבן געווארן צו דעם פראגרעס פון וועלטלעכן ארט דענקען. דאס האט

געבראכט צו איגנאראציע און ניט דערשאצונג פון דער רעליגיעזער פראבלעם. באזונדערס שטעקט דער מארקסיזם אין דער אנטיטעזע און וויל ניט אנער־קענען רעליגיע אפילו אלס פראבלעם וועגן וועלכער ס׳איז ניט ווערט צו ריידן. דער מחבר וועלכער, נאך א לאנגער סאציאלאגישער פארשונג איבער דער געשיכטע פילאזאפיע, איז געקומען צו דער פעסטער איבערצייגונג, אז רעליגיע מאכט דורך בלויז א עוואליוציע אין אירע פארמען, איר אינהאלט בלייבט אבער א שטענדיקער פאקטאר אין מענטשלעכן לעבן, באהאלט ניט אט די איבערצייגונגען זיינע, וועלכע ער וויל ניט אנבינדן דעם לעזער סתם אבכטראקט, נאר אויף וויפיל מעגלעך באגרינדן אויף וויסנשאפטלעכע און היסטארישע פאקטן.

פון אנפאנג אן, האט די רוסישע רעוואליוציע באגעגנט מיט שנאה דעם רוסישן קלער, וועלכער איז געבונדן געווען מיט דער רוסישער פראוואסלאווע־נער קירך און איינצייטיק מיט די רוסישע מלכים און רעגירער. זענדיק ווי די גייסטלעכע באציען זיך מיט שנאה צו די רעוואליוציאנערן, האבן די רע־וואליוציאנערן געשטרעבט צו פארניכטן די קירך צוזאמען מיט דער רעאקציע. פון אנפאנג איז דער קאמף געווען א פארביטערטער. פיל גייסטלעכע זיינען פארמשפט געווארן פאר קאנטאר־רעוואליוציע, פיל האבן געהיים געארבעט קעגן די רעוואליוציאנערן. די רעגירונג האט ארגאניזירט די אנטירעליגיעזע פראַ־פאגאנדע. דער קאמף מיט רעליגיע איז געווען א טייל פון דער מלוכה טע־טיקייט. איבעראל איז געפירט געווארן אנ׳אויפקלערונג, אז רעליגיע איז דער סימבאל פון רעאקציע און קאנטאר־רעוואליוציע, רעליגיע איז אַפיום פארן פאלק, רעליגיע פארטונקט דעם רעוואליוציאנערן באוווסטזיין— צוזאמען מיטן קאפיטאליזם מוז אויך די רעליגיע אומקומען. די קירכן און אנדערע בתי תפילה זיינען פארוואנדלט געווארן אין קלובן פאר דער פארטיי און אנדערע רעגירונגס אינסטיטוציעס. כאטש אפיציעל איז לויט דער אינסטרוקציע פון יוסטיץ קאמיסאריאט פון 24־טן אויגוסט 1918 האבן יעדער גרופע פון 20 בירגער געהאט רעכט צו גרינדן א רעליגיעזע גרופע, אויפן סמך פון א אפ־מאך מיטן אָרטיקן ראט וועגן באקומען א בית תפלה אין באנוץ. דאך אין דער פראקטיק האבן די בירגער געוווסט מיט וואס פאר א געפאר עס דראט צו פארנעמען זיך מיט אזעלכע זאכן וואס ווערן באצייכנט פאר קאנטאר־רעוואליוציע.

פאקטיש איז רעליגיע ניט בלויז געווען אויסגעטיילט פון דער מלוכה, נאר דער רעליגיעזער אונטערריכט איז געווען פארבאטן אין די מלוכה׳שע, געזעלשאפטלעכע און פריוואטע שולן. לערנען רעליגיעזע למודים האט געמוזט פארקומען אויף א פריוואטן אופן און אין גרופעס ניט ווייניקער ווי צו

דריי קינדער.

כאטש לויטן ארטיקל 4 פון דער דאמאלסטיקער רוסישער קאנסטיטו-
ציע האבן אלע בירגער געהאט פרייהייטס רעכט פון רעליגיעזע און אנטירע-
ליגיעזע פראפאגאנדע, דאך איז די אנטירעליגיעזע פראפאגאנדע טאקע פריי
געווען און קעגן רעליגיע האט די קאמוניסטישע פארטיי געפירט א ביטערן
קאמף.

די ראטן-רעגירונג האט אבער באמערקט, אז אויב איר האט זיך איינ-
געגעבן צו ברעכן דער רוסישער רעאקציע, דעם קאפיטאליזם מיט זיינע רעכט;
אוועקשטעלן א נייע רעכט מיט א נייעם לעבן, איז בנוגע רעליגיע איז זי
געבליבן אומבאהאלפן. רעכענענדיק זיך מיט די שטימונגען צווישן די פויע-
רים, איז דעם 13-טן יוני 1921 יאר דערשינען א דעקרעט וואס האט ער-
לויבט צו ארגאניזירן רעליגיעזע שולן פאר דערוואקסענע אין עלטער פון 18
יאר אויף צוגרייטן גייסטלעכע. דאס האבן געהאט רעכט צו עפענען פריווא-
טע פערזאנען מיט דער דערלויבעניש פון די אויספיר קאמיטעטן. רעליגיעזע
גרופן און געזעלשאפטן, האבן אזעלכע רעליגיעזע שולן ניט געקענט עפענען,
ווייל זיי האבן ניט געהאט די רעכט פון יורידישע פערזאנען.

שפעטער איז, לויט דער אינסטרוקציע פון יוסטיץ קאמיסאריאט פאר
אינערלעכע ענינים פון 27 אפריל 1923 יאר, ערלויבט געווען יעדער גרופע
פון 50 בירגער צו גרינדן א רעליגיעזע געזעלשאפט, די געזעלשאפט איז
אבער ניט קיין יורידישע פערזאן.

צוליב דער אויפרעגונג וואס די אנטירעליגיעזע קאמפן האבן ארויסגע-
רופן צווישן די מאסן, האט דער דרייצנטער פארטיי צוזאמענפאר פון 1924
יאר אנגענומען א ספעציעלע רעזאלוציע: „ניט צו באליידיקן די רעליגיעזע
געפילן פון דער באפעלקערונג" און פירן אנטירעליגיעזע פראפאגאנדע אויס-
שליסלעך דורך אויפקלערונג פון די מאסן. (איזוועסטיע №125 פון 3 יוני 1924).

פון אנקומען פון דער באלשעוויסטישער אקטאבער רעוואליוציע, איז
די באציאונג צו רעליגיע געווען א לעניניסטישע. רעליגיע איז אנערקענט גע-
ווען אלס שעדליך פאר דער רעוואליוציע, און לויט דער רעוואליוציאנערער
מאראל מוז באזייטיקט ווערן פון וועג אלץ וואס איז שעדלעך פאר דער
רעוואליוציע.

אין הוך פון רעליגיע האט מען אפילו ניט געוואלט ארייַנדרינגען. „רע-
ליגיע איז שעדלעך פאר דער רעוואליוציע און דערפאר מוז זי באקעמפט
ווערן" דאס איז געווען דער הויפטגעדאנק.

וועגן לעבנס שטעלונג צו רעליגיע, געפינען מיר אין זיינע א בריוו

צו מאקסים גארקי, נאך אין די יארן פון זיין עמיגראציע: „טייערער א. מ. דערהאלטן היינט אייער בריוו און איי̇ל אייך צו ענטפערן. איך האלט מייך נסיעה פאר א ציללאזע זאך, און אפילו פאר א שעדלעכע. איך קאן ניט און וויל ניט האבן צו טאן מיט מענטשן, וואס האבן זיך געשטעלט פאר א ציל צו פריידיקן, אז מען זאל פאראייניקן דעם וויסנשאפטלעכן סאציאליזם מיט רעליגיע. אוועק שוין די צייטן פון די העפטלעך. ס׳האט ניט קיין זינען צו פירן פאלעמיקעס און זיך אנשטרענגען די נערוון. מיר מוזן אפזונדערן די פילאזאפיע פון רעליגיעזע ענינים. איבריקנס פארפליכט אונז אויך דערצו דער באשלוס פון צ. ק. און ווייטער, ווען ס׳וואלט טאקע נייטיק געווען אונזער שמועס וועגן „פראלעטארי״ וואלט איך געקאנט צו אייך צופארן, כאטש כ׳וויס ניט פונוואנען צו נעמען געלט דערויף, ווייל מיר זיינען אויף גרויסע צרות. אבער איך חזר איבער: מיטן תנאי, אז איך זאל ניט דארפן מיט אייך ריידן ניט וועגן פילאזאפיע, ניט וועגן רעליגיע. אייער ל.

הארציקע גרוסן פאר מ. פ.-נאן, זי פארטיידיקט ניט מסתמא גאט״.

אין א צווייטן בריוו שרייבט לענין צו גארקין: „שאפן געטער — צי איז דאס ניט די נידעריקסטע פארם אליין באשפייען זיך? ווער עס פארנעמט זיך מיט דער שאפונג פון עפעס א גאט, אדער וואס אפילו ער באשטייט אויף אזא מין שאפן—דער שפייט אויף זיך אליין. ווייל אנשטאט זיך צו נעמען צו דער ארבעט, שפילט ער זיך מיטן ארייַנקוקן אין אייגענעם „איך״—און דוקא אין די נארישסטע, העסלעכסטע און שקלאפערישע שטריכן פון דאזיקן „איך״ וואס ער וויל פארגעטערן מיט דער הילף פון שאפן געטער. פון געזעלשאפטלעכן שטאנדפונקט און נישט פון פערזענלעכן, איז יעדער שאפן געטער נישט עפעס אנדערש, ווי דוקא צוקוקן זיך צו זיך אליין אין שפיגל! דאס פאסט פאר דער געדאנקנלאזער בורזשואזיע, פאר דעם שוואכן פילִיסטער, פאר די טרוימערישע קליינבירגער, וואס זיינען אנטוישט און מיד״.

אין אלע זיינע שריפטן און רעדעס האט לענין אנגעוויזן אויף דעם, אז דער ארבעטער קלאס מוז אנשטרענגען אלע כחות צו באקעמפן רעליגיע, דעם שונא פון דער קאמוניסטישער געזעלשאפט.

„אונזער וויכטיקסטע ארבעט-שרייבט לענין—וועט אלע מאל בלייבן אין דעם נאך נישט אנטוויקלטן המון דערוועקן די פאראינטערעסירונג צו באוווסטזיניקער קריטיק צו רעליגיע״. אויך אין היסטארישן אידעאליזם האט לענין געזען א מין „פארמאסקירטע רעליגיעזישקייט״ אלס א „באהאלטענע טעאלאגיע״ וואס האלט, אז סיי די נאטור סיי די געזעלשאפט פארמעגן א אינסטינקט פון עפעס א ציל. אָט דעם מין דענקען האט לענין געהאלטן פאר א „פאר-

שטעלטער פארשטעלונג וועגן גאט", אפילו ווען ס'איז געווען געטויבלט אין אלע וואסערן פון דענקען.

לענין האט אבער געזוכט א גייסטיקע באפרידיקונג וואס זאל פארטרעטן דעם אָרט פון רעליגיע. ווען אין 1919 האט גאלקין געוואלט פארמאכן דעם גרויסן טעאטער, איז לענין געווען קעגן זאגנדיק: „מיר דאכט זיך נאר, אז ח' גאלקין האט אביסל א נאאיווע פארשטעלונג וועגן דער ראלע און די באַדייטונג פון די טעאטערס. א טעאטער איז נייטיק ניט אזוי צוליב פראפאגאנדע, ווי פארן אפרו פון ארבעטער פון טאג-טעגלעכער ארבעט. ס'איז נאך צו פרי פאר אונז איבערצוגעבן אין ארכיוו די ירושה פון דער בורזשואזער קונסט".

אויפן אלפארבאנדישן צוזאמענפאר פון דעם 25-טן מאי 1925 האט קאלינין דערציילט, אז ווען ס'איז איינמאל געקומען צו רייד מיט לענינען מיט וואס צו פארבייטן רעליגיע, וועלכע מוז אומפארמיידלעך פארשווינדן פון די ארבעטנדיקע מאסן, האט לענין באמערקט. אז אחוצן טעאטער ד. ה. דער קונסט, איז ניטא קיין איין אינסטיטוט, קיין איין אָרגאן. מיט וועלכע מיר וואלטן קענען פארבייטן רעליגיע".

פון דעם איז צו באמערקן, אז לענין האט אנגעפאנגען אפשאצן דעם אָרט וואס רעליגיע האט פארנומען אין לעבן און ער האט שוין אנגעפאנגען טראכטן מיט וואס אנצופילן דעם אָרט פון דער כלומרשט ארויסגעשטויסענער, דורך דער רעוואליוציע, רעליגיע.

פונקט ווי מארקס האט פארווארפן רעליגיע צוליב זיין הויפט ציל פון דער פאליטישער עקאנאמיע, אזוי האט לענין פארווארפן רעליגיע צוליב זיין הויפטציל: רעוואליוציע און דיקטאטור פון פראלעטאריאט.

ניט מארקס און ניט לענין האבן ניט געוואלט פארטיפן זיך און פארנעמען זיך מיט פילאזאפיע איבער רעליגיע, ווייל דאס איז פאר זיי ניט געווען קיין פראבלעם.

און כאטש מארקס און לענין האבן זיך ניט פארנומען מיט פילאזאפיע איבער רעליגיע, זיינען זיי געבליבן, לויט זייער מאטעריאליסטישן שטאנדפונקט, קאנסעקווענטער און אויסגעהאלטענער פון די קאמוניסטישע פירער לונאַטשארסקי און בוכארין וועלכע ס'האבן געפרווט פילאזאפירן וועגן רעליגיע און זייער מארקסיסטישע פילאזאפיע איז געבליבן ניט מער ווי א פלאכע וויסנשאפט.

אין זיין ווערק „רעליגיע און סאציאליזם" באהאנדלט לונאטשארסקי ברייט די פילאזאפיע איבער רעליגיע פון מארקסיסטישן שטאנדפונקט און ער וויל פון מארקסיזם א רעליגיע מאכן.

לונאטשארסקי געהערט צו די וועלכע ס'שאצן יא אָפּ די היסטארישע ווירדע פון רעליגיע. צווישן אנדערע זאגט ער: „דער אויפקלערער, וואס קעמפט מיט די שעדלעכע פארמען פון רעליגיע, וועלכע איז געווארן א רעאקציאנערע קראפט, מאכט גערן פאר דעם גרונדצייכן פון רעליגיע נאר דאס אין איר, וואס ס'קאן לייכט באַווייזן ווערן איר שעדלעכקייט און קראפטלאזיקייט. ער כאפט זיך אָפּ פאר די אויסערלעכע סמנים פון רעליגיע, פאר איר מיטאלאגיע דאגמען, זיי דערקלערט ער פאר דער נשמה פון יעדער רעליגיע, ער באווייזט זייער ווידערשפרוך צו דער וויסנשאפט און צום פראגרעס און פאראורטיילט „רעליגיע בכלל" צו אן אומפארמיידלעכן טויט. א מענטש מיט א גרויסן חוש פאר היסטארישער נאכפאלגערשאפט, פאר היסטארישע ירושה זאכן, וואס דענקט און פילט ווייניקער ראציאנאליסטיש, נייגט זיך מער צום געדאנק, אז דער תוך פון רעליגיע קאן און מוז איבערלעבן אירע פארמען. אים זעט אויס מאדנע און אומווארשיינליך, אז א גאנצער געביט פון גייסט זאל אפשטארבן, אז יענער סדר פון געפילן און געדאנקען, וואס האט געדינט פאר דעם אַקס פון פסיכישן לעבן פון נאציאנען, זאל שפורלאז צושטערט ווערן. הינטער די פארמען פון רעליגיע זוכט ער יענע באדערפענישן וואס האבן די רעליגיע באשאפן און ער פרעגט זיך — צו די דאזיקע באדערפענישן זיינען באפרידיקט, אדער די מענטשן האבן זיך אפגעזאגט פון זיי, פאראורטיילט זיי און זיי זיינען אטראפירט געווארן? און אויב ניט, ווי ווערן זיי איצטער באפרידיקט? און דאס וואס באפרידיקט זיי, צו האט עס ניט טיפע אנאלאגיען מיט די אלטע פארמען פון רעליגיע, ניט קוקנדיק אויפן גרונד-אונטערשייד, טאקע מצד דער פארמע? אזא פארשער וועט זיך פארווילן צו דערגרייכן אין זיין דעפיניציע פון רעליגיע יענע שטריכן אירע, וואס בילדן די סאמע טיפקייט פון איר גייסט, נעמליך אירע באציאונגען צו די גרונד-באדערפענישן, צו די גרונד-פארלאנגען פון דעם מענטשן. געוויס אנטשטייט אבער דערביי א פראגע: לאז די נייע סיסטעמע, וואס באפרידיקט יענע פארלאנגען אויף אזוי פיל טאקע זיין פארבונדן מיט רעליגיע. אבער קאן מען דען אנרופן זיי מיטן אלטן נאמען, בעת ס'ווערט אנערקענט א ראדיקאלע פארמעלע אונטערשיידונג? געוויס איז נאך פאנטעאיזם א רעליגיע, אבער קאן מען דען אנרופן רעליגיע כאטש די רעליגיע פון דער מענטשהייט, וועגן וועלכער ס'האט געטרוימט דער פאזיטיוויסט קאנט? איך וועל זאגן, אז אויך דא פירט זיך אלץ דערצו, אויף וואס עס שטייט פאר אונז דער טראָפּ — אויף דער פארמע, ס'הייסט אויף דעם; ווי האט געענטפערט רעליגיע, אדער אויף דעם, אויף וואס זי האט געענטפערט.

אויך צווישן די אנהענגער פון ביא-פסיכאלאגישער דיפיניציע פון רע-ליגיע (אין אונטערשיידונג פון דער ראציאנאליסטישער דעפעניציע) איז מעג-לעך א ראדיקאלע מיינונגס פארשיידנהייט, ווארום אויף דער פראגע: „אויף וועלכע פונדאמענטאלע פאדערונגען פון מענטשלעכן גייסט האט רעליגיע גע-ענטפערט? קאנען געגעבן ווערן פארשיידענע ענטפערס.

פאר די מער נאענטע צום ראציאנאליזם באשטייען די דאזיקע פאדע-רונגען און דעם שטרעבן אריינצודרינגען אין „די סודות פון דער וועלט". זיי ווילן דארום האלטן פאר א פארטזעצונג, פאר א נייע פאעזיע פון רעלי-גיע יעדע מעטאפיזיק, און זיי ווילן די מעטאפיזיק פראקלאמירן פאר ניט שטערבלעך. אנדערע די מער נאענטע צום עקאנאמיזם, וואלונטאריזם ביא-לאגיזם—וועלן זען דעם תוך פון די דאזיקע פאדערונגען אין די פראבלעמען פון גליק, גערעכטיקייט, פולקאמענהייט, מאכט, אומשטערבליכקייט, און פאר א נייע פאזע פון רעליגיע וועלן זיי האלטן, דעם נייען טיף, רעאליסטישן און ענטוזיאסטישן אידעאליזם".

לונאטשארסקי זאגט: „און וואס באדייט האבן א רעליגיע? דאס באדייט פארשטיין צו דענקען וועגן דער וועלט און צו פילן די וועלט אויף אזא אופן, אז די ווידערשפרוכן צווישן די געזעצן פון לעבן און די געזעצן פון דער נאטור זאלן פאר אונז אויפגעלייזט ווערן. דער וויסנשאפטלעכער סאציאליזם לייזט אויף, פארענטפערט די דאזיקע ווידערשפרוכן ארויסשטעלנדיק די אידעע וועגן דעם נצחון פון לעבן, וועגן דער אונטערטעניקייט פון די נאטורקרעפטן צום שכל דורך ערקענטניש און ארבעט, דורך וויכנשעפט און טעכניק". „מיר באהויפטן, אז רעליגיע לעבט און וועט לעבן, נאר אז זי האט פולשטענדיק איבערגעביטן אירע פארמען. אין אמתן האבן אויך די פריערדיקע רעליגיעס געדורשט נאך גליק און האבן געשטרעבט דערצו דורך דערקענטניש און ארבעט. אבער די ערקענטניש און ארבעט זיינען איצט ריינער געווארן, זיי האבן זיך אפגערייניקט פון די פסלת, פון די אומגעלומפערטע השערות און פאלשע מאניערן און דאס האט נאר געקענט דערהויבן רעליגיע צו א נייער העכער מדרגה, אבער פאר קיין פאל ניט צו צושטערן זי".

צום סוף קומט לונאטשארסקי צום אויספיר, אז מארקס האט געבראכט א נייע רעליגיע: „מארקס איז אין א געוויסן זינען געווען דער פארטזעצער פון דער זאך פון די נביאים, דער אנזאגער פון גערעכטיקייט". ער שרייבט:

„ס'קאן ניט פארגליווערט ווערן אין א דאגמע די לעצטע גרויסע רעלי-גיע, וואס א ייד א ריז האט געשאנקען דעם פראלעטאריאט און דער מענטש-הייט". און ווייטער: „מארקס לערע איז געווען די פינפטע גרויסע רעליגיע,

וואס דאס יידנטום האט פארמולירט. אין דעם וויסנשאפטלעכן סאציאליזם האט ווידער אמאל און מיט א גרויסער קראפט זיך אפגעשפיגלט דער יידישער רעאליזם. אין אים איז ניטא און ס׳קאנען ניט זיין קיינע פארשטעלונגען, וואס שטייגן אריבער אונזער וויסן. דאס איז די רעליגיע פון דער אנטוויקלונג פון דעם מענטשלעכן מין, שטרעבנדיק צו מאכט דורך ארגאניזאציע, וויסנשאפט און טעכניק״.

לונאטשארסקיס מארקסיסטישע-רעליגיע קען אבער ניט אנגערופן ווערן רעליגיע, ווייל זי אנטהאלט אין זיך ניט קיין זאך וואס יעדער רעליגיע מוז אנטהאלטן און וועט בשום אופן ניט קענען פארנעמען דעם אָרט פון רעליגיע.

1) דער מארקסיזם איז פאליטיש און רעליגיע מוז אין איר גרונט זיין פשוט, תמימותדיק, אפאליטיש. דער פאליטישער מאמענט אין יעדער רעליגיע האט שטענדיק אויסגעדריקט די פעלשונג און פארגוואלדיקונג פון דער אום־שולדיקער רעליגיע; די פאליטיק האט געבראכט דער רעליגיעזער אנטיטעזע, דעריבער קען די טעאריע פון רעליגיע ניט געבויט ווערן אויף פאליטיק. מען קען ניט נעמען די נעגאטיווע זייט פון רעליגיע, די אנגעוואק־סענע ווילד גראז וואס רופט זיך פאליטיק און מאכט און בויען אויף דעם רעליגיעזע עטיק.

2) דער מארקסיזם האט נאך ניט דערגרייכט צו זיין ענדציל פון אמתן סאציאליזם אין פאלקאמען זין פון ווארט, און ניט קיין ענדגילטיק פאלקאמע סאציאלע לעבנס פראקטיק, קען ניט ווערן א יסוד פאר רעליגיע. א היסטא־רישער פאקט איז, אז פארווירקלעכונג פון א סאציאליסטיש קאמוניסטישער געמיינדע האט געקענט געשען. נאר אין בונד מיט אסקעטישן רעליגיעזן עקסטאז. דער מארקסיזם קען קיין רעליגיע ניט ווערן, ווייל אום כדי ער זאל דערגרייכן זיין ציל מוז ער האבן דערביי א רעליגיעזע באגייסטערונג.

3) דעם מארקסיזם פעלט דער יסוד, וואס יעדער רעליגיע מוז פארמעגן, דאס איז א איבערנאטירלעכער וועלט משגיח וואס רעגירט מאראליש מיט דער וועלט—גאט. דארט וו ס׳איז ניטא קיין גלויבן אין גאט קען קיין רע־ליגיע ניט זיין. מען קען ניט קומען צו מענטשן, מיט א פראגראם פון א פא־ליטישער פארטיי, און זאגן איר, אז דאס איז איר גאט.

4) מען קען ניט שאפן קיין שפאגל נייע רעליגיעס, ווייל יעדער רע־ליגיע ציט איר יניקה פון נבואה און געטלעכע אנטפלעקונג. יעדע רעליגיע ציט זיך פון מסורה פון דור דורות און טראדיציע. אָן נבואה (ס׳קען זיין פון פאנטאסטישן שטאנדפונקט פון נאטירלעכער דערקענטניש) קען קיין רעלי־גיע ניט זיין. מען קען ניט קומען ווי אהרון האט געבראכט די גאלדענע

קאלב און זאגן: „דאס איז דיין גאט“. מיר זעען אפילו אין 1937 ווי די מאסן פארגעטערן מענטשן, ווי דאס האט באוויזן דער פאשיזם און דער מארקסיסטישער קאמוניזם. אבער די „פארגעטערונג“ איז באמת א געצנדינעריי צו דער גאלדענער קאלב פון מאטעריעלע נוצן—פון אונטערחנפענען צו פארנעמען א בעסערן פאסטן און ציען בעסערע נוצן. קיין געקינסטלטער ענטוזיאזם וועט אבער ניט פארנעמען דעם אָרט פון אמתן רעליגיעזן ענטוזיאזם. רעליגיע פארכאפט מענטשן דאן, בעת די מענטשלעכע פערזענלעכקייט ווערט געצויגן צו דער גיגאנטישער איבערוועלטלעכער אביעקטיווער קראפט—די מעכטיקע קראפט צו וועלכער דער מענטש אליין קען קיין מאל ניט דערגרייכן. ס׳האט אבער קיין ווירדע די רעליגיע בא וועלכער א מענטשלעכע האנט איז דא דערביי.

5) דער מארקסיזם פארנעמט זיך מיט די פראבלעמען פון פראדוקציע און פאליטישער עקאנאמיע, בעת רעליגיע פארנעמט זיך מיט אלוועלטלעכע פראבלעמען. דורך רעליגיע זוכט דער מענטש אנ׳ענטפער אויף פראגן, וועלכע די וויסנשאפט איז ניט בכח צו ענטפערן — דורך רעליגיע זוכט דער מענטש אנ׳ענטפער אויף פראגן פון לעבן און טויט.

צו שמאל איז די דעפיניציע פון לונאטשארסקי וועגן רעליגיע, ווו ער זאגט: „רעליגיע איז אזא אַרט דענקען וועגן דער וועלט און אזא אַרט פילן די וועלט, וואס לייזט אויף פסיכאלאגיש דעם קאנטראסט צווישן די געזעצן פון לעבן און די געזעצן פון דער נאטור“.

די דעפיניציע דארף פארברייטערט ווערן מיטן צוגאב, אז רעליגיע איז אזא אַרט דענקען וועגן וועלט און לעבן, ווו דער מענטש פילט זיך אפהענגיק פון מאראלישן וועלט כח, ווו דאס לעבן גייט אין הארמאניע מיטן עטישן אייביק געדעכטן עטישן וועלט אָרדנער. דער אמתער מאמין איז גוט און ערלעך, ווייל ער גלויבט אין כח פון גוטסקייט און אין די שלעכטע רעזולטאטן פון אומגערעכטע אומארנטלעכע האנדלונגען.

6) רעליגיע גיט דעם מענטשן די הייליקע רואיקייט פון געמיט, שטימונגען און סענטימענטן מיט מיסטישער געזאנג און הייליקע מאלצייטן. דער מארקסיזם איז קעמפעריש ווייט פון וועלכע ס׳איז סענטימענטן. דער מארקסיזם אן און פאר זיך איז ניט קיין רעליגיע. קיינער רופט אים ניט רעליגיע און קומען געבן א נאמען בלויז א זאך, וואס עס איז פאקטיש ניט דאס, האט קיין זין.

7) דער מארקסיזם האט ניט צו טאן אין זיין עבר מיט רעליגיע. יעדער רעליגיע, לערנט אונז די געשיכטע, איז ראפארמירנדיק זיך, ציט זי אירע פעדים פון דער טעזע פון דער רעליגיעזער פארם וואס זי גייט פארטרעטן. דער מארקסיזם אנטהאלט ניט אין זיך קיין זאך וואס זאל קענען ממלא זיין

דעם חלל פון רעליגיע און האט ניט צו טאן מיטן עבר פון וועלכער ס'איז רעליגיע.

דער מארקסיזם איז א פאליטישע באוועגונג, וועלכע פארמעגט איר אייגנהייטלעכע לעבנס פראגראם, איר אייגענע מאראל באגריפן און איר קוק אויף רעכט און גערעכטיקייט. דער מארקסיזם פארמעגט א לעבנס ענטוזיאזם און א גלויבן מיט א משיחיזם וואס דארף ברענגען גליק דער מענטשהייט. דער מארקסיסטישער משיחיזם איז אבער א וועלטלעכער, דאס איז א גלויבן פון אונטערדריקטע, וועלכע טראכטן בלויז פון נקמה און קאמף מיט די פא־ליטישע קעגנער. דער מארקסיזם איז א גרויסע פאליטישע באוועגונג, אבער ניט קיין רעליגיע.

אייניקע ווייזן אָן אויף דעם גלויבן און ענטוזיאזם אין רוסלאנד ווי אויף א נייע רעליגיע. די דאזיקע פירן דורך אן אנאלאגיע צווישן רעליגיע און מיטן רוסישן אַרט גלויבן. פונקט ווי אונטער א רעליגיע ווערן אלע פאראייניקט צו איין ציל און איין גלויבן. אין רוסלאנד זיינען פאראן אויטאריטעטן פונקט ווי בא רעליגיעס און די שריפטן פון מארקס און לענין ווערן ציטירט פון די קאמוניסטן ווי די ביבל דורך די פרומע רעליגיעזע מאמינים. דער קאמוניזם האט זיינע מארטירער און הייליקע זאכן ווי לענינס מאוזאלעאום וכדומה. פונקט ווי רעליגיע גלויבט אין א משיח גלויבט דער מארקסיזם, לויט זיין שטאנדפונקט, אין א גליקלעכע צוקונפט פאר דער געזעלשאפט. גאנץ טרעפ־לעך באמערקט ד"ר חיים זשיטלאווסקי וועגן די דערמאנטע מיינונגען, אז די פאראלעלן זיינען שטריכן ניט פון רעליגיעזן גלויבן אין זיין עצם תוך, נאר פון פאנאטישער אבערגלויבערישקייט, וואס איז דער שאטן זייט פון אלע ביז אהעריקע רעליגיעס. ס'פעלט דערביי די צענטראלע זון וואס א גלויבן פאר־מעגט. די צענטראלע זון, וואס שיידט אָפּ רעליגיע פון אלע אנדערע נשמה איבערלעבונגען, זיינען — דער עיקר — די געפילן פון הייליקייט („קדושה וטהרה") יענע אויסערלישע פסיכישע שטראלן, וואס לייטערן אויס א מענטשלעכע נשמה, הויבן זי ארויס פון דער וואכעדיקייט, פון דער „טאג־טעגלעכקייט" און הויבן זי אויף אין א וועלט פון אידעאלן, ווו די אייגענע אינדווידועלע עק־זיסטענץ, מיט אירע נויטן, זארגן און באדערפענישן שרומפן צונויף צו א קוים־באמערקבארן פונקט. ווו די זעלביקע שטראלן קאנען אין געוויסע נשמות זיך פארנאנדערלייכטן אין אזא בלענדעדיקן שיין און זיך פארנאנדערגליען אין אזא פלאם, אז דער „איך" געפיל, מיט זיין אינסטינקט פון זעלבסטדער־האלטונג ווערט איינגאנצן אויסגעברענט פון דער נשמה, און עס איז דעם מענטשן גרינג צו גיין ווי א קרבן אויף „קידוש השם".

אין ביבל ווערט דערציילט א מאראליש באלערנדער געדאנק, אז דער קעניג דוד האט ניט זוכה געווען צו בויען א בית המקדש — הייליקן טעמפל פאר גאט, ווייל אין זיינע צייטן, אין פעריאד פון מלחמות, איז פיל בלוט פארגאסן געווארן. דער מארקסיזם שטייט נאך אויך אין פעריאד פון קאמף. זעלבער אין די טראנשייען קענען ניט בויען קיין רואיקע הייליקע טעמפלען. ערשט אין מאמענט, ווען דער סאציאליזם וועט זיך אומקערן צו זיין טעזע — צו זיין בונד מיט רעליגיע, און אין ליכט פון סינטעז, ד. ה. פון דער דער-הויבונג פון רעליגיע צו דער העכערער וועלטאנשויאונג, לויט די באגריפן פון דער פראגרעסיווער געזעלשאפט, וועלכע שטרעבט צום אידעאלן הייליקן רואיקן סאציאליזם, ערשט דאן קען ווערן דער סאציאליזם אלס דאגם פון דער העכערער רעליגיע. דאן וועלן אבער ניט זיין קיין זיגער און באזיגטע, דאן וועלן ניט הערשן קיין נאציאנאלע אדער קלאסן פריווילעגירטע. דאן וועט ניט זיין ניט קיין קאפיטאליסטישע און ניט קיין פראלעטארישע פריווי-ליגירטע אריסטאקראטיע, וואס געניסט פון פרעמדע פראצע. דאן וועט דער סאציאליזם סאנקציאנירט ווערן דורך דער הויכער רעליגיעזער עטיק.

נ. בוכארין, אין זיין „טעאריע פון היסטארישן מאטעריאליזם”, פארנעמט זיך שוין אביסל מיט דער „אפיקורסישער-פילאזאפיע” לויטן מוסטער פון די ענציקלאפעדיסטן פון אויפקלערונגס עפאכע פון XVIII יר"ה בוכארין שטעלט איבער אלץ דעם מאטעריעלן פאקטאר און פרווט זיך צוקלאפן דעם היסטא-רישן אידעאליזם צוזאמען מיט רעליגיע.

ווי באקאנט קומט דער היסטארישער אידעאליזם אין זיין ענדציל צום אינדעטערמיניזם און טעלעאלאגיע. ד. ה. צו דער לערע, אז די היסטארישע געזעצמעסיקייט מיט דער גאנצער קייט פון קוזאליטעטן און דעטערמינירטע פאקטן ציט זיך אין ענד צו דער ערשטער רינג פון א כח וואס שטופט שכל-דיק אלע סיבות מיט א געוויסן צוועק און ציל. אזוי ארום רעגירט אן עטי-שער וועלט כח. דורך א צוועקמעסיקער און מאראלישער ארדנונג, איבער וועלט און מענטש. דער היסטארישער אידעאליזם געפינט אין דער וועלט-גע-שיכטע די פרוכטן פון עטישן וועלט כח. וועלכער שטופט דעם דעטערמיניזם מיט אלע זיינע סיבות טעלאלאגיעס און צוועקמעסיק צו דער וועלט גערעכטיקייט. דאס איז פאקטיש א פילאזאפישע באגרינדונג פון השגחה פרטית, וואס אלע רעליגיעס האבן געלערנט.

בוכארין האט אין א ריי פארלעזונגען פאר די רוסישע אקאדעמיקער באמיט זיך צו צוקלאפן די אויספירונגען פון די פילאזאפן פון היסטארישן אידעאליזם און האט געזאגט, אז ס׳איז ניטא קיין צוועקמעסיקייט און קיין

אינדעטערמיניסטישע טעאלאגיע אין דער געשיכטע. ס׳איז ניטא קיין עטישער גייסטיקער כח וואס טרייבט אלץ צו גערעכטיקייט, נאר ס׳איז פאראן א מאַטעריעלער פאקטאר פון וועלכן אלץ קומט לויט פעסטע געזעצן פון דעטערמיניזם. און דאס זיינען בוכארינס געדאנקען: אין (§ 12) זאגט זיך בוכארין ארויס קעגן פרייהייט פון ווילן און ער זאגט, אז געפיל און ווילן פון מענטש זיינען אָפּהענגיק פון צושטאנד פון זיין ארגאניזם (פיזישע פארלאנגען) און פון דער סביבה אין וועלכער דער מענטש געפינט זיך. דער ווילן פון מענטש, פונקט ווי אנדערע זאכן אין נאטור, ליגט אונטער באשטימטע סיבות. מענטשן הערשן איבער זייערע באשלוסן און זיי פילן ניט דעם פאסיווען דרוק פון דער געזעלשאפטלעכער סטיכיע, ווען די אנטוויקלונג נעמט אָן א באוווסטזיניק-סטיכישן (§ 14). בוכארין איז קעגן דער עוונטועלער מעגלעכקייט פון צופעליקייט גלויבנדיק בלויז אין פעסטן געזעץ און ער זאגט אין § 15, אז פאר צופעליקע זאכן, האלט מען פאלגן פון געזעצמעסיקע סיבות, וועלכע לאזן זיך ניט שנעל פראקטיש אויסרעכענען. דער פעסטער געזעץ עקזיסטירט, נאר מיר ווייסן נאך אים ניט געגעוי מיט זיינע סיבות, וועלכע האבן דעטערמינירט. אויב ביים קרייצן זיך פון ווירקונגען פון צוויי אדער עטלעכע סיבהדיקע קייטעלעך קענען מיר נאר איינע, דאכט זיך אונז אויס די דערשיינונג, וואס אנטשטייט בא דעם דאזיקן קרייצן זיך, אלס א צופעליקע, הגם אין אמתן איז זי פאלקאם געזעצמעסיק. די געזעלשאפט אין איר אנטוויקלונג ליגט אונטער דער געזעצמעסיקייט, אזוי ווי יעדער זאך אויף דער וועלט. די נויטוועדיקייט דרינגט אומפארמיידלעך פון באשטימטע סיבות, אומאפהענגיק פון דעם צו זי איז גוט אדער שלעכט.

פון דעם וויל בוכארין דרינגען, אז ס׳איז ניטא קיין צוועקמעסיקייט און ציל לויט די גערעכטע טעלעאלאגישע געזעצן, וועלכע ברענגען רעזולטאטן לויט גוטסקייט און שלעכטסקייט פון דעם מענטשנס מעשים, נאר דאס וואס געשעט מוז אזוי געשען און ניט אנדערש, ווייל דער דעטערמיניזם פון די סיבות נויט צו דעם.

באמת אבער בלייבט בוכארין איינזייטיק אין די ראמען פון היסטארישן מאטעריאליזם, און קוקנדיק אויפן מאטעריאליסטישן וואלד זעט ער ניט די פארשיידענע ביימער אין וואלד. בוכארין וויל ניט באמערקן, אז אויפן מענטשן ווירקן פיל סיבות מחוצן מאטעריעלן זיין און פסיכיש אידעאליסטישע מאמענטן קענען זייער אָפט בא די זעלבע מאטעריעלע באדינגונגען ברענגען פארשיידענע רעזולטאטן. ברוך שפינאזא איז אויך אַן אָנהענגער פון דעטערמיניזם און פעסטע נאטור געזעצן, וועלכע ס׳פירן צו געוויסע רעזולטאטן א דאנק די

סיבות און אומשטענדן, דאך שטערט עס אים ניט צו דערפירן דעם דעטער-מיניזם ביזן אינדעטערמיניזם—די קייט פון סיבות ביז דעם ערשטן פסיכישן שטייט פון וועלכע די סיבות וויקלען זיך און קייקלען זיך נויטווענדיק. שפי-נאזא קומט אזוי פון נאטור געזעץ ביז גאט, ווייל שפינאזא איגנאָרירט ניט די פסיכישע מאמענטן וואס ווירקן פארשיידנארטיק בא מענטשן בא די זעלבע אומשטענדן. דער מענטש איז אונטערגעוארפן מחוץ די מאטעריעלע פאקטארן אויך פאקטארן פון גאוה, תאוה, קנאה, שנאה, אמביציע, מאכט-גייציקייט און ענלעכעס בא וועלכע ער פארווארפט אפט זיינע מאטעריעלע נוצן, און צוליב זיין אמביציע האנדלט ער קעגן די אייגענע מאטעריעלע אינטערעסן. אזוי ארום איז ניט ריכטיק אזא מין באהויפטונג, אז דער ווילן פון מענטשן איז ניט בייגיק מטעם וואס דער מאטעריעלער פאקטאר דעטערמינירט אים נויטווענדיק אין א געוויסע ריכטונג. אין דעם מאמענט וואס דער ווילן איז בייגיק בלייבט אָפן די טיר פארן אינדעטערמיניזם און טעלעאלאגישער צוועקמעסיקייט, וועל-כע רעגירן אויף דעם מענטשן לויטן עטישן געזעץ.

דעם העכסטן אָרט גיט אָפּ בוכארין דער וויסנשאפט: „מיט דער הילף פון דער געזעלשאפטלעכער וויסנשאפט זיינען פארויסגעזאגט געווארן: עקא-נאמישע קריזיסן, ענטווערטונג פון פאפיר געלט, וועלט מלחמה, סאציאלע רעוואליוציע אין זייער גלייכן".

„מיר קאנען דערווייל נאך נישט פארויסזאגן די דאטע פון דעם אָנקום פון דער אדער יענער דערשיינונג. דאס איז דערפאר, ווייל מיר האבן נאך ניט אזעלכע ידיעות פון געזעצן פון דער געזעלשאפטלעכער אנטוויקלונג, וועלכע מ׳זאל קענען אויסדריקן אין גענויע צאלן. מיר קענען ניט די שנעל-קייט פון די סאציאלע געזעצן. אבער מיר האבן די מעגלעכקייט צו וויסן זייער ריכטונג".

„אין די געזעלשאפטלעכע וויסנשאפטן, פונקט ווי אין די נאטור וויסנ-שאפטן, זיינען מעגלעך פארויסזאגונגען, נישט שארלאטאניש-זנאכעריש, נאר וויסנשאפטלעכע פארויסזאגונגען". § 18.

בוכארין גלויבט אזוי אין דער מאטעמאטישקייט פון געזעלשאפטלעכער וויסנשאפט, פונקט ווי אין דער וויסנשאפט פון כימיע, פיזיק, עלעקטרעציטעט און ענלעכע פעסטע נאטור געזעצן, וועלכע ס׳ענדערן זיך ניט און מ׳קען פינקטלעך אויסרעכענען די רעזולטאטן לויט עקספערימענטן. באמת איז, וואס אמבאלאנגט דאס געזעלשאפטלעכע לעבן, איז שווערער אויסצורעכענען, ווייל מ׳האט דא צו טאן מיט ווילנס פון מענטשן און אום צו וויסן די צוקונפט פון געזעלשאפטלעכן לעבן מוז גענוי געלערנט ווערן ניט נאר דער מאטעריעלער

פאקטאר, וועלכער איז געוויס איינע פון די וויכטיקסטע טרייב קרעפטן פון געזעלשאפטלעכן לעבן, נאר אויך איינזייטיק דארפן סטודירט ווערן די פסי־כישע, אנטראפאלאגישע און ענלעכע גייסטיקע צושטאנדן פון מענטש, אָן וואס פיל איז אָפּהענגיק. די געשיכטע ווייס פון פיל באוועגונגען פון עקאנאמיש סאציאלן כאראקטער. זי ווייס אבער אויך פון פיל באוועגונגען פון פסיכיש גייסטיקן כאראקטער. פסיכאלאגיע און ווילן פון מענטש איז א גרויסע געהיי־מעניש וואס די וויסנשאפט איז ווייט צו דערגרייכן צו איר ברעג. למשל האט דען בוכארין געקענט פארויסזען, אז אין ראטן־פארבאנד, בא דער פראקטיק פון מארקסיסטישע שטרעמונגען, זאלן געמשפט ווערן דורכן רעוואליוציאנערן געריכט און פארמשפט ווערן צום טויט די, וועלכע האבן ארויפגעשטעלט די רויטע פאָן פון באלשעוויזם אויפן מאסקווער קרעמל? צי האט בוכארין געקענט פארויסזען, אז ער דער טעארעטיקער פון מארקסיסטישן וויסנשאפטלעכן קא־מוניזם, זאל אנערקענט ווערן פאר א ״קעגנער פון באלשעוויזם? אָט די אלע געשעענישן און פאראדאקסן פון דער וועלט געשיכטע זיינען דען בלויז סיבות פון מאטעריעלן כאראקטער, אדער דא שפילט א ראלע, אידעען, איבערצייגונ־גען, אמביציע, מאכטגייציקייט און ענלעכע פסיכישע עמאציאנעלע פאקטארן אלס צוגאב צום מאטעריעלן פאקטאר. דער געדאנק פון מענטש איז בייגיק און איז אָפּהענגיק פון פיל אומשטענדן, וואס בא די זעלבע אומשטענדן האנדלט איין מענטש אזוי און דער צווייטער גאר אנדערש.

אין א געריכט־צוזאמענגשטעל, פאר וועלכן ס׳ליגן די זעלבע מאטעריאלן פון באשולדיקונגס אקט, די ריכטער זיינען אלע פון איין קלאס און סביבה און דאך קומט בא איינעם אויס שולדיק און בא דעם צווייטן אומשולדיק.

אין א קריגס־ראט ליגט א קארטע אויסגעשפרייט פאר עטליכע גענע־ראלן פון איין שטאב און אין עצם זיינען די מאטעריעלע און מלוכה באדינ־גונגען פאר די אלע גענעראלן גלייך. דאך קומט איינער צו איין פלאן און באשלוס און דער צווייטער צו א קעגנזעצלעכן. פיל מענטשן, וועלכע ס׳גע־פינען זיך בא די זעלבע באדינגונגען, סיי מאטעריעל סיי גייסטיק, האנדלען לגמרי קעגנזעצליך. געוויס קען די סאציאלאגיע, וועלכע סטודירט דאס געזעץ פון געזעלשאפטלעכן צוזאמענלעבן, פעסטשטעלן געוויסע סאציאלאגישע געזעצן, אבער דער גאנצער דעטערמיניזם מיט אלע סיבות יואס באווירקן דאס געזעל־שאפטלעכן לעבן, ציען דאך זייער יניקה פון שכל, וועלכער איז אפהענגיק פון געדאנק און פסיכיק וואס גרייכט ביזן אינדעטערמיניזם. כאטש ער איז ניט פריי פון דעטערמיניזם.

בוכארין מאכט אויך נאך דעם טעות פון פיל וויסנשאפטלייט פון XIX

יר"ה וואס האבן געמאכט פון דער וויסנשאפט א גלויבן. ווען א וויסנשאפט־מאן האט געזאגט, אז ער האט פעסטגעשטעלט, אז דער שטיין איז אלט דריי־סיק מיליאן יאר, האט מען אים געגלויבט. און איינצייטיק האט מען געגלויבט, אז די וויסנשאפט וועט פארענטפערן אלע פראגן, אפילו פון באשאפונגס גע־ביט. בוכארין זאגט למשל: „יעדער גוטער חזירים־האדעווער קען מיט דער הילף פון אפקלייב פון שפייז און צוזאמענפארונג פון אנטשפרעכנדע „ערס" און „זי־ס" בהדרגה שאפן נייע מינים: די יארקשירער חזירים — וואס קענען זיך גיט רירן פון פעטקייט, זיינען דאס ווערק פון מענשלעכע הענט". איז עס באמת ניט קאמיש אזא מין צונויפפלאנטערן א פראגע פון אגראנאמישער אוןווירטשאפטלעכער וויסנשאפט פון חזירים צוכט מיט דער פראגע פון וועלט באשאף! וואס פאר א שייכות האט פארן חזירים מיט באשאפן דעם ערשטן חזיר אויף דער וועלט? די וויסנשאפט קען זיך נאר באנוצן מיט דאס אלץ וואס מיר האבן אויף דער וועלט, די וויסנשאפט קען אויסלערנען אלע כימי־שע, פיזישע, ראדיא, עלעקטרעציטעט, טעלעוויזיע אין אנדערע אנדענקונגען, וואס די פראגרעסיווע מענטשהייט האט דערפונדן הייסט אבער ניט באשאפן. די וויסנשאפט קען זיך באניצן מיט פייער און וואסער, זי קען אבער בשום אופן ניט ענטפערן אויף דער פראגע: „פון וואנען קומט דער בראשית — דער ערשטער פייער און ערשטע ביסל וואסער. בוכארין וואלט קיין מאל ניט קענען ענטפערן פון וואנען און ווי אזוי ס'איז געקומען דער ערשטער חזיר אויף דער וועלט? און דעריבער איז ניטא מיט וואס צו בארימען זיך מיט דער פעהיקייט צוצופארן חזירים.

א פאקט איז אבער, אז בוכארינס מארקסיסטיש־אטעאיסטישע פילאזאפיע איז פאפוליאריזירט געווארן צווישן די ברייטע מאסן. איבערהויפט צווישן דער יוגנט. די אלע געדאנקען זיינען אויסגענוצט געווארן צו דער אנטירעליגיעזע פראפאגאנדע און די רעגירונג האט ער פאקטיש אינטערגעשטיצט. די ברייטע מאסן כאפן אויף פארטיקע לאזונגען און זיי ווילן ניט און קענען ניט נאכ־קאנטראלירן די טיפקייט און גרונט פון די לאזונגען.

איבער אלץ איז געשטעלט געווארן בלויז דער מאטעריעלער פאקטאר און ס'זיינען פארווארפן געווארן אזעלכע געדאנקען, וואס זיינען ארויסגעזאגט געווארן דורך די היסטארישע אידעאליסטן ווי א העגל, שעלינג, לעססינג, באסיוועט און אנדערע.

העגל זאגט אין זיין „פילאזאפיע פון דער געשיכטע": „דער פארשטאנד אין זיין קאנקרעטער פארשטעלונג, איז גאט. גאט רעגירט מיט דער וועלט; דער איבהאלט פון זיין רעגירונג, די אויספירונג פון זיין פלאן איז די וועלט־

געשיכטע". פיכטע האט געזאגט: „אין דער געשיכטע ווירקט שכל".

שעלינג האט געזאגט: „די געשיכטע — דאס איז א שטענדיקער בהדרגה זיך אויפעפענדיקע אנטפלעקונג פון אבסאליוטן" ד. ה. גאט.

לעססינג האט געזאגט: „די געשיכטע — דאס איז די „דערציאונג פון מענטשלעכן מין דורך גאט".

דער פראנצויז באסיועט (אין זיין בוך „באטראכטונגען וועגן דער אל־געמיינער געשיכטע" ערשינען אין 1682): „אין דער געשיכטע אנטפלעקט זיך „א געטלעכע השגחה איבער דעם מענטשלעכן מין". און אויב די מיינונגען פון די היסטארישע אידעאליסטן זיינען איינזייטיק, ווייל זיי דערשאצן ניט דעם כח פון מאטעריעלן פאקטאר, וואס איז איינער פון די גרעסטע טרייב־רעדער פון דער וועלט געשיכטע, איז אבער ווערט צו פארטראכטן זיך אויך וועגן ווירקונג פון מענטשלעכן געדאנק אויף דער געשיכטע.

אומאפהעניק פון מאטעריעלע פאקטארן, אדער אפילו שטרעבנדיק צו מאטעריעלע דערוווערבונגען, אבער מאכנדיק א טעות אין אויסרעכענונג, קען א באשלוס פון א היטלער, פון א מוסאליני און אפילו פון א מיניסטער אידען, אדער אנדערע וועלט פאליטיקער, האבן א דעצידירנדע ווירקונג אויף די געשיכט־לעכע רעזולטאטן. דערביי קען שפילן א ראלע אויך דער אמביציעזער פאק־טאר, די גאוה, מאכטגייציקייט און פאנטאזיע פון וואס מענטשן זיינען ניט פריי.

פאר דער וועלט־מלחמה איז געווען אונטערגעשריבן אן אפמאך צווישן ווילהעלם דעם II מיט ניקאלאי דעם II און שפעטער האט זיך ניקאלאי מישב געווען און מבטל געמאכט דעם בונד. ווען יענער בונד בלייבט אין קראפט, ווען אזא געדאנק פאלט אריין ניקאלאיען, וואלט די וועלט אנדערש אויסזען. עס איז אמת, אז דערביי זיינען געווען געוויסע מאטעריעל פאליטישע אויס־רעכענונג. ס'האבן דאך אבער געקענט זיין אויך אנדערע קאמבינאציעס, וואלט ניקאלאי ניט געבראכט אויף זיך זיין אומגליק. ווען ווילהעלמען וואלט ארויפ־קומען דער לאגישער געדאנק ניט צו פארטשעפען זיך מיט ענגלאנד. דורך זיין פארגרעסערן זיין ים פלאט, וואלט ער זיך פארהיט פון אן אומגליק. פאר־גרעסערנדיק זיין ים פלאט, האט ער נאך געקענט געווינען ענגלאנד דורך אן אפמאך, וואס ער האט ניט געטאן צוליב זיין אמביציע. אזוי ארום האט פראנקרייך געוונען סיי רוסלאנד סיי ענגלאנד. דער אנקום פון דער גרויסער רוסישער רעוואליוציע פון 1917 האט געוויס הינטער זיך א פאליטיש מאטע־ריעלן באדן. אבער קיינער קען ניט אפלייקענען, אז א געוויסער פסיכישער עלעמענט. א ענטוזיזם איבערן מאטעריאליזם, האט רעגירט מיט די ברייטע מאסן. פאקטיש אין דער מאטעריעלער מאמענט מיטן רעאלן קלאסן קאמף גע־

קומען ערשט שפעטער. אין איר אויפברויז, איז די רעוואליוציע געקומען, ווי א פסיכישער שטראם, וואס האט פארטרונקען גאנץ רוסלאנד.

דער היסטארישער באשלוס פון די ארבעטער און זעלנער דעפוטאטן ארויסצוגעבן די באקאנטע פאראָרדנונג №1 צו דער ארמיי צו שאפן רעוואַ-ליוציאנערע פאלקס-קאמיטעטן האט געלייגט דעם גרונדשטיין פון דער רוסי-שער רעוואליוציע. שיר איז ניט דורכגעגאנגען דער קעגנפארשלאג ניט צו שלעפן דער ארמיי אין פאליטיק, דאן וואלט אפשר די רוסישע ארמיי שפעטער באקעמפן דער רעוואליוציע. שפעטער בעת קארנילאוו, אלעקסייעוו, קראסנאוו, דעניקין און אנדערע גענעראלן האבן זיך געשטעלט קעגן דער רעוואליוציע, האט זיך באוויזן די וויכטיקייט פון דעם, וואס בא א מערהייט איז געקומען דער געדאנק צו שטימען פארן פאראָרדנונג №1.

די דייטשעסע רעגירונג האט באשלאסן דורכצולאזן לענינען מיט זיינע חברים קיין רוסלאנד מיט א כונה צו דעמאראליזירן דער רוסישער ארמיי, שפעטער זיינען זיי געשלאגן געווארן מיטן אייגענעם שטעקן. די רעוואלוציע האט דערגרייכט אויך צו דער דייטשער ארמיי.

דערביי מערקט זיך, אז פריער צו שפעטער, ווערט דורכגעפירט דורך געשיכטע א געזעצמעסיקע שטראף פאר טיראנען. און אויב מען זאל פרעגן, וואס איז שולדיק דאס גאנצע פאלק, וואס דער טיראן איז אומברחמנותדיק, קומט דער ענטפער, אז טיראנען מוזן האבן א באדן פאר זייערע אכזריות. צווישן א פאלק פון גוטע מענטשן איז קיין אָרט ניטא פאר א טיראן, קליינע טיראנעלעך האלטן אויס א גרויכן טיראן. אויף א באדן פון ווילדגראָז וואקסט אויס א ווילדע געוויקס. דערפאר ווערן פעלקער באשטראפט צוזאמען מיט זייער טיראן.

א גרויסער היסטארישער מוסר השכל ליגט אין דעם טויט פון די מיט-שעפער פון דער רוסישער רעוואליוציע ווי א קאמיניעוו, זינאוויעוו, פיאטא-קאוו און אנדערע. לאגיש האט געקענט קומען א פארשטענדיקונג צווישן די פירער פון דער רוסישער רעוואליוציע, אז ס׳זאל ניט דערגיין צו דאס וואס ס׳איז דערגאנגען. דא ליגט מער גייסטיקער פאקטאר ווי א מעטעריעלער. דאס איז אפשר א שטראף פון דער געשיכטע איבער די וואס האבן געגלויבט אין די אייגענע כחות?

דער מאטעריאליסט טראצקי אין זיין בוך „מיין לעבן" דערציילט וועגן די פסיכישע מאמענטן, אין די טעג פון דער רעוואליוציע, און ניט ווילנדיק דערציילט ער וועגן דעם, ווי די טריט פון די פירער גיסן זיך צונויף מיט די טריט פון דער געשיכטע. „יענע טעג זיינען געווען אומגעווייגלעכע, ווי אין

לעבן פון א לאנד, אזוי אויך אין פערזענלעכן לעבן. די שפאנונג פון די סא-ציאלע ליידנשאפטן, ווי פון די פערזענלעכע כחות, האט דערגרייכט דעם קולמינאציע פונקט. די מאסן האבן געשאפן אן עפאכע, די פירער האבן גע-פילט, אז זייערע טריט גיסן זיך צוזאמען מיט די טריט פון דער געשיכטע. אין יענע טעג זיינען אנגענומען געווארן באשלוסן און אפגעגעבן געווארן בא-פעלן, פון וועלכע עס איז געווען אפהענגיק דער גורל פון פאלק אויף א גאנ-צער היסטארישער עפאכע.

די דאזיקע באשלוסן אבער זיינען כמעט ניט ארומגערעדט געווארן. מיר וואלט אפילו געווען שווער צו זאגן, צו זיי זיינען, ווי געהעריק אפגעשאצט און דורכגעטראכט געווארן. זיי זיינען אייגנטלעך אימפראוויזירט געווארן. דערפון זיינען זיי אבער נישט געווען ערגער. דער שטורם פון די געשעענישן איז געווען אזוי מעכטיק און די אויפגאבן אזוי קלאר, אז די סאמע פאראנט-לעכע באפעלן זיינען אפגעגעבן געווארן לייכט, אין גאנג, ווי עפעס זעלבסט-פארשטענדלעכעס און זיינען אויך אזוי לייכט אויפגענומען געווארן. דער וועג איז געווען פאריויס באשטימט, מען האט נאר געדארפט די אויפגאבן אנרופן ביים נאמען. דערוויילן זיי איז שוין נישט געווען נייטיק און מען האט אויך כמעט ניט געדארפט מער קיינעם רופן און וועקן. אן וואקלעניש און ספקות, האט די מאסע אונטערגעכאפט דאס, וואס ס'איז פאר איר ארויסגעפלאסן פון דער סיטואציע גופא. אונטער דעם לאסט פון די געשעענישן האבן די פירער פארמולירט נאך דאס, וואס האט אנטשפראכן די באדערפעניש פון דער מא-סע און די פאדערונגען פון דער געשיכטע".

דער היסטארישער מאטעריאליסט טראצקי, וועלכער דערציילט פון די איינדרוקן פון די היסטארישע טעג דערציילט אומדירעקט וועגן א גרויסן פסיכישן צושטאנד וואס האט פארכאפט די מאסן—וועגן דער שאפונג פון דער געשיכטע. „די שעפערישע פאראייניקונג פון באוווסטזיניקן מיטן אומבאוווסטזי-ניקן איז דאס, וואס האט געוויינלעך באגייסטערט".

„באגייסטערונג—זאגט טראצקי – זי דרינגט ארויס פון דער העכסטער שעפערישער שפאנונג פון אלע כחות. דאס אומבאוווסטזיניקע הויבט זיך אויף פון די טיפענישן, נעמט געוועלטיקן איבער דער באוווסטזיניקער ארבעט פון געדאנק און גיסט אים צוזאמען מיט זיך אין דער העכסטער אייגנהייט. שעהן פון העכסטער שפאנונג פון די גייסטיקע קרעפטן פארכאפן אין באשטימטע מאמענטן אלע זייטן פון פערזענלעכער טעטיקייט, וואס איז פארבונדן מיט דער באוועגונג פון די מאסן. אזעלכע טעג זיינען געווען פאר די „פירער" די אקטאבער טעג".

טראצקי דערציילט וועגן בירגער קריג אין 1918 בא סוויאזסקי הינטער קאזאן.

„אויף מעריב פראנט האבן די דייטשן פארכאפט פוילן, ליטע, לעטלאנד, ווייסרוסלאנד און א טייל פון גרויסרוסלאנד. פסקאוו אין די דייטשעכע הענט. אוקראאינע איז געווען א דייטש עסטרייכישע קאלאניע. אויף דער וואלגע האבן די פראנצויזישע און ענגלישע אגענטורן זומער 1918 ארגאניזירט אן אויפשטאנד פון טשעכאסלאוואקישן קארפוס, פון געוועזענע קריגס געפאנגענע. די דייטשעסע אויבערקאמענדע האט דורך איר מיליטערישן פארטרעטער געגעבן צו פארשטיין טראצקין, אז אויב די ווייסע וועלן זיך דערנעענטערן צו מאסקווע פון מזרח, וועלן זיך די דייטשן דערנעענטערן צו מאסקווע פון מעריב אין דער ריכטונג פון אָרשע-פסקאוו כדי צו שטערן דער פארמירונג פון א נייעם מזרח פראנט. אויף צפון האבן די ענגלענדער און פראנצויזן אָקופירט מורמאנסק און ארכאנגעלסק און באדראט וואָלאגדא.

אין יאראסלאוול האט זיך אויפגעהויבן א מרידה פון די ווייסגווארדיסטן, ארגאניזירט פון סאווינקאוון אויף דער פאדערונג פון פראנצויזישן געזאנדעטן נולאנס און ענגלישן באפולמעכטיקטן לאקארט, כדי צו פאראייניקן איבער יאראסלאוול און וואלאגדא, די צפון ארמייען מיט טשעכאסלאוואקן און די ווייסגווארדיסטן אויף דער וואלגא. אויפן אוראל האבן געבושעוועט דוטאווס באנדעס אין דרום ביים דאָן, האט זיך אויפגעהויבן אן אויפשטאנד אונטער דער אָנפירונג פון קראסנאוון, וואס איז געשטאנען דאן אוממיטלבאר פארבונדן מיט די דייטשן, די לינקע ס"ר-ן האבן אין יולי ארגאניזירט א פארשווערונג. דערהרגעט דעם גראף מירבאך און געפרווט אויפהויבן א מרידה אויפן מזרח פראנט און האבן געוואלט אויפצווינגען א קריג מיט דייטשלאנד. דער פיינד-לעכער רינג ארום מאסקווע האט זיך פארשטארקט פון אלע זייטן".

„דא בא קאזאן, האט מען אויף א קליינעם שטח געקענט ווארפן אן איבערבליק אויף די פארשיידנארטיקע פאקטארן פון דער מענטשלעכער געשיכטע, און שעפן ארגומענטן קעגן דעם פחדנותדיקן היסטארישן פאטאליזם, וואס פארשלייערט זיך ביי אלע קאנקרעטע און פריוואטע פראגן הינטער דער מאכיווער געזעצמעסיקייט, אויסמיידנדיק איר וויכטיקסטע טרייבפעדער: דעם – לעבעדיקן און ווירקנדיקן מענטשן.

צו דען האט אין יענע טעג א סך געפעלט, אז פון דער רעוואליוציע זאל קיין זכר ניט בלייבן? איר טעריטאריע האט זיך איינגעשרומפן ביז דער גרייס פון דעם אלטן מאסקווער פירשטנטום. זי האט כמעט ניט געהאט קיין ארמיי. די שונאים האבן איר באלאגערט פון אלע זייטן. נאך קאזאן האט עס געהאלטן בא ניזשני-נאווגאראד פון דארט האט זיך כמעט געעפנט אן אומגע-

שטערטער וועג קיין מאסקווע, דער גורל פון דער רעוואָליוציע איז אבער דאן באשלאסן געווארן בא סוויאזשסקי. און דא איז ער אין די סאמע קריטישע מאמענטן געוועזן אפהעניק פון איין באטאליאן, פון איין ראטע, פון איין שטאנד-האפטיקן קאמיסאר. ד. ה. געהאנגען אויף א האר".

טראצקיס שילדערונג קען זיין פארשטענדליך פאר די, וועלכע ס'האבן געזען דעם בירגער קריג ווי אזוי עס פלעגן פארקומען באראטונגען בא די פולקן קאזאקן און אנדערע מיליטער אפטיילונגען. פאר וועלכן צד דער פסיכאז האט פארכאפט, אהין האט מען א קער געטאן זיך צו הילף מיט די גאנצע מיליטער און קרעפטן.

אין יענע מאמענטן האבן ניט בלויז מאטעריעלע מאמענטן געשפילט א ראל, נאר אויך שטימונגען.

כאראקטעריסטיש איז דער מאמענט, וואס טראצקי באשרייבט, ווי פון צופעליקייטן קומען ארויס גרויסע רעזולטאטן. צוליב דעם וואס ער האט זיך פארקילט נאך א יאגד אין 1923 אין די זאבלאטער זומפן הינטער מאסקווע האט ער דורכגעלאזן א וויכטיקע פארטיי דיסקוסיע צוליב וואס סטאלין האט זיך איבער אים געשטארקט; „די פארקילונג האט געבראכט א אינפלוענץ און א מין קריפטאגענישער פיבער. די דאקטוירים האבן מיר פארבאטן אויפצושטיין פון בעט, אזוי בין איך אפגעלעגן דעם רעשט הארבסט און דעם ווינטער. דאס הייסט, אז איך האב פארקרענקט די דיסקוסיע פון יאר 1923 קעגן דעם „טראצקיזם". „מען קען פארויסזאגן א רעוואָליוציע און א קריג, מען קאן אבער ניט פארויסזען די פאלגן פון א הארבסט יאגד אויף קאטשקעס".

לויט דער אויפפאסונג פון בוכארינען זיינען ניטא קיין צופעליקייטן, ווייל אלץ קומט דעטערמינירט פון מאטעריעלן פאקטאר. אבער אביעקטיוו באס-ראכטנדיק קענען זאגן, אז דער געדאנק פון טראצקין צו גיין אויף יאגד איז ניט געווען קיין נויטווענדיקייט לויטן היסטארישן מאטעריאליזם, טראצקי האט געקענט אויך מישב זיין זיך פארן גיין אויף יאגד, אז ער האט קיין חשק ניט צו גיין און דאן וואלט אפשר ניט קומען די נויטווענדיקע פארקילונג ביים טייך אזיר. דאן וואלט אפשר ניט קומען ווי טראצקי רופט עס „די גרויסע רעזולטאטן פון צופעליקייטן".

טראצקי איז בא זיך געווען ברייט אין דער דעה און ער האט געגלויבט אין די אייגענע כחות, האט די געשיכטע אים באשטראפט... אפשר זייענדיק אין גלות האט ער זיך אנגעזאנגען פארטראכטן וועגן כח פון דער וועלט-געשיכטע.

אט דער זעלבער טראצקי, וואס האט זייער געגלויבט אין כח פון איינד-

ווידיאום און געזעלשאפט האט זיך אנגעפאנגען פארטראכטן וועגן מאמענטן פון שוואכקייט און אומבאהאלפנקייט פון מענטש.

דערציילנדיק וועגן לעניגס טויט זאגט טראצקי: „לענין איז געשטארבן דעם 21-טן יאנואר 1924. דער טויט איז שוין פאקטיש געווען פאר אים א באפרייאונג פון די פיזישע און מאראלישע יסורים. זיין אומבאהאלפנקייט און קודם כל דאס וואס ער האט פארלארן די פעהיקייט צו ריידן, בא א פול-שטענדיק קלארן באוואוסטזיין, האט דאס לענין געמוזט שפירן ווי אומדערטרעג-לעכע דערנידערונג. ער האט שוין ניט געקאנט פארטראגן די דאקטוירים".

„די קראנקייט האט זיך פארשלעפט, אן צארן, אבער אויך אן רחמנות האבן די בלינדע נאטור-כחות ארייגעשלעפט דעם גרויסן חולה אין א מצב פון אומבאהאלפנקייט, אן שום אויסוועג".

טראצקי באטאנען די אומבאהאלפנקייט פון עניערגישן רעוואליוציאנער לענין, וועלכער ס׳האט וועלטן געבויט, זיין דערמאנען דעם צושטאנד פון ליגן אן דער פעהיקייט צו ריידן, ביים קלארן באוואוסטזיין, און די אומבאהאלפנ-קייט קעגן די בלינדע-כחות פון דער נאטור. דאס אלץ אין פארגלייך מיטן פעריאד, ווען לויט זיינער א פאראָרדנונג זיינען הונדערטער מענטשן דער-שאסן געווארן, דאס אלץ הייסט צו פארטראכטן זיך וועגן אינדווידיאום און געשיכטע.

ס׳קומט אויס צו פארטראכטן זיך, אז אלע אינדווידיאומען, וועלכע ס׳הויבן זיך אויף, אויף די פאליעס פון גרויסע באוועגונגען און רעוואליוציעס, זיינען מער ניט ווי א געצייג פון דער געשיכטע. זייער גרויסקייט איז גאר-נישט ווערט, ווען די זון פון דער געשיכטע הערט אויף אויף זיי שיינען, און בעת די פאליעס אויף וועלכע זיי האבן זיך אויפגעהויבן פאלן אראפ אין פארווארפן זיי, בלייבן זיי אומבאהאלפן. אזוי איז געווען מיט נאפאלעאן, טראצקי און אנדערע וועלכע ס׳האבן געגלויבט אין די אייגענע כחות. אזוי ארום קענען מיר קומען צום אויספיר, אז די טעאריעס פון לונטשארסקי, אז די געזעלשאפט און דער מארקסיזם קענען ווערן די פארטרעטערין פון דער געוועזענער רעליגיע, און די טעאריעס פון בוכארין, וועלכער שטעלט איבער אלץ בלויז דעם מאטעריעלן פאקטאר, פארענטפערן ניט און פילן ניט אויס דעם חלל פון דער פארווארפענער, ציטווייליק, רעליגיע. אמענדע האט מען אין ראשן פארבאנד אנגעפאנגען פארשטיין, אז רעליגיע וועט ניט באקעמפט ווערן לגמרי און מען האט געביטן די פאליטיק. מיט דעם, וואס זעענדיק, אז די אנטירעליגיעזע פראפאגאנדע ברענגט פארקערטע רעזולטאטן האט מען א ווונק געטאן אפצושוואכן די אנטירעליגיעזע פראפאגאנדע.

דער ארטיקל №124 פון דער נייער סאוועטישער קאנסטיטוציע זאגט: „כדי צו זיכערן פאר די בירגער פרייהייט פון געוויסן איז די קירכע אין ראטן-פארבאנד אפגעטיילט פון דער מלוכה און די שול פון דער קירכע. די פרייהייט פון אנטירעליגיעזער פראפאגאנדע ווערט אנערקענט פאר אלע בירגער“.

אזוי ארום ווערט אנגעגעבן דער מאטיוו פון אפטיילן די קירך פון דער מלוכה און די שול פון דער קירך-פרייהייט פון געוויסן און ניט קאנטערע-וואליוציאנערישקייט פון רעליגיע. איינציייטיק ווערט געגעבן פרייהייט פון אפריכטן רעליגיעזע ציערעמאניעס און אנטירעליגיעזע פראפאגאנדע.

די רעגירונג פון איר זייט באנוגנט זיך לעצטנס מיט געבן פרייהייט דער אנטירעליגיעזער פראפאגאנדע, אבער ס׳איז פארטעמפט געווארן פאקטיש די שארפקייט פון באקעמפן רעליגיע.

פאר נייאר 1936 ד. ה. ענדע 1935 האבן די טעלעגראפן אגענטורן געבראכט די ידיעה, אז אין מאסקווער „פראוודע“ האט פאסטישער פארעפנטלעכט אנ׳ארטיל וועגן דער נייטיקייט פון נייאר כאַינקעס. פאסטישעוו האט געשריבן פארשטייט זיך מיטן הסכם פון די העכערע סאוועטישע אינסטאנצן:

„פאר דער רעוואלוציע פלעגט די בורזשואזיע און אירע באאמטע שטענ-דיק איינארדנען פאר זייערע קינדער ניי-יאר כאַינקעס. די ארבעטער קינדער פלעגן מיט קנאה קוקן דורך די פענסטער אויף די כאינקעס, וועלכע פלעגן פינקלען מיט פארשיידנפארביקע פייערן, און אויף די בורזשואזע קינדער, וועלכע פלעגן פריילעך פארברענגען נעבן דער כאינקע“.

„פארוואס נעמען צו אונזערע שולן, קינדער-היימען, קינדער-גערטנער און קינדער-פאלאצן ביי די קינדער פון ראטן-פארבאנד אָט דעם פרעכטיקן פארגעניגן? נישט אנדערש ווי געוויסע „אויסגעלינקטע“ חברים האבן די דא-זיקע ליבע קינדער-פארוויילונג באצייכנט אלס בורזשואזיע „אויסטראכטעניש“.

„מען דארף צו דעם מאכן א סוף. די כאַינקע קאן פארשאפן אונזערע קינדער פיל פארגעניגן. זאלן אונזערע יוגנט און קינדער אויף דער נאכט פון ניי-יאר איינארדנען קאלעקטיווע כאינקעס. אין די שולן, קינדער-הייזער, פיאנערישע פאלאצן, קינדער-קלובן, קינדער-קינאס און טעאטער — אומעטום דארפן זיין קינדער-כאַינקעס. עס דארף ניט זיין קיין איין קאלווירט, ווו די פארוואלטונג זאל צוזאמען מיט דער קאמוניסטישער יוגנט נישט איינארדנען אויף ניי-יאר קיין כאינקע“.

פאסטישעוו אפעלירט ווייטער צו די פארשיידענע מאכט-אינסטאנצן, אז זיי זאלן העלפן איינארדנען „סאוויעטישע כאַינקע פאר די קינדער פון סא-ציאליסטישן היימלאנד“, און דריקט אויס די איבערצייגונג, אז „די יונגע קא-

מוניסטן וועלן נעמען דעם אקטיווסטן אנטייל אין אויסוואָרצלען דאָס שטותערייִ, אַז אַ קינדער-כאַינקע איז אַ בורזשואַזער פאַראורטייל".

פאַסטישעוו פאַרענדיקט זיין אַרטיקל:

„אַלזאָ,—לאָמיר פאַר די קינדער אָרגאַניזירן אַ פריילעכע באַגעגעניש פון ניי-יאָר, לאָמיר אין אַלע שטעט און קאָלווירטן איינאָרדנען אַ גוטע סאָוויעטישע כאַינקע".

די „איזוועסטיאַ" פון 29 דעצעמבער ציטירט שטעלן פון פאַסטישעווס אַרטיקל און פאַרזיכערט, אַז אויף דעם 30 און 31 וועט שוין דער טרעסט פון גרינס-פלאַנצונגען אָרגאַניזירן אַ ברייטן פאַרקויף פון ניי-יאָר-כאַינקעס גלייכצייטיק האָבן די מאָסקווער אַרטעלן צוגעשטעלט מוסטערן פון שפּילצייג און כאַינקע-באַפּוצונגען, וועלכע וועלן אַרויסגעלאָזט אויפן מאַרק.

די צענטראַלע אַפּטיילונגען פאַר קינדער-אַרבעט האָבן גערופן דרינגנדיקע באַראַטונגען וועגן צוגרייטן כאַינקע באַפּוצונגען און צושטעלן כאַינקעס אין די סטעפּ-געגנטן.

כאָטש אַפילו די דערמאָנטע „כאַינקע" טראָגט ניט דעם זעלבן כאַראַקטער, וואָס די אַמאָליקע כאַינקע אין רוסלאַנד, דאָך בלייבט עס אַ פאַקט פון באַנייען אַן אַלטע רעליגיעזע טראַדיציע אין אַ סאָוויעטישע פאַרב. דאָס זעלבע קען טרעפן, אַז אין רוסלאַנד זאָל מען באַנייען אין אַזאַ אופן פיל רעליגיעזע מנהגים און טראַדיציעס.

דער פאָלקס-פראָנט אין פראַנקרייך האָט אָפן דערקלערט, אַז ער פירט ניט קיין קאַמף מיט רעליגיע. די מערהייט פון דער קירכלעכער הערארכיע אין פראַנקרייך האָט זיך געשטעלט אויפן צד פון פאָלקס פראָנט. דער פאַריזער קאַרדינאַל Verdier האָט נאָכן איבערנעמען די מאַכט דורך בלומען. אַפּעלירט צו די קאַטאָליקן אין פראַנקרייך, זיי זאָלן מיטהעלפן דער רעגירונג פון פאָלקס-פראָנט. און כאַראַקטעריסטיש איז דאָס, וואָס דער אָרגאַן פון וואַטיקאַן „Osservatare romane" האָט פאַרטיידיקט די קאַטאָליקן, אָנהענגער פון פאָלקס-פראָנט, אַנטקעגן די אָנפאַלן פון די רעכטע קאַטאָליקן אין פראַנקרייך. די „דאָמיניקאַנער" אין זייער וואָכנבלאַט "Sept" פאַרטיידיקן די דעמאָקראַטיע. די רעגירונג פון בלום'ען האָט מיטגעאַרבעט מיטן קירך און די קעגנער פון די פראַנצויזישע קאָמוניסטן, האָבן זיי פאַרגעוואָרפן, אַז ניט נאָר וואָס זיי האָבן זיך צוריקגעצויגן פון „בעזבאָזניצטווא", נאָר זיי, די קאָמוניסטן, אַרבעטן מיט, מיט די קאַטאָליקן.

אין אַמעריקע איז געקומען אַ פּאָלקאַטער איבערברוך צווישן די קאָמוניסטן. צום 25-טן דעצעמבער 1936 האָט דער קאָמוניסטישער „דעילי-וואָרי-

קער" אפגעגעבן די גאנצע צייטונג פאר דער „קריסטמעס-פייערונג". אין דער-הויך אויפן ערשטן זייט איז געדרוקט געווען מיט גרויסע אותיות דער קריסט-מעס פסוק: „פרידן אויף דער ערד, גוטער ווילן צו מענטשן". דערנאך אונטער די קעפלעך „מערי קריסטמעס" זיינען געקומען קריסטמוס-באגריסונגען פון דעם „דעילי-ווארקער" און קריסטמוס באגריסונגען צו דעם „דעילי ווארקער".

און דער „דעילי-ווארקער" האט געשריבן: „מערי קריסטמעס! מיר ווינטשן עס יעדן איינעם וואס זיינע אייגן וועלן פאלן אויף די דאזיקע זייטן היינטיקן פרימארגן.

„מיר ווינטשן עס דעם אמעריקאנער פאלק.

„מיר ווינטשן עס די נעגערס.

„מיר ווינטשן עס די מאסן פון אמעריקאנישן פאלק.

„מערי קריסטמעס! וואס באדייט זיכער די פארווירקליכונג פון דעם היסטארישן קריסטלעכן צוזאג: פרידן אויף דער ערד. גוטער ווילן צו די מענטשן".

אזוי האט געשריבן אן'אמעריקאנער צייטונג, וועלכע ס'האט רעפרעזענ-טירט די אמעריקאנער קאמוניסטן, בראש מיט די קאמוניסטישע פירער אין אמעריקע, וויליאם פאסטער און זיינע חברים.

דא מערקן מיר ווידער ווי אזוי רעליגיע בכלל גייט ארויס א זיגערין פון אלע אירע קריזיסן.

אזוי רייסט זיך רעליגיע ארויס פון אונטער די הרובעס שטויב וואס קלייבן זיך אויף איר אן אין משך פון יארן.

איבערראנייס באקומט זי איר יוגנט קראפט און טוט זיך אן אין נייע אדלער פליגלען צו פליען און אויפהויבן זיך צו א נייעם לעבן.

אלע רעליגיעס מאכן דורך זייער עוואליוציע און פליסן צוםברייטן ים און צו די הויכקייטן פון דער אלמענטשלעכער רעליגיע, וואס פילט אן די וועלט ווי דער ים איז פול מיט וואסער.